STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11797

HASIDIM DERTSEYLN

Aviezer Burstin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אביעזר בורשטין

חסידים דערציילן

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תשל"ו / 1976

אביעזר בורשטין

חסידים דערציילן

DENVER
PUBLIC LIBRARY
JUL 1983
CITY & COUNTY OF DENVER

R01132 34774

AVIEZER BURSTIN

Hassidim dertzeiln

839 .093 B9495has YIDDISH
Burstin, Aviezer, 1918-
Hasidim dertseyln /

פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח׳ אלנבי 31, תל-אביב, ישראל

I. L. PERETZ PUBLISHING HOUSE, 31, ALLENBY ST. ,TEL-AVIV, ISRAEL

©

PRINTED IN ISRAEL 1976 נדפס בישראל תשל״ו

סידור: משה חמיאל הדפסה: ״חבצלת״

אינהאַלט

7 דרשה-געשאַנק
13 אַ פאַרשטערטער שבת
20 אויבן און אונטן
26 אַ האַרבע תשובה
31 אַ געלייטערטע נשמה
36 אַ ווייטער בליק
41 אַ מעשה
47 אליהו הנביא
52 עמי-הארצים
57 אַ קמיע
64 האַרץ און מוח
70 איינגעמאַכטס
76 אַ גט אויף תנאי
83 ר׳ לייב שרהס
89 אַ חשד
94 אַ רבי אָן ייחוס
103 כאַבאַר
108 דריי מתנות
114 אַ וואָלף
119 אַ גביר
124 אָפּגענומען אַ חוב
128 שעטנז
133 דאָס געבורט פון אַ צדיק
138 אַ שותף
143 אַ טויטע כלה
149 אַ וואַזשנע יידענע
155 דאָס ערשטע ווייב
162 אַ ליידיקער גיהנום
167 אַ שליסל
173 אַ פּאַטש
177 אַ קדחת
182 אַ ברכה
186 אַ חתן
192 אַ פיש
197 אַ בלאָטע
201 אַ בעל-עגלה

דרשה־געשאַנק

דער הימל — שניי, די ערד — שניי, אַלץ איז שניי. שוין צוויי טעג ווי עס פאַלט דער שניי אָן אויפהער, פאַרדעקט די דעכער, די ביימערצווייגן, די וועגן און שטעגן. די גאַנצע לופט איז פול מיט שניי. עס איז דווקא נישט קאַלט אין דרויסן. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי אין אַלע הייזער וואָלט מען אויפגעשניטן די קישנס און די פוכדעקעס און פאַרפלייצט די גאַנצע וועלט מיט געשליסענע פעדערן.

אין שימקעס האַרבעריק אויפן פאַלטאַווער טראַקט איז געווען פוסט און לער. קיינער קומט נישט, קיינער גייט נישט. בסך־הכּל זענען געווען אין דער גאַנצער אכסניה צוויי געסט, אַ יונגער בחור מיט אַ מיידל, וואָס פאָרן צו אַ פעטער אין קרעמענטשוג און זענען דאָ געבליבן שטעקן צוליבן שלעכטן וועטער.

אַרום מיטאָגצייט האָט דער שניי אויפגעהערט. אַ שטיקל זון האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך די שווערע דיקע וואָלקנס. שימקען איז געוואָרן אַ ביסל פריילעכער אויפן האַרצן. ער האָט זיך דערמאָנט אַז היינט איז חמשה־עשׂר בשבט. ער האָט געהאַט אָנגעגרייט אַ ביסל באָקסער, פייַגן און טייטלען, וואָס ער האָט געקויפט אויפן ניזשנער יאַריד. ער האָט מכבד געווען זיינע געסט מיט די ארץ־ישׂראל־פּירות. דאָס ייִנגל האָט פרום געמאַכט אַ „שהחיינו", און דאָס מיידל האָט זיך פאַררויטלט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ גלאָקנקלאַנג פון אַ שליטן. שימקע האָט זיך געוווּנדערט: ווער קומט עס איצט צו פאָרן נאָך אַזאַ שווערן גע־

וויטער? ער איז אַרויס אין דרויסן אַ קוק טאָן און איז נאָך מער פאַר־וווּנדערט געוואָרן. ס׳איז געווען דער בעל־שם־טוב פון מעזשיבוש מיט זיין סופר, ר׳ צבי־הירשל און דער גויִשער אַנטרייבער אַלעקסיי. שימקע האָט געקענט דעם בעל־שם־טוב. ער איז שוין עטלעכע מאָל געשטאַנען ביי אים אין האַרבעריק צוזאַמען מיט זיינע תלמידים. אַחוץ דעם האָט אים מאָל דער בעל־שם־טוב געהאָלפן, ווען דער גראַף טשאַרניעצקי פון מיראָ־פּאָלע האָט אים געוואָלט אַרויסוואַרפן פון דער אַרענדע. דער רבי האָט אים דאַן געגעבן אַ ברכה, און דער גראַף איז ווייכער געוואָרן, צעלייגט דעם חוב אויף עטלעכע יאָר, און שימקע איז געבליבן ביי דער פּרנסה.

שימקע האָט זיך דערפרייט מיט די געסט. ער האָט צוגעלייגט האָלץ צום אויוון, גוט וואַרעם געמאַכט און מכבד געווען די נייע אורחים מיט חמשה־עשׂר־פּירות. דער בעל־שם־טוב האָט געזאָגט אַ תורה־וואָרט אויף ט״ו בשבט:

— די משנה ברענגט, אַז ט״ו בשבט איז דער יום־טוב פון ביימער, ווייל די זשיוויצע גייט אויף אין די ביימערקנאָספן און זיי ווערן רייף און פעיִק צו מערן זיך און פרוכפּערן. דער זוהר זאָגט, אַז די חמשה־עשׂר־פּירות זענען מתקן דעם חטא פון עץ־הדעת, און אויף דעם טאָג איז געזאָגט גע־וואָרן דער פּסוק אין בראשית: „עץ פּרי עושׂה פּרי למינו״. די תורה הקדושה פאַרגלייכט אַ מענטש צו אַ בוים: „כּי האָדם — עץ השׂדה״...

דער בעל־שם־טוב האָט פּלוצעם אָפּגעהאַקט זיין תורה־שמועס און זיך אָנגערופן צו שימקען:

— איך זע דאָ ביי דיר אין האַרבעריק אַ בחור מיט אַ מיידל. אפשר וואָלט כּדאַי געווען זיי משדך צו זיין. און טאַקע באַלד היינט זיי חתונה מאַכן...

שימקע איז געוואָרן אויסער זיך פון איבערראַשונג. ער האָט אַרויס־געשטאַמלט: „היינט? אין אַזאַ וועטער? קודם דאַרף מען דאָך זיי פרעגן צי זיי האַלטן ביי אַ שידוך! און פון וואַנען וועט מען נעמען אַ מנין ייִדן צו דער חופּה?״

דער בעל־שם־טוב האָט אַ שמייכל געגעבן: „ביז נאַכט זענען נאָך דאָ עטלעכע גוטע שעה. מן־הסתם וועלן נאָך דורכפאָרן עטלעכע ייִדן, וועט מען זיי פאַרהאַלטן און מצרף זיין צום מנין".

כאַטש פאַרווירט און צעטראָגן פון מאָדנעם אָנטראָג, האָט שימקע אויסגעפירט דעם רבינס באַפעל: דער בחור האָט גלייך מסכים געווען צום שידוך. דאָס מיידל איז פיטש רויט געוואָרן, אָבער אין שווייגן איז אויך געווען אַ הסכמה. שימקע האָט באַפוילן דעם ווייב און די קינדער און דער דינסט אָנצוגרייטן די חתונה־סעודה. געווען אין שטוב פיש. ר' צבי־הירשל האָט געשאָכטן אַ פּאָר עופות. אַלעקסיי האָט אָנגעהאַקט האָלץ. עס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק און דראַבינעס. באַלד האָבן פון קיך אַרויסגעשלאָגן זיסע, זויערע און שאַרפע געווירצטע ריחות פון אַלערליי קאָכעכטסער. שימקע איז אַזוי פאַרטאָן געווען ביי דער אַרבעט, אַז ער האָט גאָר נישט באַמערקט ווי עס זענען אָנגעקומען נייע געסט אין האַרבעריק: זיבן שיינע ייִדן מיט גרויע זילבערבערד. זיי האָבן זיך ברייט צעזעצט ביים טיש און געשמועסט מיטן בעל־שם־טוב.

נאָך פאַרן זון־אונטערגאַנג האָט מען פאַרצויגן אַ טלית אויף פיר דרענגלעך. דער בעל־שם־טוב האָט מסדר־קידושין געווען, ר' צבי־הירשל האָט געלייענט די כתובה, און די זיבן שיינע ייִדן האָבן געזאָגט שבע ברכות. נאָכן יחוד פון חתן־כלה האָט מען זיך געזעצט צום חתן־מאָל. דער חתן האָט געשניטן די סעודה־חלה, די געפילטע מיט ראָזשינקעס, געשמאַק געווען ווי לעקעך; די פיש האָבן געהאַט טויזנט טעמען; די גילדענע יויך פול מיט פעטע אויגן, ווי צעלאָזן גענדזנשמאַלץ; דאָס פלייש איז געווען מעדני־מלכים; פון קאָמפּאָט האָט געשמעקט אַ ריח פון גן־עדן, און דאָס ווייַן האָט געהאַט אַ טעם פון יין־המשומר. קיין כלי־זמר זענען נישט גע־ווען. אָבער איינער פון די זיבן ייִדעלעך האָט געהאַט אַ זיס קול, ווי פון אַ פידעלע. ער האָט געזונגען אַ מאַראַליש וואָלעכל, זענען זיך אַלע צעגאַנגען פון הנאה. דער חתן איז נישט געווען קיין תלמיד־חכם, האָט דער בעל־שם־טוב געזאָגט די דרשה און איינער פון די זיבן זקנים איז אַרויף מיט די זאָקן אויפן טיש, אָנגעהויבן פראַווען בדחנות: „איך וועל פלעכטן מיינע ווערטער מיט גראַמען אַז דער חתן מיט דער כלה צוזאַמען האָבן נעבעך

נישט קאָן טאָטן, נישט קאָן מאַמען. דעריבער ליגט אויף יעדן דער חוב גריילעך, מען זאָל זיי מאַכן לוסטיק און פריײלעך, ווייל די כּלה איז אַ מלכּה און דער חתן דומה למלך, ממילא דאַרף קומען יעדן אויפן געדאַנק, צו געבן חתן־כּלה אַ שייגעם דרשה־געשאַנק״...

האָט זיך אויפגעשטעלט דער בעל־שם־טוב און אויסגערופן: „איך גיב אַ ברכה און הצלחה אָן אַן עק און אַ קויש זילבער־באַשטעק״. קומט שוין ר׳ הירשל־צבי און זאָגט צו: „אַ טוץ קופּערנע פענדלעך און טויזנט גיל־דענע רענדלעך״. שטעלט זיך אויף דער ערשטער זקן: „איך גיב צען מאָר־געס פעלדער און די מיראָפּאָלער וועלדער״. זאָגט שוין אויך דער צווייטער זקן: „אַ קאָטש צום פאָרן און אַ דירה מיט אַ גאָרן״. דער דריטער זקן: „איך גיב אַ געשענק טיש און בענק מיט צוויי שענק״. דער פערטער: „איך בלי־נדר, גיב זיי אַלע קליידער״. דער פינפטער: „איך בין אימשטאַנד צו געבן בעטגעוואַנט״. דער זעקסטער זקן: „ביי מיר איז עס ווערט צוויי פּעטע קי און פיר קאַרע פערד״. רופט זיך שוין אָן דער זיבעטער זקן, דער בדחן: „און איך גיב אם־כּן דאָס האַרבעריק פון שימקען״. דער זקן האָט פאַרענ־דיקט: „אַ שטעקעלע אַריין, אַ שטעקעלע אַרויס, דאָס בדחנות לאָזט זיך אויס״...

דער עולם האָט געשמייכלט, חתן־כּלה האָבן געלאַכט, געמיינט אַז עס איז אַ שפּאַס. מען האָט אָפּגעבענטשט, געזאָגט די שבע ברכות, פאַרגאַנ־גען אין אַ מיצווה־טענצל. די זיבן זקנים האָבן זיך געזעגנט אַהיים צו פאָרן. דער בעל־שם־טוב אויך. שימקע האָט זיך מיט זיי געדונגען, געוואָלט זיי זאָלן נאָך בלייבן נעכטיקן. אָבער ער האָט נישט געפּועלט. דער בעל־שם־טוב מיט די געסט זענען גלייך אַוועקגעפאָרן.

עס איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטיל אין האַרבעריק, אַזש געזשומעט אין די אויערן. שימקען האָט אַ מיש געטאָן אין קאָפּ: וואָס איז דאָ פאַרגע־קומען? עס האָט זיך אים געדאַכט אַ חלום. ער האָט צוגערופן דעם חתן און אים אויסגעפרעגט: פון וואַנען ער איז? וואָס ער טוט? ווי אַזוי קען אים דער בעל־שם־טוב? דער חתן האָט אים בתמימות דערציילט זיין קורצע לעבנס־געשיכטע:

— איך בין אַליין פון ביעלעפּאָלע. מיין כּלה אויך. מיר זענען ביידע

יתומים. איך האָב פון דער בר־מיצווה אָן געאַרבעט אין אַ שניטקראָם און מיין כּלה חנה איז געווען אַ משרתת ביים רב. איך פלעג אָפט אַריינקומען צום רב. חנה איז מיר געפעלן געוואָרן. זי פאַרמאָגט אַ גאָלדן האַרץ. האָב איך געטראַכט: איך פאַרמאָג, אַ דאַנק גאָט — צוויי הונדערט רובל, חנה — הונדערט רובל. אַז מיר וועלן אַרבעטן נאָך אַ יאָר צייט וועלן מיר האָבן צוזאַמען 500 רובל, וועלן קאָנען עפענען אַ שטיקל מיסחר און חתונה האָבן. דערווייל איז געשען אַזאַ זאַך: דער ביעלעפּאָלער פּריץ האָט אַרעסטירט זיין יידישן פאַכטער צוליב אַ חוב פון 300 רובל. דער פאַכטער האָט גע־טענהט, אַז יידן פון שטעטל זענען אים שולדיק געלט און ווילן אים נישט באַצאָלן. האָט דער פּריץ געבראַכט דעם פאַכטער אַ געבונדענעם אין שטאָט, אים אַוועקגעלייגט אין מאַרק ווי אַ בהמה צו דער שחיטה און אויסגע־רופן: אויב די שטאָטלייט וועלן אים נישט אָפּגעבן דעם חוב, וועט ער דעם פאַכטער לאָזן אויסגיין אין מיטן גאַס פון הונגער... צוויי טעג איז דער פאַכ־טער געלעגן אין דרויסן הונגעריק, געפרוירן, קיינער האָט זיך נישט גע־רירט פון אָרט. בין איך אַוועקגעגאַנגען צו מיין חנה און געפרעגט, צי איז זי גרייט מיר צו געבן די 100 רובל צו באַפרייען דעם אָרעמען ייִד. חנה האָט אַפילו נישט געפינטלט מיט אַן אויג. זי האָט מיר דערלאַנגט די 100 רובל, איך די צוויי, צוזאַמען 300 רובל. מיר האָבן באַפרייט דעם פאַכטער. עס איז אונדז שוין נישט געבליבן וואָס צו טאָן אין ביעלעפּאָלע. האָב איך צוגערעדט מיין חנה מיר זאָלן פאָרן צו מיינעם אַ פעטער אין קרעמענטשוג, וועלן מיר דאָרט זוכן אַרבעט און חתונה האָבן...

שימקע האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך. ער איז דאָך נישט געווען אַזאַ תּמים ווי די חתן־כּלה. ער האָט פאַרגעשלאָגן דעם חתן, ער זאָל אַליין צופאָרן קיין קרעמענטשוג און חנה זאָל דערווייל בלייבן ביי אים אין האַרבעריק אויף זיינע קאָסטן. ער וועט אים אויך געבן אַ רייטפּערד קיין קרעמענטשוג און צוריק.

צו מאָרגנס גאַנץ פרי איז דער חתן אַרויסגעריטן אין וועג. אַלץ איז געווען פאַרשנייט, האָט ער אַ ביסל געבלאָנדזשעט. ער איז דורכגעריטן אַ שמאָלן שטעגל צווישן צוויי בערג. פּלוצעם האָט ער דערהערט אַ גערויש. ער האָט זיך אומגעקוקט: אָט ליגט אַ פערד מיט צעבראָכענע פיס און

מאַטערט זיך אין גסיסה. אויב אַ פערד, איז דאָך אַוודאי דאָ אויך אַ מענטש. ער איז אַראָפּ פון רייטפערד, גענומען זוכן און טאַקע באַלד געפונען פאַר־שאָטן אין שניי אַ יונגן מענטש, פאַרשטייפט און געפרוירן, ליגט שוין מן־הסתם אַ טאָג צייט. דער חתן האָט אים שנעל געכאַפּט אויפן פערד, צוגע־ריטן צו אַ נאָענטער קרעטשמע און אים אויסגעריבן מיט אַקעוויט. דער געפרוירענער האָט גענומען ווייזן סימנים פון לעבן, געקראָגן קאָלירן אין פנים. נישט לאַנג געדויערט, האָט ער גענומען רעדן און זיך פאַרגעשטעלט אַלס דער יונגער גראַף טשאַרניעצקי פון מיראָפּאָלע. אַז דער געפרוירענער איז שוין געקומען צו זיך, האָט דער חתן, מיט זיין גרויס תמימות, געוואָלט זיך מיט אים געזעגענען און ווייטער פאָרן. אָבער דער יונגער גראַף האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט אים מיטגענומען אין מיראָפּאָלער פּאַלאַץ.

מילא, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דעם מיראָפּאָלער פּאַלאַץ? דער אַלטער גראַף טשאַרניעצקי איז אַרויס פון די כּלים מחמת גרויס שימחה. ער האָט אַ זאָג געטאָן: „איך גיב דעם רעטער פון מיין איינציקן זון צען מאָרגעס פעלד, דעם מיראָפּאָלער וואַלד, אַ גאָרנדיקע דירה, פיר קי מיט צוויי פערד". רופט זיך אָן די באָבע: „פאַרן מציל זיין מיין אייניקל גיב איך טויזנט גאָלדענע רענדלעך, קיכגעשיר פון זילבער, מעבל און בעטגעוואַנט. פאַסט דאָך שוין נישט פאַרן זיידן פון גראַף, האָט ער זיך אויך אָנגערופן: „און איך גיב אים אַ שיין געשפאַן און דעם האַרבעריק אויפן פּאָלטאַוועער וועג".

דער חתן איז צוריקגעפאָרן צו שימקען אין אַ באַגילדעטער קאַטש בכבוד מלכים. ער האָט דערציילט זיין כּלה דאָס גרויסע גליק, וואָס האָט אים געטראָפן אין וועג, געראַטעוועט אַ מענטש און געקראָגן אַזאַ גרויסע באַצאָלונג. ער האָט מוחל געווען שימקען דעם אַרענדע־אָפּצאָל פון האַרבע־ריק אויף עולמות, ווייל אין דעם האַרבעריק איז געווען זיין חתונה און דאָרט האָט ער געקראָגן דעם גרויסאַרטיקן דרשה־געשאַנק...

אַ פאַרשטערטער שבת

שבת און עולם־הבא האָבן בײדע אײן שורש. די מקובלים באַהויפּטן, אַז שבת איז נאָך חשובער פון עולם־הבא, װײל די גאַנצע יניקה פון עולם־הבא ציט זיך פון — שבת...

מיט די װערטער האָט דער בעל־שם־טוב אָנגעהויבן די שבת־תורה פון יענעם װינטערדיקן שבת פּרשת „ויגש". ער האָט פאַרטײַטשט דעם פּסוק „ואת שבתותי תשמרו", אַז דאָ רעדט זיך פון צװײ סאָרטן שבת: דער שבת אויף דער װעלט און דער שבת פון לעתיד לבוא. װער עס איז מכבד דעם שבת דאָ, װעט אים דער עולם־הבא מכבד זײן דאָרט, אויף יענער װעלט פון יום שכּולו שבת... דער זוהר זאָגט אויך אַזוי, אַז שבת איז דער מוסטער פון עולם־הבא, און די גמרא זאָגט אין „ברכות" אַז שבת איז „מעין עולם־הבא". דאָ האָט דער בעל־שם־טוב געפרעגט אַ קשיא: מיר װײסן דאָך װאָס די חכמים זאָגן, אַז אויף יענער װעלט איז נישטאָ קײן עסן און טרינקען, נאָר די צדיקים זיצן מיט די עטרות אויף די קעפּ און האָבן הנאה פון זיו־השכינה. טאָ פאַר װאָס איז שבת גאָר אַ מיצװה צו עסן און טרינקען דרײ סעודות? האָט דער בעל־שם־טוב פאַרשטײן געגעבן מיט אַ משל:

אַ קיסרלעכער זון, אַ פּריץ, איז אַ מאָל אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו אַ רויבער־באַנדע. פאַרשטײט זיך, אַז דער פּרינץ האָט זיך אַרומגעדרײט טרויעריק און אומעטיק. אַ מאָל האָט ער דערהאַלטן אַ בריװ פון טאַטן פול מיט טרײסט און דערמוטיקונג. עס איז אים געװאָרן מיט אַ מאָל פרײלעך אויפן האַרצן. עס האָט זיך אים געגלוסט צו טאַנצן. אָבער װי קען מען פרײלעך זײן, אַז די רויבער דרײען זיך אַרום ערנסט און אָנגעשטרענגט? װאָס האָט דער פּרינץ געטאָן? ער האָט פאַר זײן געלט געהײסן

קויפן גוטן ווייַן און פעטע פלייש און מכבד געווען די רויבערס מיט אַ גוטער סעודה. די רויבערס האָבן זיך אָנגעגעסן, אָנגעטרונקען און פריילעך געוואָרן, האָט דער פּרינץ זיך אויך מיטגעפרייט. אָבער די שימחה איז נישט געווען פון זעלבן מקור. די רויבערס זענען פריילעך געווען פון מאכל און משקה, און דער פּרינץ האָט זיך משמח געווען, ווייל ער האָט זיך באַהאַפטן אין געדאַנק מיט זיין טאַטן, דעם קיסר, צו וועמען ער בענקט מיטן גאַנצן פייער פון זיין נשמה... דאָס זעלביקע — האָט דער בעל־שם־טוב אויסגע־פירט — אַז עס קומט דער הייליקער שבת אויף דער וועלט. די נשמה פון מענטש דערפילט דעם זיסן טעם פון דער הייליקער שכינה און עס ווילט זיך איר פריילעך זיין, אָבער ווי קען זי זיין פריילעך אַז זי זיצט געפאַנגען אין טרויעריקן מגושמדיקן גוף? דעריבער איז אַ מיצווה צו געבן דעם גוף אַ גוטע פעטע סעודה פון פיש, פלייש און שאַרפן ווייַן, ווערט ער אויפ־געלייגט און פריילעך, קען שוין די נשמה אויך זיך פרייען מיטן בורא־עולם...

געוויינטלעך זאָגט אַ רבי תּורה אויף ענינים, וואָס ווערן דערמאָנט אין פרשת־השבוע. טאָ פאַר וואָס האָט דער בעל־שם־טוב געזאָגט זיין תּורה אויף שבת און עולם־הבא, וואָס ווערן גאָרנישט דערמאָנט אין פרשת „ויגש״? קיינער האָט נישט געוווסט פאַר וואָס. דער בעל־שם־טוב אַליין — אויך נישט. ווייל אַ רבי זאָגט נישט די תּורה וואָס אים גלוסט זיך, נאָר וואָס מען הייסט אים פון הימל. און אַז מען הייסט פון הימל, איז נישט שייך...

מוצאי־שבת, ווען דער בעל־שם־טוב איז געזעסן מיט זיין חבריה ביי דער מלווה־מלכה־סעודה, איז געשען אַ מאָדנע געשעעניש. אַלעקסיי, דער קוטשער, איז פּלוצעם אַריינגעקומען מיטן בייטש אין האַנט, אָנגעטאָן אין אַ קוטשמע און אין שעפּסענעם פּעלצל און האָט אויסגערופן אַז דער געשפּאַן איז שוין גרייט צום פאָרן. אַלע האָבן אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט: ווער האָט אים גערופן? ווער האָט אים געהייסן שפּאַנען? אָבער אַלעקסיי האַלט זיך ביי ס׳זייניקע: דער וואָגן איז שוין געשפּאַנט, מען קען שוין פאָרן! דער בעל־שם־טוב האָט פאַרשטאַנען דעם רמז. ער האָט אָנגעטאָן די זשיפּיצע מיטן ספּאָדעק, מיטגערופן זיינע דריי דודקעס: די תּלמידים ר׳ דוד מיקאָלאַיעווער, ר׳ דוד לייקעס און ר׳ דוד ס׳ירקעס, און מען האָט זיך אויפגעזעצט פאָרן.

על־פּי רוב האָט דער בעל־שם־טוב געוווּסט וווהין מען פאָרט, ער האָט נאָר פאַר די תּלמידים נישט אויסגעזאָגט. דאָס מאָל האָט ער אַליין אויך נישט געוווּסט ווו מען פאָרט. אַלעקסיי איז אַרויסגעפאָרן הינטער דער שטאָט, ער האָט אַ ברייטן געגעץ געגעבן און איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. די פערד האָבן גענומען ציִען מיט אַ גאַלאָפּ אין דער צפון־ריכטונג. מיטן מאַרגנשפּראָץ זענען זיי אָנגעקומען אין אַ שטעטל, געדאַוונט און געגעסן. אַלעקסיי האָט זיי ווידער דערמאָנט אַז דער וואָגן איז געשפּאַנט, האָבן זיי זיך אויפגעזעצט און ווייטער געפאָרן. אַזוי זענען זיי אָפּגעפאָרן אַ גאַנצע וואָך. פרייטיק אין דער פרי האָבן די פערד אַריינגעצויגן דעם וואָגן אין אַ געדיכטן וואַלד. דער בעל־שם־טוב איז אַ ביסל אומרויִק געוואָרן. עס איז דאָך ערב שבת! די תּלמידים האָבן אים אָנגעקוקט פאַרחידושט. אָבער ער האָט זיי נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. ער האָט פּלוצעם דערפילט, אַז דער מוח איז אים ליידיק און ער האָט פאַרלוירן אַלע זײַנע מדרגות... דער וואַלד ווערט וואָס אַ מאָל מער געדיכטער. מען זעט שוין נישט קיין שטיקל הימל, נישט קיין סימן פון אַ זונענשטראַל, און דאָ רוקט זיך דער טאָג. עס ווערט שפּעט. דער וואָגן סקריפּעט אויף די אָנגעשיטע בוים־נאָדלען און עס זעט זיך נישט קיין סימן פון אַ ייִשוב. אַ שעה פאַר ליכטצינדן איז דער וואַלד געוואָרן אַ ביסל שיטערער און זיי האָבן דערזען אַ דאָרפיש הייזל מיט אַ פּלויט און אַ ייִד שטייט און האַקט האָלץ. אָבער וואָס פאַר אַ ייִד? אַ צעוואַקסענער, אַ מגושמדיקער, אַ רויט פּנים, ווי אַ צוויקל, מיט האָריקע הענט און קלעצערפיס. ער האָט אויף זיי געעפנט אַ פּאָר גזלנישע אויגן און געפרעגט וואָס זיי ווילן. אַ מאָדנער פּחד האָט זיי אַרומגעכאַפּט. ר׳ דוד לייקעס האָט אים געפרעגט הכנעהדיק, צי עס איז דאָ אין געגנט אַ ייִדישער ייִשוב, ווו מען קאָן נאָך אָנקומען פאַר שבת. דער מגושמדיקער פּויער האָט זיי געענטפערט מיט אַ הייזעריקן קול, אַז דער נאָענטסטער ייִשוב ליגט אַ דרייסיק וויאָרסט פון דאַנעט און מיט אַ וואָגן נעמט עס אַ פיר־פינף שעה. עס איז זיי קאַלט געוואָרן הערנדיק די תּשובה פון פּויער. ר׳ דוד מיקאָלאַיעווער האָט זיך צו אים געוואָנדן מיט אַ בעטנדיקער שטים, ער זאָל זיי דערלויבן האַלטן שבת ביי זיך אין שטוב. זיי וועלן אים דערפאַר גוט באַצאָלן. דער פּויער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הילכיקער שטים:

„כאַ־כאַ, מען דערקענט אויף אייך אַז איר זענט באַנקקוועטשערס, לאַמ־דזשוכעס, דאַרמאַיעדניקעס, און אפשר גאַר — חסידאַקעס! איר קענט נאָך מיך באַגנבענען און אַנטלויפן!" נאָך אַ לאַנגער רעדעניש און דינגעניש האָט דער פּויער, יופּנן, ווי ער האָט זיך געררופן, דערלויבט זיי צו בלייבן שבת ביי אים, נאָר ער האָט מיט זיי אויסגענומען תּנאים: זיי זאָלן נישט פּראַווען פּוילע שטיק, נישט וואָרקען ביים דאַווענען און נישט שנאָרכן אין שלאָף, נישט מרוקען קיין זמירות און נישט שאָקלען זיך ביים בענטשן. און טאָמער וועט איינער אים ווידערשפּעניקן, וועט ער אים אָנלייגן טויטע קלעפּ, אַרויסוואַרפן אין דרויסן און נאָך אָנרייצן אויף אים די ווילדע הינט... אַ קאַלטער שווייס האָט זיי אַרויסגעזעצט אויפן שטערן. הענט און פיס האָבן זיי געציטערט, אָבער אַ ברירה האָבן זיי געהאַט? דער בעל־שם־טוב מיט די תּלמידים זענען שטיל־שווייגנדיק אַריין אין דער כאַטע. עס איז אַפילו קיין בענקל נישט געווען צום זיצן, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע. זיי האָבן עפּעס געהערט ווי עס רודערט זיך אין אַ פאַרשלאָסן צימער. דאָס האָט זיי נאָך מער פּחד אָנגעוואָרפן. דער בעל־שם־טוב מיט אַ תּלמיד זענען אַרויס אין דרויסן, געוואָלט זיך טובלען אין אַ דערנעבנדיקן טייכל לכּבוד שבת, איז זיי יוחנן באַפאַלן מיט געליאַרעם:

— שמוציקע חיות, דראַלאַצעס! איר ווילט מיר נאָך דעם וואַסער פאַרסמען. אַריין צוריק אין שטוב!

דער בעל־שם־טוב האָט נאָך קיין מאָל נישט געפילט אַזאַ פּחד און שלעכט געפיל ווי איצט. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט געווען אַנט־קעגן די יסורים וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען מיטן אָנקומען פון שבת־קודש. יוחנן איז אַריין אין שטוב אַזוי ווי עשׂו־הרשע. עס האָט אים גע־שליידערט און געוואָרפן. ער האָט געררעוועט און געברומט ווי אַ ווילדע חיה. דער עיקר האָט ער זיך פאַרנומען אויפן בעל־שם־טוב, ער האָט אים געגעסן די גאַל, געזידלט און געשנידלט. די תּלמידים האָבן מורא געהאַט זיך אָנצורופן.

געקומען צו קבלת־שבת האָט יוחנן אָנגעהויבן מורמלען דאָס דאַווענען ווי אַ ווינטמיל, און אַז דער בעל־שם־טוב איז אַ ביסל לענגער געשטאַנען ביי שמונה־עשׂרה, האָט ער אויף אים געשריגן בקולי־קולות, אַז ער זאָל

שוין אויסגיין... צום קידוש האָט ער אָנגעגאָסן אַ גלאָז בראָנפן און גע־זעצט די ווערטער ווי אַ בלינד פערד. אַ האַלבן קידוש האָט ער סתם אַראָפּ־געשלונגען, און זיינע געסט האָט ער געהייסן יוצא זיין... די זמירות האָט ער נישט געלאָזט זינגען און פון בענטשן האָט ער זיך אויסגעלאַכט. שלאָפן האָט ער זיי באַפוילן זיך אויסלייגן אויף דער פּאָדלאָגע און זיך צודעקן מיט די זשיפּיצעס. אַ גאַנצע נאַכט האָט דער בעל־שם־טוב נישט געקענט שלאָפן פון צער. די תלמידים האָבן אים געוואָלט טרייסטן, האָט יוחנן אַ געשריי געגעבן: „שטיל זאָל זיין! איך וועל אייך צעקאַטעווען אויף שטי־קער!..״ דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט שבת אַ גאַנצן טאָג. שלוש־סעודות האָט ער זיי נישט געוואָלט געבן: „געַנוג געפרעסן אַ גאַנצן טאָג״...

נאָך הבדלה האָט יוחנן אויסגעשטרעקט די האַנט. ער וויל מען זאָל אים שוין באַצאָלן פאַרן עסן. ער האָט זיך געדונגען מיט זיי ווי אַ פּויער אויפן מאַרק. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטאָן דעם פּעלץ און איז אַרויס אין דרויסן. ווי נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען האָט זיך געעפנט די טיר פון פאַר־מאַכטן צימער און עס האָט זיך באַוויזן אַ יונגע פרוי, שיין און ריין אָנגע־טאָן. זי האָט געזאָגט די געסט אַ הויכן גוט־וואָך און זי האָט געפרעגט דעם בעל־שם־טוב צי ער דערקענט זי נישט. דער בעל־שם־טוב ווערט דאָך נישט גיין אָנקוקן אַ ייִדענע, האָט ער געבעטן זי זאָל אים זאָגן ווער זי איז. זי האָט אים דערמאָנט, אַז זי הייסט שׂרה און מיט אַ יאָר 20 צוריק, ווען זי איז אַלט געווען אַכט יאָר, זענען אירע עלטערן געשטאָרבן, און ער, דער בעל־שם־טוב, האָט זי אַריינגענומען אין שטוב צום האָדעווען. אַ מאָל האָט זי זיך צעקריגט מיט דער רביצין און זי איז אַנטלאָפן פון זיין שטוב. זי האָט חתונה געהאַט מיט איר מאַן יוחנן און זי וווינט דאָ אין וואַלד שוין אַ צען יאָר צייט.

די תלמידים זענען דערציטערט געוואָרן: ווי קען אַזאַ איידעלע פרוי לעבן מיט אַזאַ גראָבן פּליגל?

עס האָט נישט לאַנג געדויערט איז יוחנן צוריקגעקומען, אָבער שוין נישט דער זעלבער יוחנן. די תלמידים האָבן געריבן די אויגן פון וווּנדער: וואָס איז דאָ געשען? אָט שטייט ער, יוחנן, אַ שמייכלענדיקער, די גזלנישע אויגן זענען איצט ווייך און גלאַנציק, מיט אַן אויסדרוק פון רחמנות; אַ

היכער שטערן מיט טיפע שלייפן, ווי ביי אַ תּלמיד־חכם; די באָרד אויס־געקעמט און בכּבודיק אויסגעשפּרייט אויפן טוכענעם איבערציִער. אַפילו דאָס קאַפּל פון קאָפּ קוקט אַראָפּ ווי אַ קאַפּל פון אַ לומדישן ייִד. די שטים זיינע איז ווייך און קלינגענדיק און ער רעדט אַזוי שטיל און געלאַסן. יוחנן האָט זיי אויסגעשטרעקט אַ וואַרעמע פוקע האַנט צו שלום־עליכם, ווי ער וואָלט זיי פריִער נישט געקענט און נישט געזען. ביסלעכווייז האָט דער בעל־שם־טוב גענומען צוריקקריגן זיינע מדרגות. ס׳איז אים ליכטיק געוואָרן אין מוח און דאָס פּנים האָט אים גענומען פלאַמען. ער האָט גלייך באַמערקט אַז דער דאָזיקער יוחנן איז גאָרנישט קיין פּשוטער פויער, ווי מען האָט פריִער געמיינט. ער האָט זיך דערנענטערט צו אים אוןביידע האָבן זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל שמועסן.

די דאָזיקע נאַכט זענען שוין די תּלמידים געשלאָפן אין ווייכע בעטן מיט בעטגעוואַנט. דער בעל־שם־טוב האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געסודעט מיטן גאַסטגעבער ר׳ יוחנן. באַלד אין דער פרי האָבן זיי געדאַוונט און גע־געסן אָנבייסן, און ר׳ יוחנן האָט זיי אָנגעוויזן אַ נאָענטן וועג ווי מען קען שנעל אָנקומען צו אַ ייִשוב.

אויפן וועג האָט דער בעל־שם־טוב דערציילט די תּלמידים וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דעם דאָזיקן שבת. ער האָט זיי דערציילט פון דער יתומה שׂרה, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט ביי אים אין שטוב. אַ מאָל האָט זי זיין פרוי געצוואָגן דעם קאָפּ לכּבוד שבת. ביים וואַשן און קעמען די האָר האָט די יתומה זיך צעשריגן, איז געגאַנגען זיין ווייב און האָט איר דערלאַנגט אַ פּאַטש. ער, דער בעל־שם־טוב, איז דערביי געשטאַנען און געקוקט און זיך גאָרנישט אָנגערופן. די יתומה איז אַנטלאָפן פון שטוב. ער האָט זי געזוכט און נישט געפונען. דערווייל האָט זיך די יתומה אָנגע־דונגען צו אַרבעט אין אַן אַנדער שטעטל ביי לייטישע הייזער, און זי האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט יוחנן, וואָס איז איינער פון די ל״ו צדיקים פון דור...

— דערפאַר ווייל איך האָב געשוויגן בשעת מיין ווייב האָט געשלאָגן די יתומה — האָט דער בעל־שם־טוב פאָרגעזעצט — האָט אַ קטרוג אין הימל געפּאָדערט מען זאָל מיר צונעמען מיין חלק אין עולם־הבא... מיר האָט

מען דאָס נישט מגלה געווען פון הימל, אָבער דער צדיק ר׳ יוחנן האָט געוווּסט פון דעם. דעריבער האָט ער געבראַכט דערצו, אַז איך זאָל מיך פאַרוואָגלען צו אים אויף שבת, און היות ווי שבת איז „מעין עולם־הבא״, האָט ער אַלץ געטאָן, כּדי צו פאַרשטערן מיר דעם שבת, און דאָס זאָל זיין אַן אָפּקומעניש פאַר מיין גרויסן חטא...

— אַ דאַנק און אַ לויב דעם באַשעפער — האָט דער בעל־שם־טוב אויסגעפירט — אַז מען האָט זיך אויף מיר מרחם געווען פון הימל. אַזוי זאָל השם־יתברך העלפן אַלע ייִדן זיי זאָלן זוכה זיין צום יום שכּולו שבת, צו קדושה און צו מנוחה לחיי עולמים...

אויבן און אונטן

אַ בעל־מלאכה אין שטעטל האָט אין יענער צייט פאַרדינט קוים אויפן טאָג אויסקומעניש, מכּל־שכּן אַן איינבינדער. מילא אַ שוסטער, אַרבעט פאַר ייִדן און גויִים, פאַרט אויף יאַרידים, אָבער אַן איינבינדער האָט אויף יאַרידים נישט וואָס צו זוכן, אַ גוי האָט נישט וואָס צו בינדן, אַ ספר קלעפּט זיך צו אַ פּויער, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. נאָר וואָס דען? עס מאַכט זיך אַ מאָל ביי אַ ייִד אַ צעריסענער סידור, אַ צעפליקטער מחזור, אַ צעפּאַלענער חומש, אַ צעשאָטענע צאינה־וראינה. וויפל קען מען שוין נעמען פאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט? אַוודאי נישט קיין תּרפ״ט אלפים. ממילא פאַרשטייט מען, אַז אַן איינבינדער קען קוים אַרויסשלעפּן אַ ביסל פּרנסה און ער דאַרף זיך גוט מוטשען ער זאָל קענען שבת מאַכן כּראוי.

שבתאי איינבינדער פון אַפּט איז נאָך צו די אַלע מעלות געווען אַ תּמים און אַ בטלן אויך. ביז אַ האַלבן טאָג איז ער געזעסן אין בית־המדרש, געדאַוונט און געלערנט אַ פּרק משניות. נישט גערעדט, נישט געקוקט און נישט געזען וואָס ס׳טוט זיך אַרום. ייִדן זיצן ביים אויוון, רעדן אַ וואָרט לשון־הרע, שמועסן פון דייטש, פון פּאָניע, יעדער איינער לייגט צו אַן אויער. שבתאי — נישט. אָפּגעטאָן דאָס זייניקע אין בית־המדרש, איז ער אַהיימגעגאַנגען עפּעס איבערבייסן, געוואַשן צו „שׂאו ידיכם״ און געבענטשט ווי אַ ייִד, אָנגעטאָן דעם פאַרטעך און זיך גענומען צו דער אַרבעט ביז מינחה ומעריב.

געווען אַ מאָל אַ מעשׂה אין אַפּט מיט אַ שניידעריונג, וואָס האָט גע־אַרבעט ביים פּריץ און געהאַט אַ גוט קול צום זינגען, האָט זיך אים פאַר־

גלוסט נישט מער און נישט ווינציקער — צו דאַווענען יום־כּיפּור פאַרן עמוד. פאַרשטייט זיך, אַז די ראשי־הקהל האָבן אים אָנגעשייגעצט און אויס־געבייטלט אַלע זייערע פינצטערע חלומות אויף זיין קאָפּ. וואָס האָט ער געטאָן, דער לאָבוז? ער איז אַוועק צום פּריץ מיט אַ מסירה, אַז די ראשי־הקהל לאָזן אים נישט דאַווענען פאַרן עמוד, ווייל ער אַרבעט פאַר גויִם. האָט דער פּריץ אַרויסגעגעבן אַ שטרענגן באַפעל, מען זאָל אים, דעם שניי־דער, לאָזן דאַווענען אָן טענה־מענה. נו, אַ באַפעל פון פּריץ קען מען נישט ווידערשפּעניקן. האָט מען אים צוגעלאָזט צום ברעטל. אָבער אַז ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן טאָן, האָט דער עולם געגומען פּאַטשן און קלאַפּן אין די מחזורים — הימל עפן דיך! דער רעש איז געווען אַזוי גרויס, ווי ביי אַן ערד־ציטערניש. דער חזן האָט געשריגן און דער עולם האָט געהאַקט אין די מחזורים. ביז דער חזן איז הייזעריק געוואָרן און די מחזורים — צעריסן אויף שטיקער.

מוצאי־יום־כּיפּור זענען געקומען מענטשן ווינטשן שבתאיען אַ גוט קוויטל און האָבן צוגעלייגט: „שבתאי! דו האָסט גוט געדאַוונט דעם יום־כּיפּור, דו וועסט האָבן אַרבעט איבערן קאָפּ, אַלע מחזורים זענען צעריסן"... קוקט זיי שבתאי אָן פאַרחידושט: וואָס? ווען? ווייזט זיך אַרויס, אַז שבתאי איז אַזוי פאַרטיפט געווען אין תּפילה, אַז ער האָט נישט געהערט פון גאַנצן געטומל... נו, איז דאָס נישט קיין בטלנות?

אין שטאָט האָט מען שבתאיען זייער ליב געהאַט פאַר זיין ערלעכ־קייט און גוטע מידות. ער האָט ליב געהאַט צו טאָן טובות פאַר מענטשן. נישט געווען קיין קראַנקער אין שטאָט, וואָס שבתאי איז אים נישט גע־גאַנגען מבקר־חולה זיין; פאַר הכנסת־כּלה האָט ער אויסגעטאָן דאָס פאַר־טעך און איז אין מיטן דער אַרבעט געגאַנגען שאַפן געלט. זיין ווייב פּערעלע איז אויך געווען אַ גוטע נשמה. פאַר יענעם וואָלט זי אַלץ אַוועקגעגעבן, און פאַר זיך האָט מען זיך באַגנוגנט מיט אַ טאָפּ בולבעס פון ערב שבת צו ערב שבת. נאָר וואָס דען? דעם שבת־קודש האָבן שבתאי און פּערל מכבד געווען איבער די כּוחות. אַ גאַנצע וואָך האָט מען געשפּאָרט, כּדי וואָס שענער מאַכן דעם שבת. דאַכט זיך, אַז ביים גרעסטן גביר האָט מען נישט צוגעגרייט אַזעלכע פּאַטראַוועס און מעדנים ווי ביי שבתאי אייגבינדער:

דעם גרעסטן פיש, דעם פעטסטן קוגל, אַ גוט שטיקל ברוסטפלייש און שפּאַנדרע אין טשאָלנט אַריין און אַ צימעס — פאַרן קיסר.

אָבער דאָס איז געווען יונגערהייט, ווען שבתאי האָט נאָך געהאַט זיין כּוח אין די לענדן. אָבער די יאָרן שטייען נישט. אויף שבתאיען האָט זיך אָנגערוקט די זיקנה: די קני ברעכן, די הענט ציטערן, די אויערן זשומען און די אויגן טרערנען. אַ שטיקל אַרבעט פאַלט פון האַנט אַרויס. פּערעלען האָבן זיך אויך פאַרטיפט די קנייטשן אין שטערן. אַלע יאָרן האָבן זיי גע־האָפט נאָך צו האָבן אַ שטיקל קינד, אַ קדיש נאָך 120 יאָר, ווייל פּערלס טראַכט איז געווען פאַרמאַכט. אָבער אַז מען ווערט אַלט איז שוין די האָפענונג אַ שוואַכע. פון דעסטוועגן האָט שבתאי מיט זיין תּמימותדיקער פרומקייט אַלץ גענומען פאַר ליב, ווי די הייליקע חכמים זאָגן: וואָס גאָט טוט, איז אַלץ צום גוטן...

אַ מאָל אין אַ ווינטער האָט זיך שבתאי צוגעקילט און איז אָפּגעלעגן עטלעכע וואָכן צו בעט. עס האָט געקאָסט געלט, דאָקטוירים און רעצעפּטן. עס האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס מאָגער ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, אין שטוב האָט זיך גענומען פילן אַ דוחק. מילא, אין אַ וואָכנטאָג קען מען פאַר־שטופּן דעם מאָגן מיט אַ שטיקל שוואַרץ ברויט און אַ ביסל פאָסטנע גריץ. אָבער דאָ דערנענטערט זיך דער שבת־קודש און עס איז נישטאָ וואָס אָנצו־גרייטן פאַר זיין כּבוד ווען. שבתאי האָט לאַנג פאַרבראַכט אין בית־המדרש און שטיל געבעטן השם־יתברך זאָל אים העלפן נישט צו פאַרשטערן דעם הייליקן שבת, וואָס ער האָט כּל־ימיו אָפּגעהיטן מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און מסירת־נפש. געווען שכנים, גוטע פריינד, וואָס האָבן אים געוואָלט מכּלומרשט אַנטלייען אַ גמילות־חסד. אָבער נישט שבתאי, נישט פּערל האָבן געוואָלט אָנקומען צו מענטשלעכן גאָב. אַזוי איז אַריבער דער מיטוואָך, דאָנערשטיק, געקומען פרייטיק אין דער פרי איז שבתאי געגאַנגען דאַווע־נען בהשכּמה און האָט אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אין שול. צו וואָס אָנטאָן זיין פּערעלען עגמת־נפש! ערשט נאָך קבלת־שבת איז ער אַהיימגעקומען מיט געשטרויכלטע פיס, און אין זיין מוח האָבן זיך געוועבט געדאַנקען, ווי אַזוי צו טרייסטן דאָס ווייב: מען טאָר דאָך נישט טרויעריק זיין אום שבת; מן־הסתּם איז אַזוי באַשערט פון הימל. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך

דערנענטערט צו זיין אָרעם שטיבל, האָט ער דערזען, ווי פון פענצטער שטראָמט אַ העל ליכט און עס שלאָגן זיך אַרויס ריחות פון שבת־מאכלים. שוין פול מיט גייגער האָט ער אַן עפן געגעבן די טיר: ווייל צו די אויגן, וואָס זעען דאָס! פון הענגלייכטערס האָבן אַראָפּגעבלינצלט פריילעכע ליכט־פייערלעך, אויפן שניי־ווייסן טישטעך האָבן זיך געפלאָכטן צוויי ברוינע חלות, גלאַנציקע פון אייער־שמירעכץ, אַן אונגאַרישע וויַינפלאַש האָט זיך גערויטלט אַנטקעגן די צוויי וואַקסענע שבת־ליכט אין די מעשענע לייכטערס, פון אויוון האָבן אַרויסגעשמעקט געוויערטע פיש און איינגעדומפּט פלייש. פּערעלע, אָנגעטאָן אין דער שבת־יופּע, מיט אַ ווייס שערצל און אַ שטערן־טיכל מיט פאַרביקע פּאַטשערקעס, האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן אַ פריילעכן גוט־שבת. שבתאי האָט געווישט די אויגן: וואָס איז דאָ געשען? אפשר אַ פאַרבלענדעניש! אָבער די שבת־מלכתא פאַרפולט די שטוב מיט אַ גן־עדן־ריח. פּערעלעס אויגן פינקלען ווי אין דער ערשטער חתונה־וואָך.

אַזאַ געשמאַקן קידוש מיט אַזוי פיל כוונות און האַרץ־שימחה האָט נאָך שבתאי קיין מאָל נישט געמאַכט. פּערעלע האָט דערלאַנגט די שבת־מאכלים. זיי שמעקן ווי דער אפרסמון־טייך. די שבת־זמירות זינגען זיך אַליין, ווי דוד המלכס פידעלע. די צוויי אַלטע לייט האָבן שוין יאָרן נישט געפילט אַזאַ תענוג. די כוחות האָבן זיך באַנייט ווי אין דער יוגנט און עס ווילט זיך גאָר טאַנצן. טאַקע באַלד נאָכן בענטשן האָט שבתאי אַ כאַפּ געגעבן זיין פּערעלען און געלאָזט זיך אין אַ התלהבותדיקן ריקוד. די פיס הייבן זיך קרעפּטיק, די אויגן גלאַנצן ווי אַ שפּיגל, די בעקלעך רויטלען זיך ווי ביי חתן־כלה. דער טאַנץ ווערט וואָס אַ מאָל הייטערדיקער, פריידיקער, שבתאיס היטל האָט זיך פאַררוקט באַקעם. די קאַפּאָטע־פּאָלעס — צעפלויגן, מען טאַנצט, האָפּקעט און מען ווערט גאַרנישט מיד...

אין דער זעלבער שעה איז דער בעל־שם־טוב אין מעזשיבוש געזעסן מיט זיין הייליקער חבריה און געפירט דעם שבת־טיש. פּלוצעם האָט זיך אַ ברייטער שמייכל צעלייגט אויף זיין פּנים און איז מיט אַ מאָל אויסגעבראָכן אין אַ הילכיקן געלעכטער. די תּלמידים זענען דערשטוינט געוואָרן: פאַר וואָס לאַכט דער רבי אין מיטן דער שבת־סעודה? ר׳ וואָלף קיציס, אַ געוואַגטער און דרייסטער יונגער־מאַן, האָט געפרעגט דעם רבין, אָבער

דער בעל־שם־טוב האָט ווייטער געלאַכט און נישט געענטפערט. די תּלמידים האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז פאַר מוצאי־שבת וועלן זיי נישט וויסן דעם באַשייד.

מוצאי־שבת האָט דער בעל־שם־טוב געהייסן שפּאַנען דעם וואָגן. דער בעל־שם־טוב איז אויפגעזעסן, די חבריה האָט זיך מיטגעכאַפּט. ווי תּמיד איז אַלעקסיי דער שמייסער באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן, און די פערד זענען אַוועק אין אַ גאַלאָפּ איבער פעלדער און וועלדער. אויפן וועג האָט דער בעל־שם־טוב געשמועסט דברי־תּורה. ער האָט שטאַרק משבח געווען תּמימות און פּשוטע אמונה. „חכמה איז טאַקע אַ חשובע מדרגה, אָבער אַנטקעגן דעם רבונו־של־עולם, וואָס פאַר אַ חשיבות האָט עס? בעסער איז פּראָסטע אמונה, כאָטש דער פּסוק זאָגט: „פּתי יאמין לכל דבר״, אַ נאַר גלייבט אין אַלעם. שטייט אויך אין פּסוק: „שומר פּתאים ד׳״, גאָט היט די נאַראָנים...

זייענדיק פאַרטיפט אין שמועס האָט די חבריה כּמעט נישט באַמערקט, ווי די ערד איז געשפּרונגען אונטער די רעדער פון וואָגן. פאַרטאָגצייט זענען זיי אָנגעקומען קיין אַפּט און זענען באַלד אַוועק צו שבתאיען אין שטוב. ער האָט זיך שוין געגרייט צו גיין דאַווענען „ותיקים״. האָט אים דער בעל־שם־טוב אָפּגעהאַלטן און געפרעגט, וואָס ער האָט געטאָן דעם לעצטן פרייטיק צו נאַכטס. שבתאי האָט מיט זיין גרויס תּמימות דערציילט דעם פאַרלויף פון דער וואָך, ווי ער האָט תּפילה געטאָן צו גאָט, עס זאָל אים נישט פאַרשטערט ווערן דער שבת־קודש, און ווי זיין תּפילה איז אָנגענומען געוואָרן. זיין ווייב איז פרייטיק מיטאָג צוגעגאַנגען צום קליידער־אַלמער זוכן עפּעס, איז אַרויסגעפאַלן אַן אַלטער בגד, וואָס איז שוין פאַרלוירן געווען אַ סך יאָרן, אַ ירושה־בגד, מיט אַ שורה פון גרויסע זילבערנע קנעפּ. זיין ווייב פערעלע האָט אָפּגעריסן עטלעכע קנעפּ, פאַרקויפט דעם גאָלדשמיד און געקראָגן אַ חשובע מטבע. זי האָט גלייך איינגעקויפט אַלע שבת־פּראָדוקטן און צוגעגרייט אַ שבת, הלוואי אויף אַלע יידן געזאָגט.

— ווי נאָר איך בין אַהיימגעקומען אין שטוב — האָט שבתאי פאַרגעזעצט — האָב איך גלייך דערפילט אַ טעם־גן־עדן און אַ זעכציקטל פון עולם־הבא. עס איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. דאָס בלוט אין די

אָדערן האָט געגומען פּליסן מיט אַ יוגנטלעכן קוראַזש. איך האָב זיך קוים געקענט דערוואַרטן ביז נאָכן בענטשן, און גלייך געכאַפּט מיין פּערעלע אין אַ פייערדיקן טאַנץ צו דאַנקען דעם בורא־עולם פאַר זיינע גרויסע חסדים...

דער בעל־שם־טוב האָט אויסגעדרייט זיין פּנים צו די תּלמידים און אַזוי געזאָגט:

— אָט אַזוי ווי שבתאי און פּערעלע האָבן געטאַנצט אונטן, אַזוי האָט די גאַנצע פּמליא־של־מעלה מיטגעטאַנצט אויבן, און די שכינה אַליין האָט זיך מיטגעפרייט מיט דער ריינער, תּמימותדיקער און ערלעכער שימחה. בשכר זה, איז באַשלאָסן געוואָרן אין הימל צו באַנייען די יוגנט פון דעם אַלטן פּאָרל און דערפילן זייער ווונטש און שטרעבונג — שענקען זיי אַ זון, אַ יורש, וואָס זאָל זיי דערפרייען די עלטער...

פּערעלע איז נפקד געוואָרן פּונקט צום יאָר. און ווייל דאָס טראָגן און געבורט איז געווען בקדושה ובטהרה, האָט מען פון הימל אַראָפּגעשיקט אַ הויכע נשמה. צום ברית איז אָנגעקומען אַ חשובער גאַסט, דער בעל־שם־טוב פון מעזשיבוש. ר׳ שבתאי האָט אים מכבד געווען מיט סנדקאות און אַ נאָמען געגעבן דעם קינד ישׂראל, ווי עס איז דער נאָמען פון בעל־שם־טוב.

דאָס קינד איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אַ גאון, צדיק, אַ קדוש וטהור, דער צדיק הדור רבי ישׂראל דער קאָזשעניצער מגיד, זכותו יגן עלינו, אָמן.

אַ האַרבע תשובה

פון שוואַרצן הימל האָט זיך געשאָטן אַ געדיכטער ווייסער שניי. כאָטש עס איז געווען מיטאָגצייט, האָט עס אויסגעזען ווי פאַר נאַכט. אין דעם גאַנצן שטעטל קאַלקע איז געווען איין זונזייגער, האָט ער דעם טאָג נישט געאַר־בעט, ווייל די זון האָט היינט אין גאַנצן נישט אויפגעשיינט. ייִדן האָבן זיך געאײַלט צו גיין אין מיקווה אַריין. עס איז היינט דער קורצער פרייטיק, די נאַכט פאַלט צו מיט איין מאָל און דער הייליקער שבת וואַרט נישט. די בעקערס האָבן פרי פאַררוקט די טשאָלנטער און פאַרקלעפּט די אויוונס מיט ליים; מאַמעס האָבן שנעל אויסגעצוואָגן די קעפּלעך פון דעם קליינ־וואַרג, קינדער האָבן געשריגן, געריסן זיך ביזן הימל, אָבער ווער קוקט אויף אַזעלכע קלייניקייטן. עס איז טונקל אין דרויסן, שוין באַלד שבת. דער שמש האָט אָנגעצונדן די ענגלייכטערס פון בית־המדרש. ער האָט אַפילו נישט געזען ווי אויסצוקערן דעם פאַל. יעדן ערב־שבת רופט אויס דער שמש אין מאַרק צו פאַרמאַכן די קלייטן און צינדן ליכט. היינט, אין אַזאַ געוויטער, ווער אים סיי ווי סיי קיינער נישט הערן. האָבן ייִדן אַליין פאַר־מאַכט די קלייטן און זענען געלאָפן אין שול אַריין דאַווענען. אַ קעלט גע־ווען אין שול, ווי אונטער אַ פשערעמבלע. די צוויי ליימאויוונס האָבן זיך נישט געספּייעט צו דערוואַרעמען. האָט מען שנעל מקבל שבת געווען, אָפּ־געדאַווענט מעריב און אַהיימגעגאַנגען.

אַרויסגייענדיק פון שול האָט זיך פאַרלאָפן אַ שרעקלעכער פאַרפאַל, וואָס זייט קאַלקע עקזיסטירט איז נאָך אַזעלכעס נישט געשען. שטעלט אייך פאָר: אַט גייען ייִדן פרייטיק צו נאַכטס פון שול, און דאָ פאַרט אַריין

מיט אַ געטראַסק שעפּסל בעל־עגלה מיט אַ בויד סחורה, געשפּאַנט מיט זיינע צוויי קאַבילעס, ווי עס וואָלט גאָר קיין שבת נישט געווען אויף דער וועלט. יידן האָבן געריבן די אויגן פון ווונדער: אפשר איז דאָס נישט שעפּסל, נאָר אַ גויִישער אַנטרייבער. אָבער ניין! אָט שטייט ער, שעפּסל, מיט דער הויכער פּלייצע און שפּיצנבאָרד, דער וואַטענער קאַזשוך פאַרשנייט און פאַראייַזט, די וואַנצעס גלאַנצן ווי גלאָז און די דיקע ווייסע ברעמען ווי אייַזצאַפּנס אונטער אַ דאַך. ער שטייט אויפן וואָגן און קוקט אויף אַלעמען שטאַר, ווי אַ געפּאַנגענע חיה. באַלד איז ער אַראָפּ פון וואָגן, ווי אַן אונטער־געשאָסענער פויגל. ער האָט זיך צערעוועט מיט אַ גראָב הייזעריק קול:

— ווי צו מיר! אַ בראָך צו מיינע יאָרן! מחלל־שבת געווען!..

ער האָט צעשפּרייט די הענט און זיך אַ וואַלגער געטאָן אויפן שניי מיט אַ געיאָמער: וואָס האָב איך געטאָן! אַזאַ וועטער, נישט טאָג, נישט נאַכט! געוואַלד, ווי געשריגן! אַזאַ וויסטע זינד אויף מיינע אַלטע יאָרן!..

גוטע ברידער, בעלי־עגלות, האָבן אים אַהיימגעפירט אין שטוב. אַ יונג, אַן אַנטרייבער, האָט אויסגעשפּאַנט די פערד. עס איז דאָך צער־בעלי־חיים. דער וואָגן מיט סחורה איז געבליבן שטיין אַ גאַנצן שבת אין מיטן מאַרק. די שטאָט איז געגאַנגען ווי אויף רעדער. אַלץ איז געקומען קוקן אויפן וואָגן, וואָס האָט מחלל־שבת געווען און געזעמלעך האָבן געשמועסט אויף טשעקאַוועסט, וואָס פאַר אַ תשובה דער רב וועט אים געבן, שעפּסלען, צו פאַרגעבן די שווערע עבירה פון חילול־שבת בפרהסיה.

וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן דעם שבת ביי שעפּסלען אין שטוב! דאָס געוויין און געקלאָג האָט מען געהערט אויף דער גאַנצער גאַס. אַ גאַנצן טאָג זענען געקומען און געגאַנגען מענטשן פרעגן, ווי אַזוי איז געשען דער מאַלער. ווען שעפּסל שעמט זיך נישט פאַרן הייליקן שבת, וואָלט ער זיך געזעצט אויפן פוסבענקעלע ווי אַן אָבל.

געקומען מוצאי־שבת, איז שעפּסל באַלד אַוועקגעגאַנגען צום רב. ער האָט זיך געזעצט אין האַרצן ווי צו על־חטא און אַליין געבעטן ביים רב אַ האַרבע שטראָף וואָס זאָל מכפּר זיין אויף דער גרויסער עבירה.

דער רב, ר' יחיאל־מיכל, האָט אויפגעציטערט פון שרעק: וואַ, וואַ, מחלל־שבת געווען! אפילו בשוגג, אָבער דאָך חילול־שבת! ער, דער רב,

האָט נישט געקענט פאַרשטיין מיטן שׂכל, ווי עס איז מעגלעך צו טאָן אַזאַ עבירה בפרהסיה. פילט דען נישט אַ ייִד, אַז דער הייליקער שבת קומט אָן? דער רב, ר׳ יחיאל־מיכל, האָט גענומען נאָכקוקן אין ספרים, וואָס פאַר אַ תשובה ער זאָל אים געבן. „ראשית חכמה" הייסט פאַסטן פערציק תעניתים; דער „מנורת המאור" רעדט פון מלקות; דער „רוקח" הייסט מאַכן גלגול־שלג און אַ „מוסר־ספר" באַט אָן אַריינצולייגן שפּיציקע שטיינער אין די שיך. ר׳ יחיאל־מיכל האָט אַרויפגעלייגט אויף שעפּסלען אַלע חומרות צוזאַ־מען. שעפּסל איז אַרויסגעגאַנגען פון רבס שטוב אַ פאַרקלעמטער און אַ דערשלאָגענער מיט אַ פעסטן באַשלוס אויסצופירן אַלע חומרות, וואָס דער רב האָט אים געגעבן.

פאַר וואָס האָט ר׳ יחיאל־מיכל אַזוי פיל מחמיר געווען? ווייל ער איז געווען אַ קדוש מבטן אמו. ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי קען אַ ייִד עובר זיין אַן עבירה. זיין טאַטע, דער הייליקער צדיק ר׳ איצל דראָהאָביטשער, אַ גוטער חבר פון בעל־שם־טוב, האָט אַליין אויסגעקליבן אין הימל די הייליקע נשמה פון זיין זון. ער האָט אַליין געלערנט מיט אים תורה, ניגלה און ניסתר. ער האָט די וועלט קיין מאָל פאַר די אויגן נישט געזען; קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו שטיין אין אַ נסיון, טאָ ווי האָט ער געקענט פאַרשטיין די וועלט?

אַז שעפּסל האָט אָנגעהויבן צו פאַסטן תעניתים און שלאָפן אויפן גאָלן דיל און דערצו נאָך אַרבעטן מיטן געשפאַן, האָט ער גלייך דערפילט, אַז די כוחות ענדיקן זיך. שוין נישט קיין יונגער־מאַן און פרנסה דאַרף מען דאָך האָבן. דאָס ווייב און קינדער האָבן דאָך נישט געזינדיקט, זיי דאַרפן נישט פאַסטן. ער האָט געפּרוווט רעדן מיטן רב, אָבער ר׳ יחיאל־מיכל האָט פאַרצויגן די ברעמען און אַ שאַרפן קוק געטאָן, אַז דאָס בלוט איז אים פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן.

אין יענער צייט איז אָנגעקומען קיין קאָלקע אַ ידיעה, אַז דער בעל־שם־טוב קומט אויף אַ פאָר וואָכן קיין טאַרנאָפּאָל. שעפּסל האָט געהערט, אַז ר׳ יחיאל־מיכל איז אַ תלמיד פון בעל־שם־טוב, איז ער צוגעפאָרן קיין טאַרנאָפּאָל און פאַרציילט דעם רבין די גאַנצע געשיכטע. דער בעל־שם־טוב האָט רויִק אויסגעהערט די מעשׂה. זיין פנים האָט געלויכטן מיט גוטס־

קייט. ער האָט געהייסן שעפּסלען קויפן צוויי פונט ליכט פאַרן בית־המדרש און מיט דעם וועט ער אָפּקומען זיין גאַנצע זינד.

אַזאַ ווילדע מציאה האָט זיך שעפּסל נישט פאַרגעשטעלט. ער איז באַלד פרייטיק אַריין אין אַ קלייט, געקויפט גראָבע ליכט און אַוועקגעלייגט פאַרן עמוד אין בית־המדרש, דער שמש זאָל זיי אָנצינדן לכבוד שבת. אָבער קומענדיק אין שול צו קבלת־שבת האָבן די ליכט נישט געברענט. שעפּסל האָט דערפאַרן, אַז פאַר אַ נאַכט איז אַריין אין שול דורך אַ הינטער־טיר דער קהלישער שטאָטבאָק און אויפגעפרעסן די צוויי פונט ליכט...

שעפּסל האָט שוין געהאַט אַ פאַרשטערטן שבת. אָט האָט ער דאָך געזען באַשיימפּערלעך, אַז מען וויל נישט פון הימל די לייכטע תשובה פון בעל־שם־טוב, נאָר טאַקע אַזוי ווי ר׳ יחיאל־מיכל האָט געהייסן. מוצאי־שבת האָט ער ווידער געשפּאַנט דעם וואָגן און איז צוגעפאָרן נאָך אַ מאָל צום בעל־שם־טוב.

אויסגעהערט די מעשה פון קהלישן באָק, האָט דער בעל־שם־טוב ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— אַהאַ! יחיאל־מיכל לאָזט זיך נישט! נו, שעפּסל! קויף אויף קומענ־דיקן שבת נאָך אַ מאָל צוויי פונט ליכט און גיב דעם שמש אין האַנט אַריין, און גיי זאָג יחיאל־מיכלען ער זאָל קומען צו מיר איבעראַכטאָג צום שבת־מברכין.

שעפּסל האָט פּינקטלעך אויסגעפירט וואָס דער בעל־שם־טוב האָט אים געהייסן. דאָס מאָל האָבן זיינע ליכט געברענט העל און ליכטיק, אַ פאַרגע־ניגן געווען פאַר די אויגן. שעפּסל האָט זיך שוין איבערצייגט, אַז זיין תשובה איז אָנגענומען געוואָרן. ער האָט זיך נאָר געהיטן, אַז ר׳ יחיאל־מיכל זאָל נישט וויסן דערפון.

געקומען דער פרייטיק פאַר שבת־מברכין, האָט ר׳ יחיאל־מיכל גע־דונגען אַ וואָגן און איז געפאָרן צום בעל־שם־טוב קיין טאַרנאָפּאָל. ער איז אַרויסגעפאָרן פרי און אויסגערעכנט, אַז צו מיטאָגצייט וועט ער שוין זיין ביים רבין. אָבער דער שׂטן האָט זיך אַריינגעלייגט אין די רעדער: די לייי־צעס האָבן זיך צעריסן; דאָס ציימל האָט זיך צעשפּאָלטן; דער אָרטשיק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט; די פערד האָבן געפרייכט; די פלאָנדעקע איז גע־

פלויגן; די פּאָדקאָווּעס זענען אַראָפּגעפּאַלן פון די קלייענס. אַזוי האָט זיך דער וואָגן געשלעפּט אַ גאַנצן טאָג. עס האָט שוין גענומען טונקלען און דער וואָגן איז נאָך נישט אַריינגעפאָרן אין שטאָט. ר׳ יחיאל־מיכל האָט גענומען ציטערן און פּלאָטערן. ער איז אַראָפּ פון וואָגן און געגאַנגען צו פוס ביז טאַרנאָפּאָל. ווען ער איז אָנגעקומען צום בעל־שם־טוב, האָט מען שוין מקבל־שבת געווען. ר׳ יחיאל־מיכל האָט חושש געווען טאָמער איז ער גע־גאַנגען מער ווי אַ תּחום שבת. דאָס האַרץ האָט זיך אים צונויפגעקנוילט אין אַ בײַסיקן ווייטיק.

האָט אים דער בעל־שם־טוב אַרומגעכאַפּט מיט גרויס פרייד:

— שלום־עליכם, ר׳ יחיאל־מיכל! אַ גוט־שבת! אַז מען פליט אין הימל, ווייסט מען נישט וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד! די תּורה איז נישט געגעבן געוואָרן פאַר מלאכי־השרת, נאָר פאַר פּשוטע האָרעפּאַשנע ייִדן אויך... מען טאָר נישט צו פיל מחמיר זײַן... נו, הײַנט, אַז דו האָסט שוין אַליין געפילט דעם טעם, וועסטו שוין וויסן וואָס צו פאַרלאַנגען פון אַנדערע...

אַ געלייטערטע נשמה

אײדער געבוירן צו ווערן מיט אַ שלעכטן מזל, איז בעסער אַז מען ווערט נישט באַלד געבוירן. אַזוי זאָגן די חכמים: „טוב שלא נברא משנברא". אָבער דער שטייגער איז, אַז מען פרעגט נישט קיינעם פון הימל, צי ער זאָל געבוירן ווערן אָדער נישט, ווי דער תנא זאָגט עס אין פרקי־אָבות: „ועל כרחך אתה נולד", ממילא האָט שוין קיינער קיין ברירה נישט און מוז שלעפּן זיין פּעקל פון געבוירן־טאָג ביז אין טויט אַריין. ווייל איז דעם, וואָס אין זיין פּעקל ווערט אַריינגעלייגט אַ ביסל גוטע טעג און יאָרן, און אָך און וויי צו דעם, וואָס זיין גאַנץ פּעקל באַשטייט פון בלויזע צרות.

אַזאַ ביש־מזל איז געווען משה־נחום פון שטעטל טישעוויץ. זיין שטערן אין הימל איז אונטערגעגאַנגען נאָך אײדער ער האָט אויפגעשיינט. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַן אָרעמער משפּחה, ביי קראַנקע טאַטע־מאַמע. נישט געווען ווער עס זאָל אים רעכט אָנקאָרמען, אַרומוואַשן, איז ער פון קינדווייז אָן באַשיט געווען מיט קרעץ און געשווילעכצער. זיין מאַמע איז געשטאָרבן ווען ער איז אַלט געווען פינף יאָר. דער טאַטע האָט אַריינגענומען אין שטוב אַ שטיפמאַמע. זי האָט דאָס קינד פיינט געהאַט ווי אַ שפּין, נישט געלאָזט עס פאַר די אויגן, האָט זיך עס אַרומגעגאָרעט אין אַלע בלאָטעס און קיין מאָל נישט אָפּגעגעסן צו דער זאַט. ווו עס איז נאָר דאָ אַ קינדער־קרענק, האָט זיך עס אין דעם קינד אָנגעשטעקט: מאָזלען, פּאָקן, דיפטעריע, סקאַרלאַטינע, לאַקסירן, קאָקלוש, כל־מיני אָנצינדונגען און אַלע קרענק פון דער תוכחה. צו אַכט יאָר איז אים זיין טאַטע אויך געשטאָרבן. ער האָט זיך פּשוט געוואַלגערט אין די גאַסן. אַ נס וואָס אַן אָרעמע ייִדענע האָט

אים אַ מאָל געגעבן אַ לעפּל געקעכטס. קהל האָט אים אָנגעדונגען אין אַ חדר, האָט אים די מלמדקע אויסגענוצט צו אַלערליי מלאכות: וויגן דאָס קינד, העלפן אויסוואַשן גרעט און אַרויסגיסן דאָס פּאָמישאַף. ער איז קיין מאָל צום פּסוק נישט געקומען. אַ רבותא, אַז ער האָט געהאַט אַ גוט קעפּל און אַ גוטן ווילן, האָט ער געהערט פון דער ווייטנס דעם רבינס תורה. אַזוי האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ פּרשה חומש, אַ קאַפּיטל „סוואַרבע" און אַ שטיקל גמרא. אַז ער האָט געהאַלטן ביי ווערן בר־מיצווה, האָט די גאַנצע שטאָט גערעדט פון דעם, אַז מען דאַרף דעם יתום מאַכן אַ שיינע בר־מיצווה, אָבער מען איז געבליבן ביים רעדן. פאַר רחמנות וועגן האָט אים יעדער איינער אין גאַס אָפּגעווישט דאָס פאַרסמאַרקעטע נעזל, פאַרט אַ יתום, מען דאַרף דאָך עפּעס טאָן פאַר אים, און פון די אַלע ווישענישן האָט ער געקראָגן אַ געשוואָלענע נאָז ווי אַ ציבעלע. אַ ביסל עלטער, איז ער געוואָרן אַ בית־המדרש־בחור, געגעסן טעג ביי בעלי־בתים און גע־קראָגן אַ מאָל אַן איבערגעניצעוועטן בגד אָנצוטאָן אויפן לייַב. מחמת דעם וואָס קהל האָט אים, דעם יתום, געדאַרפט אויסהאַלטן, האָבן זיך דער־וויַיל אַלע באַנוצט מיט אים: געשיקט אים אויף פאַרשידענע שליחותן, גע־בעטן אים צעהאַקן אַ וועגעלע האָלץ, אָנפילן אַ פעסל וואַסער, און משה־נחום האָט אַלץ געטאָן גערנוויליק, מיט הכנעה און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

אַ שידוך האָט משה־נחום אויך געטאָן מיט דער הילף פון קהל. ווי אַזוי? עס איז אויסגעבראָכן אין שטעטל אַ מגיפה, קינדער זענען אויס־געגאַנגען אין די וויגן, האָט קהל באַשלאָסן חתונה צו מאַכן אַ יתום מיט אַ יתומה אויפן בית־הקברות, וואָס איז, כּידוע, אַ סגולה אָפּצושטעלן די מגיפה. משה־נחום איז געווען דער יתום, און אַ יתומה האָט מען געבראַכט פון אַ נאָענטן דאָרף און מען האָט זיי חתונה געמאַכט מיט מזל און ברכה. מען וואָלט געוועז געוויס געמאַכט פאַר זיי אַ גרויסאַרטיקע חתונה, אָבער אַלע זענען דאָך געווען פאַריאָמערט און פאַרטרויערט פון דער מגיפה, האָט מען אָפּגעפּטרט די חתונה מיט „שה"י־פה"י", און די דירה מיטן אויס־שטייער וואָס מען האָט זיי צוגעזאָגט, האָט מען זיי שוין אויך נישט גע־געבן, ווייל קהל האָט געהאַט גרעסערע זאָרג אויפן קאָפּ.

נאָך דער חתונה איז משה־נחום געוואָרן אַ בעל־הביתל אין שטעטל. ער האָט אין דער ווייבערשול צווישן די שמות געפונען אַן אַלטן טלית. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין חברה משניות, געדאַווענט מיטן ערשטן מנין און זיך מפרנס געווען מיט פאַרשידענע פרנסות: אַ טרעגער אויפן מאַרק, אַ היבער־פליקער, אַ קברים־מעסטער און אַ „מלא"־מאַכער און מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

אויב פאַר דער חתונה האָט משה־נחום אַלץ גענומען פאַר ליב, און זיך נישט געקלאָגט אויף זיין שלעכטן מזל, האָט ער זיך נאָך דער חתונה גע־ענדערט. נישט דער זעלבער מענטש. ער איז אַרומגעגאַנגען פאַרכמורעט, פאַרפינצטערט, ברוגז אויף הימל און ערד. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען צוליב דער השפעה פון זיין ווייב. כאָטש אַ יתומה, איז זי געווינט געווען צו אַ בעסערן לעבן. משה־נחום האָט זיך גענומען דינגען מיט די בעלי־בתים. פאַר יעדער שליחות האָט ער געוואָלט גוט באַצאָלט. ער האָט גע־פאָדערט פון קהל אַ פּאָסטן, כאָטש מאַך אים פאַר אַן אונטער־שמש אין שול. דערווייל זענען אים געבוירן געוואָרן עטלעכע קינדער, מיידלעך. פאַרשטייט זיך, אַז קיין האָניק האָבן זיי נישט געלעקט, דאָך האָבן זיי זיך אויפגעצויגן, אויסגעוואָקסן און געהאַלטן ביי שידוכים. נו, ווער וועט עס נעמען מיידלעך נאַקעט און באָרוועס, אָן אַ פרוטה ביי דער נשמה? כאָטש משה־נחום איז געווען אַ פרומער און אַ גאָטספאַרכטיקער, האָט ער אַנט־קעגנגערעדט שווערע דיבורים: וואָס טוט מען? וואָס מאַכט מען? האָט אים דאָס ווייב אַ מאָל געגעבן אַן עצה: „אָט זיצט אין מעזשיבוש אַ ייִד אַ צדיק, אַן עושה־נפלאות. פאָר אַראָפּ צו אים, דערצייל אים דיין ביטער לעבן, אפשר וועט ער דיר געבן אַ סגולה צו פרנסה און חתונה צו מאַכן די קינדער".

משה־נחום האָט געפאָלגט דאָס ווייב. ער איז געפאָרן קיין מעזשי־בוש און אַראָפּגעוויינט דאָס האַרץ פאַרן בעל־שם־טוב: אָט ליידט ער אָפּ זיינע יאָרן, נישט קיין איין גוטן טאָג געהאַט אין גאַנצן לעבן. נישט גע־געסן, נישט געטרונקען, איצט דאַרף ער נאָך חתונה מאַכן טעכטער, פאַר וואָס קומט עס אים אַזאַ ביש־מזל?..

דער בעל־שם־טוב האָט געדולדיק אויסגעהערט משה־נחומס טענות.

ער האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיינע ליכטיקע אויגן און אַזוי געזאָגט:

— הער זשע, משה־נחום! אַ ייִד טאָר נישט האָבן קיין תרעומות אויפן רבונו־של־עולם. ער דאַרף אַלץ נעמען פאַר ליב. די וועלט פירט זיך מיט גערעכטיקייט. טאָ פאַר זשע אַראָפּ אין שטעטלווישקעווע, וואָס ליגט אויפן טייך בוג, און פרעג נאָך אויף אַ ייִד מיטן נאָמען משה פאַכטער, וועט דיר שוין אַלץ רעכט ווערן...

די תשובה פון בעל־שם־טוב איז אים נישט געווען אַזוי צום האַרצן, אָבער דאָך האָט ער געמיינט, אַז דער דאָזיקער משה פאַכטער פון וויש־קעווע איז אַוודאי אַ גרויסער נגיד און וועט אים העלפן, לפּחות, חתונה מאַכן אַ טאָכטער. איז ער טאַקע באַלד אַוועקגעפאָרן קיין ווישקעווע און זיך געגומען נאָכפרעגן אויף משה פאַכטער. עס האָט אים דערוואַרט אַ גרויסע אַנטוישונג. קיינער אין ווישקעווע האָט נישט געוווּסט, ווער עס איז דאָס משה פאַכטער. אמת, עס זענען געווען פאַכטערס אין ווישקעווע, אָבער זיי האָבן נישט געהייסן משה; עס זענען געווען משהס אין ווישקעווע, אָבער זיי זענען נישט געווען קיין פאַכטערס. משה־נחום האָט שוין גענומען טראַכטן, אַז דער בעל־שם־טוב האָט געשפּאַסט פון אים. עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ גרויסער גרימצאָרן: ווי מעג מען דאָס חוזק מאַכן פון אַן אָרעמען צעוויטיקטן ייִד?.. ער האָט זיך שוין געגרייט אַהיימצופאָרן, האָט זיך אַן אַלטער ייִד, אַ זקן־מופלג פון אַ יאָר אַכציק דערמאָנט, אַז עס איז טאַקע געווען אַ מאָל אין ווישקעווע איינער מיטן נאָמען משה פאַכטער, אָבער ער לעבט שוין נישט אַוודאי אַ זעכציק יאָר. דער דאָזיקער משה פאַכטער איז געווען אַ פּושע־ישראל, אַ מסור און אַ רשע מרושע. ער האָט אָנגעטאָן ייִדן צרות צרורות און אין טאָג ווען ער איז געשטאָרבן איז אין ווישקעווע געוואָרן יום־טוב אין דער וואָכנס...

משה־נחום האָט אויסגעהערט די רייד פון זקן. עס האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט אים? ער איז דאָך געקומען דאָ זוכן אַ לעבעדיקן משה פאַכטער, וואָס זאָל אים העלפן אין זיין נויט, און נישט אַ טויטן, וואָס איז שוין געשטאָרבן מיט זעכציק יאָר צוריק...

אַהיימגעקומען, איז משה־נחום גלייך געפאָרן קיין מעזשיבוש, טאַקע

פרעגן דעם בעל־שם־טוב פאַר וואָס ער האָט געשפּאָסט פון אים. אָבער אײדער ער האָט נאָך אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט דער בעל־שם־טוב אַרויסגענומען פון אַלמער דעם „ספר הגלגולים״ פון ר׳ חיים וויטאַל, אויפֿגעמישט און אַרײַנגעקוקט אַ לאַנגע ווײַלע אין ספר:

— זיי וויסן, משה־נחום — האָט דער בעל־שם־טוב אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן — אַז יענער משה פּאַכטער איז טאַקע געווען אַ רשע. ער האָט עובר געווען על כּל עבירות שבתּורה. אָבער זײַן נשמה האָט געשטאַמט פון אַ גוטן מקור, דעריבער האָט מען רחמנות געהאַט אין הימל; זײַן נשמה איז נאָך אַ מאָל מגולגל געוואָרן אויף דער וועלט, כּדי זי זאָל ווערן אויסגעלײַטערט אין לײַדן, אין פּײַן און אין אָרעמקייט. דײַן נשמה, משה־נחום, איז דאָס דער גלגול פון יענעם זינדיקן משה פּאַכטער!..

משה־נחומען האָט אַרומגעכאַפּט אַ שוידער אין גוף. פֿאַר די אויגן האָבן זיך אים געדרייט פײַערריגגען, און די פּיסקנעכלען האָבן זיך אים אײַנגעבראָכן. ער האָט צו זיך אַליין גערעדט: ניין! מער וועט ער זיך שוין נישט פֿאַרקלאָגן. ער וועט אַלץ פֿאַר ליב נעמען, כּדי אויסצופירן דאָס הייליקע שליחות, צו לײַטערן און רייניקן די נשמה, וואָס מען האָט אים אָנפאַרטרויט אין הימל...

אַ ווייטער בליק

די דאָזיקע מעשׂה האָט דערציילט דער אַפּטער רב ר׳ אברהם יהושע העשל, דער „אוהב־ישׂראל״, אין צווייטן טאָג שבועות, ווען עס פאַלט אויס די יאָרצייט פון הייליקן בעל־שם־טוב.

אין יענער צייט איז שוין דער בעל־שם־טוב געווען באַרימט אין דער וועלט אַלס צדיק און בעל־מופת. אַ סך פון זיינע פאַרביסענע קעגנערס האָבן שוין אָנערקענט, אַז ער איז אַ קדוש־עליון און זיין נייע שיטה וועט קענען אויפלעבן דאָס געפּלאָגטע און געפּייניקטע יידישע פאָלק פון שפל המצב. עס זענען נאָך געבליבן דאָ און דאָרט עטלעכע נעסטן פון התנגדות צו חסידות, צווישן זיי — די לומדישע שטאָט בראָד.

אַ מאָל איז אויסגעקומען דעם בעל־שם־טוב צו ווײַלן אין דער געגנט פון בראָד. עס איז דערגאַנגען צו אים אַ ידיעה, אַז זיין שוואָגער, דער גאון ר׳ גרשון קיטעווער, ליגט דאָרט קראַנק אויף אַ געדערעם־קראַנקהייט. עס איז שוין געווען האַרבסטצייט, ווינטיק און רעגנדיק. דער בעל־שם־טוב האָט נישט געקענט קריגן קיין וואָגן־געשפּאַן צוליב די בלאָטעס, איז ער אַוועק צו פוס קיין בראָד. אין מיטן וועג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שלאַקס־רעגן, אַזוי ווי מען גיסט מיט צעבערס. ער איז דורכגעווייקט געוואָרן ביז צו די ביינער און זיינע מלבושים האָט מען געקענט אויסדרייען ווי אין אַ געוועש. עס איז נאַכט געוואָרן. דער בעל־שם־טוב איז אָנגעקומען אין אַ דאָרף הינטער בראָד אַ נאַסער, אַ הונגעריקער און געציטערט פאַר קעלט. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ יידישן איינפאָרהויז און געבעטן אַ נאַכטלעגער. דער בעל־הבית, ברוך־משה, אַ יונגער־מאַן עטלעכע יאָר נאָך

דער חתונה, האָט גלייך דערקענט, אַז דער אורח איז דער בעל־שם־טוב. ער האָט אים אַרומגעכאַפּט מיט גרויס שׂימחה, אַזאַ חשובער גאַסט! ער האָט אים באַלד געבראַכט אַ פּאָר פרישע וועש צום איבערטאָן, איינגעהייצט דעם אויוון און צוגעגרייט אַ גוט נאַכטעסן. דער בעל־שם־טוב האָט זיך גוט געפילט, ממש מחיה־נפשות. צו מאָרגנס האָט ברוך־משה פאַרהאַלטן דעם בעל־שם־טוב ביז מיטאָג, ער האָט געשיקט רופן אַלע דאָרפסייִדן און געמאַכט אַ סעודה כּיד־המלך. דערנאָך האָט ער געדונגען אַ פאַרמאַכטע בויד אָפּצופירן דעם בעל־שם־טוב ביז בראָד.

ביים געזעגענען האָט דער בעל־שם־טוב פאַרהאַלטן ברוך־משהס האַנט און געפרעגט אים: במה אברכך? ברוך־משה האָט זיך געקווענקלט, נישט געוווסט וואָס צו פאַרלאַנגען. פרנסה האָט ער, ברוך־השם, בריווח; קינדער געראָטענע, צוויי זין און צוויי טעכטער; מיטן געזונט קען ער זיך אויך נישט פאַרקלאָגן, טאָ וואָס קען שוין אַ ייִד מער פאַרלאַנגען? האָט ער געבעטן דעם בעל־שם־טוב ער זאָל אים צווינטשן אַ ריין האַרץ און אַ קלאָרן מוח צו עבודת־הבורא, ער זאָל קענען דינען גאָט מיט אמת און ערלעכקייט. דער בעל־שם־טוב האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער סטעליע, שטאַר געקוקט אַ לאַנגע ווײַלע, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגערופן:

— איך וויל דיך עפּעס בעטן, ברוך־משה, אָט גיי איך אָנשרייבן אַ בריוועלע צום פּרנס חודש פון בראָד. איך וויל דו זאָלסט עס אָפּגעבן אים פּערזענלעך אין האַנט.

ברוך־משה האָט זיך געפרייט צו טאָן דאָס שליחות פון בעל־שם־טוב. ער האָט צוגענומען דאָס בריוול, אָפּילו נישט קיין קוק געגעבן צו וועמען עס איז אַדרעסירט און אַרײַנגעלייגט אין דער אייבערשטער טאַש פון וועסטל.

נאָך דעם ווי דער בעל־שם־טוב איז אַוועקגעפאָרן, איז ברוך־משה אַראָפּגעגאַנגען אין זיין קעלער אַרויפברענגען אַ קעסטל משקה. אַראָפּ־בייגנדיק זיך איז אים אַרויסגעפאַלן דער בריוו מיטן שליחות פון בעל־שם־טוב. אין משך פון דער צייט איז ברוך־משה געווען אַ סך מאָל אין מעזשיבוש, אָבער דער בעל־שם־טוב האָט אים קיין מאָל נישט דערמאָנט, וואָס ער האָט געטאָן מיט יענעם בריוול.

אַדורך פון דער מעשׂה אַ יאָר זיבעצן. דער בעל־שם־טוב האָט שוין מער נישט געלעבט. מיט אַ מאָל האָבן ברוך־משהס געשעפטן גענומען גיין באַרג אַראָפּ. עס איז געווען אַ סיבה דעריין. די רעגירונג האָט אויסברו־קירט אַ נייעם וועג קיין בראָד, וואָס האָט אויסגעמיטן זיין איינפאַרהויז. אַלע מענטשן האָבן גענוצט דעם גוטן נייעם וועג און ברוך־משהס איינפאַר־הויז האָט געפּוסטעוועט. געזען אַז עס ווערט שווער מיט פּרנסה, האָט ברוך־משה גענומען זוכן אַנדערע געשעפטן, אָבער אַלץ איז אים געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. ער האָט שוין געמוזט נעמען פאַרקויפן שטובזאַכן, כּדי צו באַשפּייזן זיין משפּחה. אין דאַרף האָט ער שוין גאַרנישט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט ער גענומען טראַכטן פון אַריבערציִען זיך קיין בראָד, אָבער וואָס טוט מען אין אַ נייער שטאָט, ווו קיינער קען דיך נישט? קיין מלאָכה האָט ער נישט געלערנט; צו מיסחר דאַרף מען געלט. ער האָט טאַקע געהאַט אַ גוטן געלענק צום שרייבן און כּתיבהנען; ער קען זיין אַ סופר סת״ם אָדער אַ ספרא דדיינא. אָבער צו דעם דאַרף מען פּראָטעקציע און באַקאַנטשאַפט. קהל וועט נישט אָננעמען סתם אַ דאָרפישן ייִדן, ווען קיינער רעדט נישט אַ גוט וואָרט פאַר אים.

די לאַגע איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער און ערגער. ברוך־משה איז אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער שוין אַרויפנעמען דאָס לעצטע קעסטל משקה צום פאַרקויפן. ער איז דערשטוינט געוואָרן ווען ער האָט דערזען צווישן די פלעשער אַ פאַרשטויבט בריוול. ווי אַ בליץ האָט אים דורכגעשניטן אַ ווייטיק אין קאָפּ: אוי! עס איז דאָך דאָס בריוול וואָס דער בעל־שם־טוב האָט אים אַ מאָל געגעבן פאַרן בראָדער פּרנס החודש... אַ ווילדע שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט. די הויט האָט זיך אים געריבצלט פאַר פּחד. אָט איצט פאַרשטייט ער שוין די סיבה, פאַר וואָס עס האָט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט אַזאַ אומגליק. אַוודאי, אַז מען פאָלגט נישט דעם הייליקן רבין און מען פאַרגעסט צו טאָן זיין שליחות — איז נישט קיין וווּנדער, אַז מען פאַרלירט די פּרנסה, און ווער ווייסט וואָס נאָך...

ברוך־משה האָט איבערגעלייענט דעם אַדרעס: „לכּבוד הרבני הנגיד ר׳ עמרם בר׳ משה הלוי סג״ל ולחברו ר׳ יצחק בר׳ זיינוויל פ״ק, פּרנסי החודש דק״ק בראָדי״. הייסט עס, אַז דאָס בריוול איז געשריבן צו צוויי

בראָדער דאָזאָרעס. מן־הסתם אַ וויכטיקע קהלישע זאַך, און ער האָט דאָס אָפּגעהאַלטן זיבעצן יאָר... קאַלטע אַנגסטן האָבן אים אַרויסגעשלאָגן אויפן גוף און אַ שרעקלעך געפיל האָט אים באַוועלטיקט. ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין בראָד און נאָכפרעגן, אפשר לעבן נאָך די צוויי פּרנסי החודש, וועט ער כאָטש היינט מקיים זיין דאָס שליחות פון רבין.

עס איז געקומען חול־המועד סוכּות. ברוך־משה איז אַוועק צו פוס קיין בראָד. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אין בית־המדרש, אפשר קען ווער די צוויי פּרנסי החודש עמרם סג״ל און יצחק כ״ץ. אַלע האָבן געהויבן מיט די פּלייצעס. נישט נאָר היינט, נאָר אַפילו אין די לעצטע צוואַנציק יאָר זענען אַזעלכע פּרנסים אין בראָד נישט געווען. ברוך־משה איז שוין געוואָרן אין גאַנצן צעטומלט. איינער, אַ געלער יונגער־מאַן, האָט זיך גענומען וויצלען:

— אָט איצט קומט פאַר אין רבס סוכּה דער קלפּי פאַר נייע פּרנסים. אפשר וועלן זיי אַצינד אויסגעוויילט ווערן, וועסטו זיי קענען אָפּגעבן דאָס בריוועלע...

אַלע האָבן אויסגעבראָכן מיט אַ הילכיק געלעכטער און ברוך־משה איז שטיין געבליבן געפּלעפט און פאַרווירט.

עודם מדברים איז אַ כאָפּטע יונגע בחורים אַריינגעקומען אין בית־המדרש מיט אַ געטומל, אַז נאָר־וואָס זענען אויסגעוויילט געוואָרן די נייע צוועלף פּרנסי החודש. זיי האָבן אויסגערעכנט די נעמען און ברוך־משה האָט אויפגעכאַפּט, אַז צווישן די נעמען געפינען זיך עמרם סג״ל און יצחק כ״ץ. אַ קאַלטער שוויס האָט אים באַגאָסן פון אויבן ביז אונטן. ער האָט אויף ס׳ניי גענומען ציטערן: שוין זשע האָט דער רבי געוווּסט מיט זיבעצן יאָר צוריק, ווער עס וועלן זיין די פּרנסי החודש?.. ער האָט באַשלאָסן מאָרגן צוגיין אין קהל־שטיבל. דערווייל האָט ער געברענט פון נייגער און דערוואַרטונג.

אין קהל־שטיבל האָט ברוך־משה געטראָפן ביידע נייע פּרנסים, יונגע־לייט פאַר די דרײַסיק. ער האָט זיי אַוועקגערופן אין אַ ווינקל און דערציילט דאָס אומגלויבלעכע נייעס, אַז ער האָט פאַר זיי אַ בריוול פון בעל־שם־טוב. די יונגע־לייט האָבן אים אָנגעקוקט ווי משוגע. דאָך האָבן זיי געעפנט דאָס בריוול און געלייענט:

— לכבוד ר׳ עמרם סג״ל ור׳ יצחק כ״ץ, פרנסי חודש דק״ק בראָדי. איך וויל אייך בעטן אַ טובה פאַר דעם בריוו־איבער־געבער ר׳ ברוך־משה. ער האָט כל־ימיו געלעבט אין עשירות און אויף דער עלטער איז ער גע־וואָרן אַ יורד. על־כּן בעט איך, איר זאָלט אים העלפן ווערן אַ ספרא דדיינא אין בראָד. און אין דעם זכות וועלן אייערע ווייבער געבוירן זייערע קינ־דער בשלום און בנקל און איר וועט האָבן פון זיי נחת. הדו״ש, ישׂראל בר׳ אליעזר...

קוים געענדיקט לייענען דאָס בריוול, זענען געקומען צו לויפן צוויי פאַרסאָפּעטע שליחים מיט אַ הילכיקן מזל־טוב. ביי איין פרנס איז גע־בוירן געוואָרן אַ זון, ביים אַנדערן — אַ טאָכטער...

כאָטש די צוויי פרנסים זענען נישט געווען קיין חסידים, זענען זיי נבהל ומשתומם געוואָרן פון בעל־שם־טובס גדלות, און זיי האָבן באַלד אויסגעשריבן אַ כתב־מינוי פאַר הרבני ר׳ ברוך־משה אַלס ספרא דדיינא דק״ק בראָד...

האָט פאַרענדיקט דער „אוהב־ישׂראל״:

— עס וווּנדערט מיך נישט די מעשׂה פּלא, אַז דער בעל־שם־טוב האָט פאָרויסגעזען וואָס עס וועט זיין אין זיבעצן יאָר אַרום. מיט אַזעלכע ריינע און הייליקע אויגן ווי דער בעל־שם־טוב, קען מען זען וואָס עס וועט זיך אָפּטאָן אין הונדערטער יאָרן אַרום. עס וווּנדערט מיך נאָר דאָס גרויסע אהבת־ישׂראל פון הייליקן בעל־שם־טוב צו העלפן און שטיצן אַ ייִד אַ סך יאָרן נאָך זיין פּטירה... דעריבער דאַרף מען בעטן מיט גרויס כּוונה, אַז זכותו יגן עלינו ועל כל־ישׂראל, אָמן...

אַ מעשׂה

אײדער דער בעל־שם־טוב איז ניפטר געוואָרן, האָט ער אַרײַנגערופֿן זײַנע חשובע תּלמידים און זײ מודיע געװען, אַז משיח װעט נישט קומען אױסלײזן דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון גלות, ביז דער גײַסט פֿון חסידות װעט אַרײַנדרינגען טיף אין די מוחות פֿון די ייִדישע מאַסן. דעריבער האָט ער פֿאַרטײלט יעדן פֿון זײַנע תּלמידים די אױפֿגאַבע װאָס ער װעט דאַרפֿן אױספֿירן נאָך זײַן פּטירה. אײנעם האָט ער באַשטימט פֿאַר זײַן ממלא־מקום, אַנדערע האָט ער געשיקט איבער דער מדינה זאָגן דרשות און װערבן נײַע נפֿשות פֿאַר חסידות. עטלעכע תּלמידים האָט ער באַפֿוילן צו שרײַבן ספֿרים און אַרױסגעבן זײ אין דרוק. אײניקע האָט ער געשיקט קײן ארץ־ישׂראל צו פֿאַרשפּרײטן דעם רעיון פֿון חסידות אין הײליקן לאַנד. טײל האָט ער געהײסן װירקן אױפֿן פֿאָלק מיטן כּוח פֿון נגינה. אײנעם האָט ער צוגערעדט צו װערן אַ רבי פֿון פּשוטע האָרעפּאַשנע ייִדן, בעל־מלאָכות, און אַ צװײטן — ער זאָל אַרומפֿאָרן צו די גדולי ישׂראל און האַלטן מיט זײ װיכּוחים איבערן געדאַנק פֿון חסידות.

זײַן יונגן תּלמיד ר׳ יענקעלע פֿון האַניפּאָלע, אַן אַלטער אַלײנשטײענדיקער בחור, האָט דער בעל־שם־טוב געהײסן אַרומפֿאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און דערצײלן פֿאַרן עולם חסידישע מעשׂיות. און מעשׂיות האָט ר׳ יענקעלע געװוּסט מער פֿון אַלע תּלמידים, װײַל קודם האָט ער תּמיד באַגלײט דעם בעל־שם־טוב אין אַלע זײַנע נסיעות און אַלײן צוגעזען אַלע נסים־ונפֿלאות; צװײטנס האָט ר׳ יענקעלע פֿאַרמאָגט אַ שײן־פֿאַרביקע שפּראַך, אַ גוטן חיתוך־הדיבור, אַ שײן גלעטנדיק קול און האָט געקאָנט צעלײגן אַ מעשׂה אױף אַלע טעלערלעך...

אַוודאי האָבן אַלע תּלמידים פּינקטלעך אויסגעפירט די אויפגאַבעס וואָס דער רבי האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. ר׳ יענקעלע האָניפּאָלער איז אַרומגעפאָרן איבער דער מדינה, פאַרזאַמלט דעם עולם אין די בתי־מדרשים נאָך מינחה ומעריב און זיי דערציילט שעהען לאַנג די ווונדערלעכע מעשׂיות פון בעל־שם־טוב און זיינע הייליקע תּלמידים. מענטשן האָבן אויסגעהערט ר׳ יענקעלעס מעשׂיות מיט שפּאַנונג און אָפענע מיילער, יעדער האָט זיך באַשטייערט מיט אַ פּאָר קאָפּיקעס, ר׳ יענקעלע זאָל האָבן אויף זיין אויס־קומעניש. אין משך פון עטלעכע יאָר האָט ער באַזוכט הונדערטער שטעט און שטעטלעך פון וואָלין, אוקראַינע, רייסן, גאַליציע, בוקאָווינע און מאָל־דאָווע, און אומעטום גרויס געמאַכט דעם הייליקן נאָמען פון בעל־שם־טוב.

אַ מאָל איז ער אָנגעקומען אין אַ גרענעצשטעטל פון רומעניע, האָט אים אַ סוחר דערציילט, אַז אין שטעטל פּיומע פון איטאַליע געפינט זיך אַ רייכער ייִד, אַ גוט־באַזיצער, וואָס האָט זייער ליב צו הערן דעם בעל־שם־טובס מעשׂיות, און אַז מען דערציילט אים אַ נייע מעשׂה וואָס ער האָט נאָך נישט געהערט, גיט ער אַ גאָלדן רענדל פאַר יעדער מעשׂה. ר׳ יענקעלע האָט געפילט אין דעם אַ רמז, האָט ער זיך באַלד געלאָזט אויפן וועג קיין פּיומע. אָנגעקומען אין איטאַליענישן שטעטל, האָט ער געטראָפן דעם גביר ר׳ נסים ווי ער זיצט אין אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ, פאַרמאָגט פעלדער און וועלדער און פירט זיך שיין אין ייִדישקייט: האַלט ביי זיך אין פּאַלאַץ אַ מנין ייִדן, עשׂרה בטלנים, וואָס זיצן און לערנען, האָט אַן אייגענעם שוחט און אַ מיקווה, אין די אָוונטן זיצט ער אַליין און לערנט אַ בלאַט גמרא.

ר׳ יענקעלע האָט זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט אַלס תּלמיד פון בעל־שם־טוב. ר׳ נסים האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט אים און אָפּגערעדט, אַז פרייטיק צו נאַכטס נאָך דער סעודה וועט ער דערציילן די ערשטע מעשׂה פון בעל־שם־טוב.

געקומען פרייטיק צו נאַכטס, מען האָט אָפּגעגעסן די גוטע סעודה, איז אויף ר׳ יענקעלען אָנגעפאַלן אַ שטאַרקער שלאָף. ער האָט נישט געקענט דאָס מויל אויפמאַכן. מילא, האָט מען אָפּגעלייגט די מעשׂה אויף צו מאָרגנס נאָך דער שבת־סעודה. אָבער צו מאָרגנס האָט ר׳ יענקל נישט געדענקט נאָכצודערציילן אָפילו איין מעשׂה. דאָס זעלבע איז געשען ביי שלוש־סעודות

און ביי מלווה־מלכה. פשוט, עס זענען אים אַלע מעשׂיות אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ... ר׳ יענקל האָט זיך נישט געקאָנט שענקען; סטייטש, ער האָט דאָך שוין דערציילט הונדערטער מעשׂיות וואָס ער איז אַליין געווען דערביי. איצט געדענקט ער נישט אַפילו קיין איין מעשׂה?..

אָפּגעזעסן אין פּיומע אַ וואָך צייט, איז ר׳ יענקל זיכער געווען, אַז דער זכּרון האָט זיך ביי אים אויסגעוועפּט. פאַרפאַלן, אויס מעשׂיות. ער האָט באַשלאָסן אַהיימצופאָרן קיין האַניפּאָלע.

שוין זיצנדיק אין וואָגן האָט ער זיך פּלוצעם דערמאָנט אַ מעשׂה פון בעל־שם־טוב מיט לאַנגע יאָרן צוריק. איז ער שנעל אַראָפּ פון וואָגן, צוריק־געגאַנגען צום גביר מיט אַ שׂימחה, אַז ער האָט זיך דערמאָנט אין אַן אַלטער מעשׂה וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל נישט דערציילט. ר׳ נסים האָט אַריינגערופן אין סאַלאָן זיינע עשׂרה בטלנים און ר׳ יענקל האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— עס איז געווען מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק. דער בעל־שם־טוב איז געזעסן שבת ביים שלוש־סעודות־טיש שטאַרק פאַרטראַכט, די אויגן פאַרגלאָזט, ווי ער וואָלט געווען אין די עולמות עליונים. מיר, תּלמידים, האָבן באַלד דערפילט אַז עס גרייט זיך עפּעס. באַלד נאָך הבדלה האָט דער בעל־שם־טוב געהייסן זיין קוטשער אַלעקסיי שפּאַנען דעם וואָגן מיט צוויי גוטע פערד. ער האָט מיך מיטגענומען און נאָך עטלעכע תּלמידים און מיר זענען אַרויס אין וועג. ווי תּמיד, איז אַלעקסיי באַלד איינגעשלאָפן. די פערד זענען אַליין געלאָפן אין אַ גאַלאָפּ. מיר זענען דורכגעפאָרן שטעט־לעך, דערפלעך. די פּייזאַזשן האָבן זיך געביטן: פלאַכלאַנד, בערג, פעלדער, וועלדער, טייכן, בריקן. עס האָט גענומען טאָגן. מיר האָבן גלייך באַמערקט אַז מיר זענען אין אַן אַנדער מדינה. מיטאָגצייט זענען מיר אָנגעקומען אין אַ שיין שטעטל. ביים אַריינפאָרן האָבן מיר געזען אַ שיינעם טויער, באַפּוצט מיט גרינס און בלומען, ווי מען מאַכט עס פאַרן קיסר אָדער אַ גרויסן חשובן גאַסט. די הייזער פון שטעטל באַפּוצט מיט פענער און טעפּעכער. אויפן מאַרקפּלאַץ איז אויפגעשטעלט אַ הויכע טריבונע, באַפּוצט מיט גרינע צווייגן. ווייזט אויס אַ גרויסער אורח קומט אין שטעטל.

דער וואָגן איז צוגעפאָרן צו אַ ייִדיש הויז. מען האָט לאַנג געקלאַפּט

אין טיר. די ייִדן האָבן געעפנט מיט גרויס פּחד. זיי האָבן אונדז אָנגעקוקט ווי משוגע: היינט געקומען, אין אַזאַ גרויסער סכּנה? עס קומט דאָך דער בישאָף פון בעלגראַד, און אַ ייִד טאָר זיך אין גאַס נישט באַווייזן. דער בעל־שם־טוב האָט געשמייכלט און גאָרנישט געענטפערט.

מוזיק האָט אויפגעשפּילט אין דרויסן. פון פענצטער האָט מען געזען ווי דער בישאָף, אין פּורפּור־קליידונג, מיטן הויכן צוויי־שפּיצנהוט גייט מיט דער סוויטע אַרויף אויף דער טריבונע. דאָס גאַנצע פאָלק בוקט זיך און קניט פאַר אים. רופט זיך אָן צו מיר דער בעל־שם־טוב:

— גיי אַרויס אין גאַס און זאָג דעם בישאָף, אַז איך, ישׂראל בן אליעזר, רוף אים ער זאָל גלייך קומען.

עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ געוואַלדיקער פּחד, אָבער דער בעל־שם־טוב האָט מיר געגעבן זיין שטעקן, און איך בין געגאַנגען. דאָס פּלעבל אין דרויסן האָט מיך אַפילו נישט באַמערקט. איך בין אַרויף אויף דער טריבונע און געזאָגט דעם בישאָף דאָס שליחות פון בעל־שם־טוב. דער בישאָף האָט מיך אָנגעקוקט פאַרדאגהט און געענטפערט, אַז ער וועט קומען שפּעטער, נאָכן זאָגן זיין דרשה. אָבער דער בעל־שם־טוב האָט מיך נאָך אַ מאָל געשיקט צו אים, ער זאָל שוין קומען. בין איך נאָך אַ מאָל געגאַנגען. דאָס מאָל איז דער בישאָף געקומען מיט מיר. דער בעל־שם־טוב האָט זיך פאַרשלאָסן מיט אים אַ פּאָר שעה, דערנאָך זענען מיר צוריקגעפאָרן קיין מעזשיבוש.

די גאַנצע צייט וואָס ר׳ יענקעלע האָט דערציילט די מעשׂה, האָט ר׳ נסים אים שאַרף אָנגעקוקט, נישט געפּינטלט מיט אַן אויג. קאָלירן האָבן זיך געביטן אין זיין פּנים. ער האָט אויסגעזען שטאַרק גערירט און באַאיינדרוקט פון דער מעשׂה. אַז ר׳ יענקעלע האָט געענדיקט, האָט דער גביר געהייסן אַריינברענגען לעקעך און בראָנפן מיט איינגעמאַכטס און ער אַליין האָט אויך דערציילט אַ מעשׂה:

דער שמש פון דער גרויסער שול אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געהאַט אַ מאָל אַ געראָטענעם זון, אַ בן־יחיד, אַ עילוי און אַ שאַרפער קאָפּ. די גאַנצע שטאָט האָט זיך געשפּיגלט אין אים. זיין גוטער שם־טוב איז דערגאַנגען אַפילו צו גויים. האָט זיך אַ גלח מתקנא געווען אין שאַרפן מוח

פון דאָזיקן ייִדישן ייִנגל, האָט ער אים אַרייַנגענאָרט צו זיך אין הויז. צו ערשט מיט כּוח, דערנאָך מיט גוטן. ער האָט אים נאָכגעגעבן אַלע תּענו־גים פון דער וועלט, ביז דאָס ייִנגל האָט זיך געלאָזט איינרעדן און איז אַוועק לערנען אין אַ גלחים־שולע, איבערגעשטיגן אַלע שילערס. מען האָט אים דערנאָך געשיקט קיין רוים אין אוניווערסיטעט, ביים פּויפּס, ביז ער איז געוואָרן דער בישאָף פון בעלגראַד.

דער פאָטער פון ייִנגל האָט שטאַרק געטרויערט אויפן פאַרלוסט פון זון. ער איז זיכער געווען, אַז עס איז אים געשען אַן אומגליק. אָבער די מאַמע האָט אַנדערש געטראַכט. אַ האַרץ פון אַ מאַמע פילט מער. זי איז זיכער געווען אַז ער לעבט ערגעץ.

אַז דער בעל־שם־טוב איז אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל, האָט אים דער שמש פון שול דערציילט פון זיין אומגליק. דער בעל־שם־טוב האָט אים געטרייסט און געגעבן האָפענונג אַז זיין זון לעבט ערגעץ. די שמשטע איז באַלד געקומען צו לויפן, האָט איר דער בעל־שם־טוב געגעבן אַן עצה, זי זאָל אַוועקשרייבן בריוו אין אַלע עפּיס־קאָפּן, קיין רוים, סאָפיע און בעלגראַד, אַז זי זוכט איר קינד וואָס איז מיט יאָרן לאַנג פאַרלוירן געגאַנגען און אויב ער וועט זיך לאָזן וויסן, זאָל זי אים מעלדן אַז ר׳ ישׂראל בן אליעזר פון מעזשיבוש וויל זיך מיט אים זען.

אַזאַ בריוו איז אָנגעקומען צום בישאָף אין האַנט אַריין. עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ בענקעניש צו טאַטע־מאַמע. אַ ווייַלע האָט ער זיך געוואַקלט מיט דער דעה, אָבער זיין מעמד האָט אים נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן וועגן דעם. ער האָט דעם עפּיזאָד גלייך פאַרגעסן.

אַ מאָל האָט דער בישאָף געדאַרפט האַלטן אַ רעדע פאַר די גלייביקע אין אַ רומענישער שטאָט. איז געקומען צו אים אַ שליח פון בעל־שם־טוב און אים גערופן צו זיך. זיינע עלטערן האָבן שוין דעמאָלט נישט געלעבט. דער בעל־שם־טוב האָט אים געשילדערט די גרויסע יסורים פון זיינע עלטערן אויף יענער וועלט צוליב אים, זייער איינציק זון וואָס האָט זיי ווידערשפעניקט און פאַרראַטן דעם בורא־עולם און זיין פאָלק. די ווערטער האָבן אים ווי שפּיזן געלעכערט זיין מוח. זיין האַרץ האָט זיך געוועקט צו תשובה. ער האָט באַשלאָסן צו ווערן צוריק אַ פּולער ייִד. ער האָט נאָר

געבעטן פון בעל־שם־טוב, אַז ווען עס וועט קומען די צייט, זאָל מען אים ווייזן אַ צייכן פון הימל אַז זיין תשובה איז אָנגענומען געוואָרן און מען איז אים מוחל זיינע זינד. דער בעל־שם־טוב האָט אים צוגעזאָגט, אַז ווען איינער פון זיינע תלמידים וועט צו אים קומען און דערציילן זיין לעבנס־געשיכטע, וועט דאָס זיין דער סימן, אַז מען האָט אים אין הימל מוחל גע־ווען די עוונות. דער פריִערדיקער בישאָף איז טאַקע באַלד געוואָרן אַ ריכטיקער בעל־תשובה. צו מאָרגנס נאָך דער טרעפונג מיטן בעל־שם־טוב האָט ער, שטילערהייט, פאַרקויפט זיין פאַרמעגן, אַוועק פון בעלגראַד און זיך באַזעצט אין אַ קליין איטאַליעניש שטעטל ווו קיינער קען אים נישט, געוואָרן אַ פרומער ייִד, אַ ירא־שמים.

כאָטש אַלע האָבן געהערט די פריִערדיקע מעשה פון ר׳ יענקעלען, איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז די ביידע מעשׂיות האָבן עפּעס אַ שייכות צווישן זיך. ר׳ נסים האָט זיך מיט אַ מאָל אויפגעשטעלט און אַ געריר־טער ביז טרערן אויפגעהויבן זיין קול:

— ווייסט איר ייִדן ווער עס איז געווען דער דאָזיקער בעל־תשובה? דאָס בין איך טאַקע אַליין!!! היינט איז מיין יום־טוב־טאָג, ווייל דער צוזאָג פון בעל־שם־טוב איז מקויים געוואָרן...

צו מאָרגנס האָט ר׳ נסים דערלאַנגט ר׳ יענקעלען אַ פולן בייטל מיט גאָלדענע דוקאַטן און אים אָפּגעשיקט מיט גרויס כבוד אַהיים קיין האַניפּאָלע.

אליהו הנביא

דער נביא מלאכי פאַרענדיקט זיין וויזיע מיטן פסוק: „און איך וועל אייך שיקן אליהו הנביא, איידער עס וועט קומען דער גרויסער פאַרכטיקער טאָג...", דאָס מיינט צו זאָגן, אַז איידער משיח וועט קומען אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק פון גלות, וועט אליהו הנביא פריִער קומען אָנזאָגן די פריי־דיקע בשורה פון גאולה. דער מדרש פאַרגלייכט אליהו הנביא צו משה רבנו: ביידע זענען געווען נביאים; ביידע ווערן אָנגערופן „איש אלוקים"; ביידע זענען אַנטלאָפן פאַר גרויזאַמע דעספּאָטן, משה פאַר פרעה מלך מצרים, און אליהו פאַרן קעניג אחאב און זיין ווייב איזבל; משה האָט נישט געגעסן פערציק טעג, אליהו הנביא — אויך; משה האָט פאַרזאַמלט דאָס פאָלק פאַרן באַרג סיני און אליהו פאַרן כּרמל־באַרג, און אַזוי ווי משה האָט אויסגעלייזט די יידן פון מצרים, אַזוי וועט אליהו אויסלייזן דאָס פאָלק פון לעצטן גלות...

דער באַרימטער אינטערפּרעטירער און קאָמענטאַטאָר פון תפילות און מינהגים ביי יידן, ר' דוד אבודרהם פון סעווילע, וואָס האָט געלעבט אין 14טן יאָרהונדערט, דריקט אויס זיין מיינונג, אַז אליהו הנביא, בשעת ער איז אַרויף אין הימל, פאַרבייפליִענדיק דעם גלגל החמה, איז דער מאַטע־ריע־טייל פון זיין קערפּער פאַרלענדט געוואָרן, נאָר זיין גייסט שוועבט אַרום אין דער וועלט ביזן היינטיקן טאָג. אָבער ריש לקיש זאָגט אין דער גמרא, אַז אליהו הנביא האָט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון טויט און ער לעבט ביז היינט קערפּערלעך.

אליהו הנביא איז שטאַרק באַשעפטיקט. ער געפינט זיך אויף יעדן ברית־מילה, ער לערנט תורה מיט גרויסע צדיקים און ניסתּרים, ער זיצט אין שאָטן פון „עץ־החיים" און פאַרשרייבט די זכויות פון ייִדן. ער שרייבט די וועלט־געשיכטע פון אַלע דורות און ער געפינט זיך אין יעדן פּלאַץ ווו עס דראָט אַ געפאַר אַן אָרנטלעכן ייִד, אָדער אַן עת־צרה פאַר אַ רבים. ער דערשיינט אויף דער וועלט פאַרשטעלט אונטער פאַרשידענע מאַסקעס. אַ מאָל ווי אַ מלוכה־מאַן, אַ מאָל ווי אַ טערק, אַ רייטער, ווי אַ פּויער, ווי אַן אַלטיטשקער. ווער עס האָט ריינע אויגן און איז נישט פאַראומרייניקט פון עבירות, דער איז זוכה אים צו זען און צו זאָגן אים „שלום"... זיין אויפגאַבע בשעת דער גאולה וועט זיין נאָך אַ גרעסערע. ער וועט דאַרפן אויפקלערן אַלע ספיקות אין דער הלכה, סיי אין תורה און חכמה, סיי אין געלטזאַכן, וואָס די חכמים פון אַלע דורות האָבן נישט געקענט דעצידירן, און ער וועט נקמה נעמען אין די גויים, וואָס האָבן ייִדן שלעכטס געטאָן אין משך פון דער וועלט־געשיכטע. ער איז דאָך אַ כהן, דער נאָכפאָלגער פון פנחס בן אהרן הכהן, וועט ער מיט כעס און קנאות באַשטראָפן אַלע אַנטיסעמיטישע פעלקער, וואָס האָבן געפייניקט ייִדן און פאַרביטערט זיי דאָס לעבן. דעריבער טאַקע איז דער מינהג ביי דער סדר־נאַכט פון פסח, אַז פאַר „שפוך חמתך" גיסט מען אַן דעם כוס של אליהו, מען מאַכט־אויף די טיר און מען באַגריסט אים מיט אַ האַרציקן „ברוך־הבא"...

מען דערציילט אַ מעשה פון בעל־שם־טוב אין מעזשיבוש. געווען ביי אים איינער פון זיינע תלמידים, וואָס האָט געהאַט אַ חזקה אין יעדער סדר־נאַכט צו עפענען די טיר פאַר "שפוך חמתך". אַ מאָל אין אַ פסח האָט דער בעל־שם־טוב געהייסן אַן אַנדערן תלמיד עפענען די טיר. האָט דאָס פאַרדראָסן דעם בעל־חזקה און ער האָט געהאַט אַ ביסל תרעומות אויפן רבין. האָט דער בעל־שם־טוב אים אַזוי געזאָגט:

— דו מיינסט, אַז אליהו הנביא מוז דווקא קומען דורך דער אָפענער טיר. ביי אַ בעל־מדרגות קומט אליהו הנביא גאָר דורכן האַרץ...

מיט אַ באַזונדער געפיל און פּיעטעט ווערט אליהו הנביא דערמאָנט אין די זמירות פון מוצאי־שבת נאָך הבדלה. אַלע זמירות און באַלאַדעס זענען פול מיט נאָסטאַלגיע און בענקעניש צו אליהו הנביא, אליהו התשבי

און אליהו הגלעדי. חסידים זענען זיך נוהג צו לערנען אַלע מוצאי־שבת דעם ספר „תנא דבי אליהו", די תורה וואָס אליהו האָט געלערנט מיט רב יוסי פון גלילישן שטעטל ציפורי.

פאַר וואָס דווקא מוצאי־שבת? ווייל די גמרא ברענגט, אַז מען האָט יידן פאַרזיכערט, אַז אליהו וועט נישט קומען נישט ערב שבת, נישט אום שבת און יום־טוב. אָבער מוצאי־שבת קען ער שוין גרייליך קומען. דעריבער בעט מען אים, אין די שיינע פערזן פון די מלווה־מלכה־זמירות, ער זאָל קומען דערפרייען די הערצער פון עלטערן אויף קינדער, און דערווייל, ביז דער גאולה, העלפן יידן מיט פרנסה און חשק צו לערנען די הייליקע תורה, און דער זמירות־דיכטער צעזינגט זיך: „ווויל איז דעם מענטש, וואָס ער האָט זוכה געווען צו זען אליהו הנביא כאָטש אין חלום, און געבן אים שלום און צוריקנעמען שלום, ג־ט זאָל בענטשן אַלע יידן מיט שלום..."

אַז דער הייליקער בעל־שם־טוב האָט זוכה געווען צו גילוי אליהו, האָט קיינער נישט געצווייפלט, בפרט די תלמידים פון זיין חבריה. האָבן זיי אים איין מאָל אין אַ מוצאי־שבת, ווען ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, געבעטן ער זאָל זיי באַווייזן אליהו הנביא און זיי זאָלן אים קענען געבן שלום כאָטש איין מאָל, אויף דער וואָך און נישט אין חלום. דער בעל־שם־טוב האָט גוטהאַרציק געשמייכלט, ער האָט זיי צוגעזאָגט מיט אַ תנאי, אַז ער וועט זיי נישט פאַרויסזאָגן ווען, און נישט אָנווייזן מיטן פינגער: אָט איז ער! זיי אַליין וועלן זיך דאַרפן אָנשטויסן ווען און ווער ער איז.

פון דעם טאָג אָן האָבן די תלמידים פאַרשנדיק אָנגעקוקט יעדן נייעם אורח, וואָס איז געקומען קיין מעזשיבוש, אָדער יעדן מענטש, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט באַגעגנט אונטערוועגנס.

ווי לאַנג קען מען זיך אַזוי האַלטן אין אַן אָנגעשטרענגטער שפּאַנונג? אַדורך אַ מאָנאַט, האָבן די תלמידים אַ ביסל אָפּגעלענקט די אויפמערקזאַמקייט און אַנדערע האָבן כמעט פאַרגעסן אין רבינס צוזאָג.

אין איינעם אַ טאָג איז פאַרגעקומען אין מעזשיבושער בית־המדרש אַ ברית־מילה און דער בעל־שם־טוב איז געווען דער סנדק. לכבוד דעם ברית זענען זיך אָנגעפאָרן געסט פון דרויסן, קרובים פון בעל־ברית. איינער פון די געסט, באַוואַקסן מיט האָר, אין אַ פּויערישן בגד מיט אַ לעדערפּאַס

אויף די לענדן, האָט בשעת דעם ברית אַרויסגענומען פון ספרים־אַלמער אַ שולחן־ערוך און אַרייננעקוקט אין ספר. ביי דער סעודת־מיצווה נאָכן ברית האָט דער בעל־שם־טוב געבעטן מען זאָל אים ברענגען דעם שולחן־ערוך פון אַלמער, אָבער ער איז דאָרט נישט געווען. איז געשטאַנען דערביי אַ ייִנגל און דערציילט, אַז אַ פרעמדער אורח, פון אויסזען אַ דאָרפישער ייִד, האָט פריִער גענומען דעם ספר און איז אַרויס פון בית־המדרש. עטלעכע תּלמידים האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס אים זוכן, און טאַקע אים געפונען אין מאַרק מיטן ספר אונטער דער פאַלע. זיי האָבן אים מיט כוח געבראַכט פאַרן בעל־שם־טוב און געוואָלט אים שלאָגן. רופט זיך אָן דער בעל־שם־טוב:

— ניטע, לאָזט אים צו רו! זיין פּנים זאָגט עדות, אַז ער איז ניט קיין גנב.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז פאָרגעקומען אין בית־המדרש נאָך אַ ברית. עס האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע מעשׂה. דער בעל־שם־טוב האָט געבעטן אַ ספר. מען האָט געזוכט און נישט געפונען. האָט איינער עדות געזאָגט, אַז אַ פרעמדער אורח האָט פריִער געקוקט אין ספר. מען איז געלאָפן אים זוכן און געפונען דעם ספר פאַרפאַקט אין זיין רוקזאַק. זיי האָבן אים דערקענט, אַז דאָס איז דער זעלבער בעל־דבר, וואָס האָט אַ מאָל געגנבעט דעם שולחן־ערוך. האָבן זיי אים נאָך אַ מאָל געבראַכט פאַרן בעל־שם־טוב און דערמאָנט, אַז ער גנבעט שוין דאָס צווייטע מאָל ספרים פון בית־המדרש. מען דאַרף אים גוט אָנשלאָגן ער זאָל שוין מער נישט גנבע־נען. דער בעל־שם־טוב האָט אויך דאָס מאָל נישט מסכּים געווען: „חלילה־וחס! מען טאָר נישט שלאָגן דעם ייִד! ער זעט נישט אויס ווי אַ גנב"...

דער אורח מיטן פויערישן אויסזען האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן פון בית־המדרש. רופט זיך אָפּ דער בעל־שם־טוב צו זיינע תּלמידים:

— צוויי מאָל איז געשטאַנען פאַר אייך אליהו הנביא און איר האָט אים אָנגערופן גנב! און געוואָלט אים שלאָגן...

די תּלמידים האָבן זיך די הויט געריסן פון פאַרדרוס. ווו איז געווען זייער שׂכל? פאַר וואָס האָבן זיי גלייך נישט פאַרשטאַנען, אַז אַן אורח מיט באַוואַקסענע האָר און אַ לעדערנעם רימען אויפן בויך, איז נישט קיין אַנ־דערער נאָר אליהו הנביא! בפרט נאָך דעם ווי דער רבי האָט זיי צוגעזאָגט.

אָבער פֿאַרפֿאַלן. גיי זוך די פּאַראַיאַריקע הושענה! זיי האָבן באַשלאָסן צו בעטן דעם רבין אַ דריט מאָל זיי צו ווייזן אליהו הנביא. דאָס מאָל וועלן זיי שוין נישט פֿאַרפֿעלן די געלעגנהייט און גלייך אים געבן שלום־עליכם. דער בעל־שם־טוב האָט זיי צוגעזאָגט צו ווייזן נאָך איין מאָל, נישט מער.

איצט האָבן זיך די תּלמידים אָנגעגורט די לענדן. ביי יעדן ברית־מילה האָבן זיי אַלעמען באַקוקט, ווי מען באַקוקט אַן אתרוג צו סוכּות. זיי זענען אויף געווען משמרות אין די נעכט, טאָמער קומט ער זיך ווייזן שפּעט ביי נאַכט, אַחוץ פֿרייטיק צו נאַכטס, ווען אליהו קען נישט קומען צוליב „תּחום שבת”, זענען זיי נישט געשלאָפֿן קיין איין נאַכט.

אַריבער נאָך עטלעכע וואָכן. אין אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג איז דער בעל־שם־טוב אַרויסגעגאַנגען מיט די תּלמידים אַ ביסל שפּאַצירן אין פֿעלד. זיי זענען שוין געווען ווייט פֿון שטאָט, האָבן זיי דערזען פֿון דער ווייטנס ווי עס קומט זיי אַנטקעגן אַ הויכער אָפֿיציר. ער רייט אויף אַ מעכטיק ווײַס פֿערד, די ברוסט איז באַהאָנגען מיט מעדאַלן און פֿון לעדערנעם פּאָס הענגט אַראָפּ אַ ריזיקע שווערד. עס איז די תּלמידים באַפֿאַלן אַ גרויסער פּחד. ווער ווייס וואָס פֿאַר אַ שפּאָס אַזאַ אָפֿיציר קען זיך פֿאַרגלוסטן צו מאַכן מיט אומבאַשיצטע ייִדעלעך! זיי וואָלטן גערן אַנטלאָפֿן, אָדער זיך באַהאַלטן. אָבער אויף אַן אָפֿן פֿעלד, ווו קען מען לויפֿן? דער אָפֿיציר איז צוגעקומען נאָענט. ער האָט געבעטן פֿייער צו דער לולקע. אַ תּלמיד האָט אָנגעריבן פֿייערשטיינדלעך און דערלאַנגט אים מיט ציטערדיקע הענט דאָס פֿייער. ווייזט אויס, אַז דער אָפֿיציר האָט אַ מאָל געזען דעם בעל־שם־טוב. ער האָט אים דערקענט, אַרומגעכאַפּט מיט שׂימחה און אויסגערופֿן אויף פּויליש לשון: „וואָס מאַכסטו, ישׂראליק?” דער בעל־שם־טוב האָט מיט אים גערעדט אַ ווײַלע. דער אָפֿיציר האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די שפּאָרן אין די ריפּן פֿון פֿערד און איז אַוועק אין אַ גאַלאָפּ.

די תּלמידים האָבן פֿון גרויס שטוינונג פֿאַרלוירן דאָס לשון, אָבער טיף אין האַרצן זענען זיי צופֿרידן געווען, אַז דער עסק האָט זיך גוט גע־ענדיקט, אָן קלעפּ. זיי האָבן דעם רבין געפֿרעגט, ווער איז דער אָפֿיציר און פֿון וואַנען קען ער אים? דער בעל־שם־טוב האָט זיי קורץ געענטפֿערט:

— האָ! איר ווילט וויסן ווער עס איז דער אָפֿיציר? טאָ זייט וויסן, אַז ער איז נישט קיין אַנדערער, נאָר אליהו הנביא אַליין...

עמי־הארצים

די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן תּלמידי־חכמים און עמי־הארצים זענען אין די צייטן פון תּלמוד געווען אָנגעשטרענגטע ביז גאַר. אַן עם־הארץ האָט פיינט געהאַט אַ תּלמיד־חכם בתכלית השׂינאה און איז אים געווען אַ שׂונא אויפן לעבן. די גמרא זאָגט, אַז ווען נישט דאָס וואָס די עמי־הארצים דאַרפן די תּלמידי־חכמים צום מיסחר און מלאכה, וואָלטן זיי די תּלמידי־חכמים אויסגעהרגעט ביז איינעם. אַפילו דער גרויסער תּנא ר׳ עקיבא האָט זיך אַ מאָל מודה געווען, אַז בשעת ער איז נאָך געווען אַן עם־הארץ האָט ער ביי זיך געטראַכט: ווען עס פאַלט אַריין צו מיר אין די הענט אַ תּלמיד־חכם, וואָלט איך אים אַ ביס געטאָן ווי אַן אייזל...

געוויינטלעך איז נישטאָ קיין שׂינאה אָן אַ סיבה און אַ גרונט. אויך די עם־הארצישע שׂינאה האָט זיך געהאַט אויף וואָס צו באַזירן. אמת, קיין שׂונאים בנפש זענען זיי די תּלמידי־חכמים נישט געווען, אָבער אַ ביטול־געפיל פון פאַראַכטונג, גרינגשעצונג און דערנידערונג איז אָפט מאָל פיל ערגער ווי שׂינאה. און מיט אַזעלכע ביטול־געפילן האָבן זיך די תּלמידי־חכמים באַצויגן צו עמי־הארצים לאַנגע יאָרן און האָבן אָפן און בריש־גלי געפּריידיקט צו אַ פולשטענדיקער סעפּאַראַציע פון אָט דער נידעריקער און כמעט טמאדיקער קאַסטע ביי יִדן.

אומצייליקע שטעלעס און מאמרים אין דער גמרא פאַרבאָטן תּלמידי־חכמים צו זיצן אין געזעלשאַפט פון עמי־הארצים; נישט ווױנען מיט זיי אין איין ווױנפערטל; נישט נוצן זייערע כּלים און בגדים; נישט עסן פון זייער תּבואה און פירות; נישט בענטשן מיט זיי אַ מזומן; נישט אָננעמען זיי פאַר עדות; נישט מאַכן זיי אפּוטרופּסים; נישט דערציילן זיי קיין סודות

און נישט גיין מיט זיי אין וועג אַליין. ווער עס גיט אויס אַ טאָכטער פֿאַר אַן עם־הארץ איז גלייך ווי ער וואָלט זי געבונדן פֿאַר אַ לייב, און ווער עס נעמט אַ טאָכטער פֿון אַן עם־הארץ, אויף דעם איז געזאָגט געוואָרן אין דער תּורה: „אָרור שוכב עם כּל בּהמה״...

איז שוין נישט קיין וווּנדער, אַז אַזאַ שרעקלעכע איגנאָראַציע־באַציִונג האָט דערוועקט אַ טיפֿע תּהום־שׂינאה, ווי די גמרא דריקט זיך אויס: עס איז גרעסער די שׂינאה פֿון אַן עם־הארץ צום תּלמיד־חכם ווי די שׂינאה פֿון גויִים צו ייִדן... און ביי די ווייבער פֿון עמי־הארצים איז די שׂינאה נאָך גרעסער...

די דאָזיקע פֿיינטלעכע קעגנזייטיקע באַציִונגען האָבן זיך געצויגן, אין פֿאַרשידענע מאָסשטאַבן, איבער דעם גאַנצן מיטל־עלטער ביז צו דער אַנטשטייונג פֿון חסידות. געקומען דער בעל־שם־טוב און האָט אַ סוף גע־מאַכט צו סעקטעס ביי ייִדן. ער האָט צעשטערט די באַריערע וואָס האָט אָפּגעטיילט לומדים פֿון עמי־הארצים. וועדליק די תּורה פֿון בעל־שם־טוב, איז אַ ייִד וואָס זאָגט אַ שטיקל תּהילים מיט אַ צעבראָכן האַרץ, כאָטש ער פֿאַרשטייט נישט דעם פּירוש־המילות — חשובער און מער אָנגענומען אין הימל איידער אַ למדן מיטן הויכן שיפּן קאַפּל, וואָס שאָקלט זיך איבער דער גרויסער ש״ס־גמרא מיט גאווה און שטראָץ... און טאַקע, וואָס איז נעבעך שולדיק דער אָרעמער ייִד, וואָס זיין קאָפּ האָט אים נישט אויסגעטראָגן צו לערנען תּורה אין דער יוגנט; אָדער יענער יתום וואָס האָט נישט גע־האָט ווער עס זאָל אויף אים אַכט לייגן און לערנען אים תּורה, און היינט גייט זיי אויס דאָס האַרץ פֿון אהבה און יִראה פֿאַרן רבונו־של־עולם... דעריבער האָט דער בעש״ט מקרב און מחבב געווען דעם פּשוטן המון־עם. ער איז מיט זיי געזעסן, פֿאַרברענגט, דערציילט מעשׂיות, אַזוי אַרום האָט ער זיי דעראָבערט און דערנעענטערט צום דרך־החסידות.

נישט אַלע תּלמידים פֿון בעל־שם־טובס חבריה האָבן מסכּים געווען צו דער דאָזיקער שיטה. עס איז נישט קיין וווּנדער. אַ רוטינע פֿון דורות, וואָס לויפֿט שוין הונדערטער יאָרן און די וואָרצלען ציִען זיך נאָך פֿון די תּנ״ך־ציטן — איז שווער אויסצוואָרצלען אין אַ קורצער צייט. כאָטש דער בעל־שם־טוב האָט אָפּט מאָל געשיקט זיינע תּלמידים צו אַרענדאַרן, פּויע־

רים און פשוטע בעל־מלאָכות זיך אָפּלערנען פון זיי אהבת־ישׂראל, תמי־מות, בטחון און אמונת־חכמים. דאָך האָבן זיי נישט געקענט צוזען ווי די דאָזיקע עמי־הארצים מיט די מגושמדיקע פּנימער און גראָבע שטיוואַלעס קריכן צום רבין אין יחוד־חדר און ער קלאַפּט זיי אין פּלייצע אויף „פּאָן־בראַט״...

אין יענע צייטן האָט זיך געמאַכט אַ שבת ווען עס זענען זיך אָנגע־פאָרן קיין מעזשיבוש צענדליקער אַרענדאַרן, מאַרק־סוחרים, שוסטערס, שניידערס, ערד־אַרבעטערס און בהמות־הענדלערס, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט אָפּגערעדט צו פאַרזאַמלען זיך אין איין און דעם זעלביקן טאָג אין מעזשיבוש. קיינער האָט זיי נישט גערופן. קיינער האָט נאָך זיי נישט גע־שיקט. איינער האָט געוווינט דאָ, דער אַנדערער — דאָרט. זיי האָבן זיך אַפילו נישט געקענט איינער דעם אַנדערן. נאָר פּלוצלונג האָט זיי אָנגע־כאַפּט אַ גרויס חשק צו זען דעם רבין און פאָרן צו אים אויף שבת.

דער מינהג איז געווען ביים בעל־שם־טוב, אַז אַלע פרעמדע אורחים האָבן געגעסן שבת ביים רבינס טיש צוויי סעודות. צו דער דריטער סעודה זענען געזעסן ביים טיש נאָר בלויז די תלמידים פון דער חבריה־קדישה. קיינער פון די אַנדערע אורחים האָט נישט געטאָרט אָנטייל נעמען אין דער דאָזיקער סעודה, נישט זיצן ביים טיש און אַפילו נישט שטיין פון דער ווייטנס.

געקומען פרייטיק צו נאַכטס צו דער ערשטער סעודה, האָט דער בעל־שם־טוב מכבד געווען די פּראָסטע יידן מיט גרויס התקרבות. דעם האָט ער געגעבן ווייַן צו טרינקען פון זיין קידוש־בעכער, יענעם האָט ער גע־געבן אַ חלה פון זיינע י״ב חלות, מיט איינעם האָט ער געגעסן פיש פון איין טעלער, מיטן אַנדערן — פלייש. ער האָט יעדן איינעם אויסגעפרעגט ווי עס גייט אים אין פעלד; ווי עס וואַקסן די תבואות; וויפל בהמות ער האָט אין שטאַל און וויפל געגריווועטע שטיוול ער פאַרקויפט אין אַ מאַרק־טאָג. ווען נישט דאָס, וואָס דער רבי אַליין רעדט פון אַזעלכע זאַכן, וואָלטן זיך די חברה־קדישה פאַרשטאָפּט די אויערן. פאַרן בענטשן האָט דער רבי געזאָגט אַ פשוטע תורה, וואָס אַפילו אַ קינד האָט עס געקענט פאַרשטיין און די פּראָסטע לייט האָבן געקוואַלן פון הנאה. אַזוי איז אויך געווען צו

מאָרגנס אין דער פרי צו דער שבת־סעודה. דער רבי האָט זיך געזעגנט מיט זיינע פּראָסטע אורחים און זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף זיינע תּלמידים, די צדיקים און גאונים.

געקומען צו שלוש־סעודות, ווען דער רבי עסט די סעודה נאָר מיט זיינע תּלמידים, האָבן זיך די פּראָסטע לייט פאַרזאַמלט אין בית־המדרש. שוין געווען טונקל אין דרויסן. אַ סאַמעט־טונקעלער אָוונט האָט זיך גע־קלעפּט צו די פענצטער פון מיזרח, און דער מערב האָט זיך גערויטלט מיט אַ בלאַסלעכער פּורפּורפאַרב. אַ נאָגנדיק געפיל פון שבתדיקער שלווה איז געהאָנגען אין חלל פון בית־המדרש. יעדער איינער האָט זיך געטאָן די עבודה אויף זיין שטייגער: טייל האָבן געזאָגט תּהילים מיט מנין און צוגע־קרעכצט פון טיפן האַרצן, אַנדערע האָבן געלערנט אַ פּרשה חומש און זיך צוגעברומט אַ סמוטנעם רעוה דרעווין־ניגון, עטלעכע האָבן געשפּאַנט אַהין און צוריק איבערן בית־המדרש מיט חרטה־געדאַנקען פאַר באַגאַנגענע עבירות און געטראַכט ווי אַזוי תּשובה צו טאָן און זיך מתקרב זיין צום רבונו־של־עולם.

אין דער זעלבער צייט איז דער בעל־שם־טוב געזעסן ביי זיך אין שטוב מיט זיין הייליקער חבריה און געזונגען „בני היכלא״. זייערע הערצער זענען פול געווען מיט אינערלעכער פרייד אַז זיי האָבן זוכה געווען צו געפינען זיך אין געצעלט פון צדיק־הדור און גיסן וואַסער אויף זיינע הענט. דורך די פענצטער האָבן תּלמידים געזען ווי די פּראָסטע לייט אין בית־המדרש שאָקלען זיך און זאָגן תּהילים, און פאַרשטייען אַפילו נישט אָפּצושאַצן דאָס גדלות און הייליקייט פון גרויסן רבין. טאָ פאַר וואָס איז זיי דער רבי אַזוי פיל מקרב? — האָט זיך ביי אַ טייל תּלמידים אויפגעוועקט די אַלטע פראַגע.

דער רבי האָט אָנגעהויבן זאָגן תּורה אויף די רייד פון די חכמים: אַז ווו בעלי־תּשובה שטייען, קענען צדיקים גמורים נישט צוקומען. ער האָט מסביר געווען, אַז פּשוטע אָבער ערלעכע יידן, כאָטש זיי קענען נישט לערנען — זענען גלייך אין דער מדרגה פון בעלי־תּשובה, ווייל זייערע הערצער זענען צעבראָכן, פול מיט חרטה און שטרעבן מיט אַלע כּוחות זיך צו דערהייבן און דינען גאָט אָן פּניות און מיטן גאַנצן האַרצן...

געענדיקט זאָגן תורה, האָט דער בעל־שם־טוב אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף די אַקסלען פון זיינע צוויי תלמידים, וואָס זענען געזעסן צו זיין רעכטער און לינקער האַנט. זיין פנים האָט אָנגעהויבן גליִען ווי הייסע קוילן און די אויגן האָבן זיך פאַרגלאָזט. אַלע תלמידים האָבן אויך אַרויפגעלייגט די הענט איינער אויפן אַנדערנס אַקסל. עס האָט זיך געבילדעט אַ געשלאָסענע קייט פון הענט און אַקסלען. דער בעל־שם־טוב האָט אָנגעהויבן ברומען „אל מסתתר", און פלוצעם האָבן אַלע תלמידים אָנגעהויבן הערן הימלישע קולות מיט אַזאַ זיסן געזאַנג, וואָס האָט זיי אויפגעציטערט אַלע אֵברים ביז צו די טיפעניש פון דער נשמה. אָט הערט זיך אַ נאָגנדיק קול, ווי אַ פּליט: אוי, טאַטע זיסער אין הימל! "אמרות ה' טהורות", און אַ באַלאַלייקע צעגיסט זיך: „ווײ, ווײ געשריגן, האַרציקער טאַטע אין הימל „יקום אלקים יפוצו אויביו וינוסו משנאיו מפניו..." אַ קלאַרנעט צעטרעלט זיך: „חננו אלקים חננו", און אַ זיס שטימעלע, ווי אַ פידעלע, צעשפּילט זיך מיט תחנונים: „ליבער פאָטער, דערבאַרעמדיקער טאַטע! „שובנו אלקי ישענו והפר כעסך עמנו..."

די חברה־קדישה האָט אָנגעהויבן טרייסלען און ציטערן ווי בלעטלעך אין ווינט. פון די אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן ווי באַך און יעדער האָט זיך געטראַכט: ווײ געוואַלד! ווי דערגרייכט מען אַזאַ מדרגה אין ייִדישקייט...

דער בעל־שם־טוב האָט אַראָפּגענומען זיינע הענט פון די תלמידימס אַקסלען. ס'האָבן מיט אַ מאָל אויפגעהערט די הימלישע קולות. עס איז שטיל געוואָרן, ווי פאַר אַ שטורעם. דער בעל־שם־טוב האָט געהייסן זינגען שיר־המעלות.

האָט שפּעטער דערציילט ר' נחום טשערנאָבילער, וואָס איז געווען בשעת־מעשׂה: אַז אַזאַ בענקעניש און אַזאַ פאַרגעניגן, וואָס ער האָט געפילט בשעת ער האָט געהערט דאָס תהילים־זאָגן פון די פּשוטע ייִדן, האָט ער נאָך קיין מאָל נישט געהאַט אין לעבן. „די פאַנטאָפל זענען אַלעמען נאָס געווען פון שווייס און די פּנימער האָבן זיך געווייקט פון טרערן, אַז פּשוטע ייִדן, נישט קיין מלומדים, זאָלן קענען צוקומען צו אַזעלכע הויכע מדרגות"...

אַ קמיע

מיטן ציל צו פאַרשפּרייטן די נייע חסידישע אידעע צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג איבער דער מדינה האָט דער בעל־שם־טוב אויסגעקליבן עטלעכע באַגאַבטע חסידים פון זיין חבריה, לומדים, בעלי־צורה און גוטע דרשנים און האָט זיי צעשיקט אין שטעט און שטעטלעך צו דערוווערבן נפשות פאַר דער נייער באַוועגונג. איינער פון די דאָזיקע ערשטע שליחים איז געווען ר׳ דוד מיקאָלאַיעווער, וועלכן די היסטאָריקערס פון חסידות האַלטן פאַרן ערשטן חסיד אין דער געשיכטע און דעם ערשטן מאַרטירער אויפן מיזבח פון חסידישער דערקענטעניש. זיין שווער, דער רייכער ווייןּ־סוחר פון טשאַרנע־אָסטראָג, האָט אים פאַרטריבן פון די קעסט און אָפּגעזאָגט פון דער ירושה, ווייל ער איז אַראָפּ פון „גלייכן דרך", עוסק געווען אין קבלה און זיך באַהאָפטן צו עפּעס איינעם אַ דאָרפישן מלמד וואָס רופט זיך ישׂראל בעל־שם־טוב, נישט קיין תלמיד־חכם, און האָט אויך נישט געגאָסן קיין וואַסער אויף הענט פון תלמידי־חכמים, און וואָגט זיך צו שאַפן נייע שיטות אין ייִדישקייט...

פון נאַטור איז ר׳ דוד מיקאָלאַיעווער באַשאָנקען געווען מיט באַצויבערנדיקע אייגנשאַפטן: ציכטיק, פּעדאַנט, אַ שיין ליכטיק פּנים, ווי די זון מיטאָגצייט, שוואַרצע אויגן, ווי גלייִענדיקע קוילן, און אַ שטילע, טיפע שטים וועלכע האָט גערעדט מיט איינפלוס און איבערצייגונג. זיינע דרשות פאַרן עולם זענען געפלאָכטן און געווירצט געווען מיט דברי־תורה, שיינע טייטשן אין אַ פּסוק, אַ הסבר איבער אַ שווערער גמרא, אַלץ מיט טעם און מיט חן, וואָס מענטשן האָבן עס ליב צו הערן גאַנצע שעהען. ער האָט

קיין מאָל נישט געסטראַשעט זיינע צוהערערס מיט גיהנום און כּף־הקלע, נאָר זיי געטרייסט מיט נחמה־ווערטער, וועלכע האָבן זיך געלייגט אויף זייערע שווערע געמיטער ווי טויטראָפּנס אויף טרוקענער ערד; ער האָט דערוועקט אין זייערע פאַרפּייניקטע הערצער אַ ביסל האָפענונג פון דערלייזונג, וואָס קומט פון שימחה של מיצווה, אמונת־חכמים און בטחון אין גאָט ברוך־הוא. מענטשן האָבן געשלונגען זיינע דרשות מיט אָפענע מיילער, פייכטע אויגן און באַגייסטערטע הערצער. זיי האָבן זיך צוגעקלעפּט צו אים ווי שמעטערלינגען צו ליכט. אין אינטימע שמועסן האָט זיי ר׳ דוד דערציילט פון הייליקן בעל־שם־טוב, זיין גדלות און מופתים. פאַר לומדים און תּלמידי־חכמים האָט ער אים פאַרגעשטעלט פאַר אַ למדן, בעל־מוח, אַ דענקער און אַ מעמיק בניגלה ובניסתּר. פאַר פשוטע ייִדן פון המון־עם האָט ער אים געשילדערט אַלס פּועל־ישועות, וואָס האָט אַ גרויסע דעה אין הימל; אַ פּוקד־עקרות, קען העלפן ייִדן מיט פּרנסה, גיט גוטע סגולות פאַר קרענק און העלפט מענטשן אין אַ עת־צרה.

אַן אַגיטאַציע פון אַזאַ שיינער קאַלירפולער פּערזענלעכקייט האָט געבראַכט פיל נייע אָנהענגערס פאַר חסידות. די וועגן קיין מעזשיבוש זענען לעבהאַפט געוואָרן. פולע בוידן מיט ייִדן האָבן זיך געהוידעט אויפן וועג צום בעש״ט; ווער צו הערן אַ הייליק וואָרט און זיך וואַרעמען ביי די ניצוצות דקדושה פון גרויסן מנהיג, און ווער מיט אַ געבעט פאַר אַ קראַנק ווייב, אַ קינד אַ בעל־מום אָדער אַ קוואַל פון פּרנסה.

אין די ערשטע יאָרן האָט ר׳ דוד געהאַט אומעטום גרויס דערפאָלג, אַזוי ווי אַלע אַנדערע שליחים פון בעל־שם־טוב. אָבער וואָס ווייטער און וואָס גרעסער די הצלחה, האָט זיך מער און מער אַנטוויקלט אַ רעאַקציע פון קעגנערס און מתנגדים, וואָס האָבן דערזען אַ געפאַר אין דער נייער חסידישער שיטה. געוועזן שטעטלעך וואָס די גבאים און פּרנסים האָבן נישט דערלויבט ר׳ דודן צו רעדן אין שול, אָדער אים באַגרענעצט נאָר אויף איין דרשה — מער נישט. געוועזן ערטער ווו מען האָט אים געשטערט אין מיטן דער דרשה, אַפילו געוואָלט אים שלאָגן. ר׳ דוד האָט זיך פאַרקלאָגט פאַרן בעל־שם־טוב, אַז עס דראָט אים שוין אַ געפאַר צו קריגן קלעפּ, ממש סכּנת־נפשות. האָט דער בעל־שם־טוב אים באַרויִקט און געגעבן אַ פאַר־

מעטענע קמיע פאַר אַ סגולה. ר׳ דוד האָט געוואָלט די קמיע אויפהענגען מיט אַ בענדעלע אויפן האַלדז, האָט דער בעש״ט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין:

— בעסער אַריינלייגן די קמיע אונטערן אונטערשלאַג פון קאַפּל...

כאָטש עס איז נישט דער דרך צו טראָגן אַ קמיע אונטער דער פּאַדשעווקע פון קאַפּל, אָבער אַז דער רבי זאָגט, ווייס ער מן־הסתם בעסער. ר׳ דוד האָט אַריינגענייט די קמיע אין סאַמעטענעם קאַפּל און איז טאַקע באַלד געוואָרן זיכערער און האַפּערדיקער. ער איז ווייטער געפאָרן אויספירן דאָס הייליקע שליחות פון רבין.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז ר׳ דוד אָנגעקומען אין דער שטאָט סלאָנים. דער פרנס־החודש איז געווען דעמאָלט ר׳ צאַלקע נעכעס, אַ ייִד אַ בן־ששים, נישט קיין למדן, נאָר אַ גביר און אַ גוטהאַרציקער מענטש. נישט לאַנג צוריק האָט ער חתונה געהאַט מיטן צווייטן זיווג, אַ יונגער מענטש אַ יפת־תואר. עס איז אים געווען גוט אויפן האַרצן, איז ער אויך געווען גוט פאַר פרעמדע אורחים. אַז ר׳ דוד האָט אים געבעטן רשות צו זאָגן אַ פּאָר דרשות אין שול, האָט אים ר׳ צאַלקע אָנגעבאָטן ער זאָל ווערן זיין אורח, עסן ביי אים און שלאָפן, דערפאַר וועט ער אַליין גיין הערן זיין דרשה אין שול שבת נאָכן שלאָף. ר׳ דוד האָט זיך גוט געפילט אין דער רייכער שטוב. ער האָט אַ סך געשמועסט מיטן בעל־הבית. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז דער פרנס אַליין, ר׳ צאַלקע נעכעס, זאָל אַריבערפאָרן קיין מעזשיבוש, כּדי צו באַקענען דעם הייליקן מאַן וואָס רופט זיך דער בעל־שם־טוב. אָבער דערווייל איז פּאַרלאָפן אַ גרויס געשעעניש, וואָס האָט כּמעט צעשטערט אַלע זיינע פּלענער.

ערב שבת אין דער פרי איז אָנגעקומען קיין סלאָנים דער באַרימטער טשערנאָסטאָקער מגיד, אַ דרשן מיט אַ וועלט־שם, וועמענס באַרימטער נאָמען קלינגט ווי גלאָקן איבער גאַנץ ליטע. די ידיעה אַז דער מגיד איז אָנגעקומען אין שטאָט האָט זיך צעטראָגן ווי אַ ווינט איבער אַלע געסלעך. עפּעס אַ וווּנדער אַז אַזאַ מענטש מאַכט אַ רושם! הויך ווי עוג מלך הבשן, אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד, רויטע באַקן, ווי צייטיקע עפּל, שפּיציקע קונדס־שמייכלענדיקע אויגן. היינט איז ער אָנגעטאָן ווי אַ קניאַזש; אַ טור־

בענער סורדוט, אַ האַרטער מעלאָניק־הוט, ווייסע מאַנזשעטן מיט גלאַנציקע שטיוואָלעטן — נאָר אַ ברכה צו מאַכן. אַ מויל האָט ער, ווי אויף שרויפֿן. אַז ער זאָגט אַ דרשה אויף דער בימה זעט ער אויס, ווי להבדיל אַ טריאַטער־שפּילער. ער זינגט, וויינט און לאַכט, און אַלע לאַכן און וויינען מיט אים; אַז ער שילדערט די גרוילעכע פּאַסירונג פֿון גירוש־שפּאַניע, וויינט די ווייבערשול ווי אין ספּאַזמעס און האַרעפּאַשנע יִדן ווישן זיך די רויטע נעזער מיט די שפּיצן פּאָלעס. אמת, עס האָט נאָך קיינער נישט געזען די בעלי־תשובות וואָס זענען פֿרום געוואָרן פֿון זיינע דרשות, דאָך רעדט מען פֿון אים אין אַלע געסלעך, און שניידער־געזעלן זינגען נאָך זיינע שטיקעלעך, אַ משל ווי ער וואָלט געווען אַ חזן נישט קיין מגיד.

אָנגעקומען אין סלאָנים, איז דער מגיד גלייך אַוועק צו זיין באַקאַנטן פּרנס־החודש. ר׳ צאַלקע נעכעס האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים, געקושט אין די באַקן, מינהג־ליטע. באַלד איז די שטוב פֿול געוואָרן מיטן טשערנאָ־סטאָקער מגיד. זיין גראַב הייזעריקלעך קול האָט געדונערט פֿון אַלע זייטן. דאָ האָט ער געווונטשן מזל־טוב ר׳ צאַלקעס נייעם זיווג, דאָרט האָט ער באַטאַפּט אַ שיינעם פּלושענעם דיוואַן און געפֿרעגט דעם פּרייז. ער איז אַריין אין קיך און זיך אויסגעבאָטן ביי די דינסטן זיינע באַליבטע מאכלים. ער האָט, ווייזט אויס, געזאָגט דאָרט אַ קאַטאָוועס, ווייל אַלע מוידן האָבן זיך צעכאַכאַטשעט, געהאַלטן זיך ביי די באָקעס.

דערווייל איז אָנגעקומען ר׳ דוד מיקאָלאַיעווער פֿון מיקווה, אַ פּרישער, אָן אויסגעצוואָגענער, די שכינה האָט פֿון אים אַראָפּגעשיינט. דער טשערנאָ־סטאָקער מגיד האָט אויף אים אַ בליק געגעבן מיט די שפּיזיקע אויגן, ווי עס קוקט אַ גאַלגאַנסקער האָן אויף זיין קאָנקורענט. זיין לאַכעדיק פּנים האָט זיך אַ קרום געגעבן אין אַ גרימאַסע. ר׳ צאַלקע האָט זיי פֿאַרגעשטעלט איינער דעם אַנדערן. דער מגיד האָט אים דערלאַנגט די שפּיץ פֿינגער און גלייך געפֿרעגט צי ער קען עפּעס לערנען? כאָטש ר׳ דוד איז געווען אַ למדן מופלג, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן. דער מגיד האָט זיך אָפּגערופֿן צום פּרנס־החודש:

— אָט האָסטו אַ נייעם מגיד פֿון דער הגדה! בעסער וואָלסטו זיך גע־לערנט עפּעס אַ מלאכה!..

ר׳ צאַלקען האָט ווי געטאָן די גראַבלעכע באַציִונג פון מגיד צו זיין אורח. ער האָט דודן אַוועקגערופן אין אַ זייט און געטרייסט, אַז מילא, שבת וועט ער שוין נישט קענען זאָגן די דרשה צוליבן מגיד, אָבער דערפאַר וועט ער אים אין מיטן דער וואָך פאַרגיטיקן.

צו קבלת־שבת אין שול האָט זיך דער מגיד געשטעלט נעבן רב אין מיזרח. ר׳ דוד האָט זיך שטיל געשאָקלט ביים אויוון מיט אַלע ארחי־פרחי. דאָס זעלבע איז געווען ביי דער שבת־סעודה ביי צאַלקען אין שטוב. דער מגיד האָט נישט צוגעמאַכט דאָס מויל; וויציק אויסגעטייטשט פסוקים פון חומש, געזאָגט פריילעכע ווערטלעך, געוואָרפן אייגעלעך אין אַלע זייטן און געשמאָטשקעט ביים עסן, געקייט אויףביידע זייטן קינבאַקן ווי מיט מיל־שטיינער. ר׳ דוד האָט נישט אויסגערעדט אַ וואָרט ביים טיש. ער האָט זיך שטיל געשאָקלט און געזונגען „כל מקדש״.

געענדיקט דאָס עסן, האָט דער פּרנס אויסגעבעט אַ בעט פאַרן מגיד נעבן זיין שלאָפצימער. פאַר ר׳ דודן האָט ער אויסגעלייגט אַ ראָגאָזשע ביים טיר. די שבת־ליכט האָבן זיך אויסגעצאַנקט און פאַרלאָשן.

אין מיטן דער נאַכט האָט דעם טשערנאָסטאָקער מגיד אָנגעכאַפּט אַ גרויסע תאווה צו טאָן אַן עבירה. ער האָט זיך אַראָפּגעשלייכט פון בעט, זיך דערנענטערט צום בעט פון דער בעל־הביתטע, געוואָלט מאַכן דעם אָנשטעל ווי ער איז איר מאַן. די ייִדענע האָט אָבער גלייך דערפילט דאָס אומגליק. זי האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס קאַפּל פון איבערפאַלער און גענומען וועקן איר מאַן. דער טשערנאָסטאָקער מגיד האָט דערזען אַז די בראָך איז גרויס, איז ער פאַוואָליע צוגעגאַנגען צו דער ראָגאָזשע, וווּ ר׳ דוד איז געשלאָפן, אַראָפּגענומען זיין קאַפּל פון קאָפּ און אָנגעטאָן אויף זיך.

דער פּרנס האָט גענומען שרייען. זיין גוייִשער משרת איז אַריין פון דרויסן און אָנגעצונדן אַ ליכט. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מגיד שלאָפט און שנאָרכט געשמאַק און ר׳ דוד האָט נישט דאָס קאַפּל אויפן קאָפּ... דער־וויַיל האָט זיך דער מגיד „אויפגעכאַפּט״ פון שלאָף און דערהערט פון דער מיאוסער מעשה. ער האָט ר׳ דודן גוט אויסגעפּאַטשט די באַקן און זיך צע־שריגן מיטן באַס־קול: דו עוכר ישראל! בעל־עבירה! גוי גמור, ירבעם בן נבט! אַ דרשן ווילסטו ווערן ביי ייִדן!..

געקומען דער פרימאָרגן, האָבן די שמשים געבונדן ר׳ דודן די הענט מיט די פיס, ביז די רבנים וועלן זיך זעצן מוצאי־שבת צו דין־תּורה. שבת נאָכן טשאָלנט האָט דער מגיד געדרשנט אַ דרשה פול מיט שטראָפרייד אויף די בעלי־עבירה וואָס פאַרלענגערן דעם גלות און ברענגען אויף ייִדן אַלע שלעק און צרות.

מוצאי־שבת האָט מען געבראַכט צו שלעפּן ר׳ דודן אין בית־דין־שטוב. דער מגיד האָט עדות געזאָגט, אַז אַחוץ ביידן, ער מיט ר׳ דודן, איז קיינער מער אין שטוב נישט געווען און אַז ער האָט באַלד דערקענט, אַז דער דוד פון דער נייער חסידישער סעקטע איז אַ בעל־עבירה... איינער פון די קהל־לייט האָט געהייסן רופן די ייִדענע, אפשר וועט זי דערקענען דעם אַנגרייפער. זי איז געקומען און האָט אַוועקגעלייגט דאָס קאַפּל אויפן טיש פאַר די רבנים.

ר׳ דוד האָט זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט אין רבין, דעם בעל־שם־טוב. עס איז אים ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ. ער האָט זיך דערנענטערט צום בית־דין־טיש און אַזוי אויסגערופן:

— רבותי, דאָס איז נישט מיין קאַפּל! איך האָב אַ סימן אין מיין קאַפּל. פרעגט דעם מגיד צי ער ווייס אויך פון אַ סימן אין קאַפּל!..

דער מגיד איז בלאַס געוואָרן ווי די וואַנט: „וואָס פאַר אַ סימן? אַ קאַפּל האָט נישט קיין סימן!..״

— נו, נו, וועלן מיר זען — האָט ר׳ דוד אויפגעהויבן זיין קול — זייט וויסן, רבותי, אַז אין מיין קאַפּל איז איינגענייט אַ קמיע פון מיין הייליקן רבין, דעם בעל־שם־טוב. לאָמיר נעמען בודק זיין דאָס קאַפּל, וואָס ליגט אויפן קאָפּ פון מגיד...

דער מגיד איז געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט. דער שמש האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס קאַפּל פון מגידס קאָפּ. אַ רב האָט אויפגעטרענט דעם אונטערשלאַק און געפונען אַן איינגעוויקלטן פּאַרמעט, געכתיבעט מיט אותיות סת״ם: „כּי מלאכיו יצווה לך לשמרך בכל דרכיך״...

דער ראש־בית־דין האָט זיך אויפגעשטעלט אַ צעפלאַמטער און אַ געשריי געטאָן דעם מגיד אין פּנים:

— דו רשע־מרושע! נישט גענוג וואָס דו אַליין ביסט דער בעל־עבירה, ווילסטו נאָך מחשיד זיין אַ טייערן ערלעכן ייִד?..

ר׳ דוד איז אַוועקגעפאָרן פון סלאָנים בכבוד מלכים און דער נאָמען פון בעל־שם־טוב איז גרויס און הייליק געוואָרן ביי אַלע ייִדן פון שטאָט...

האַרץ און מוח

ווער עס האָט נישט געזען די זשלאָבינער חתונה, האָט נישט געזען קיין ריכטיקע ייִדישע שׂימחה אין זיין גאַנצן לעבן. די וועלט האָט זיך געפרייט און די הימלען האָבן געיובלט, די ווענט האָבן מיטגעטאַנצט פון גרויס פייערלעכקייט. אין דער דאָזיקער חתונה האָט זיך משדך געווען דאָס „האַרץ״ מיטן „מוח״. דאָס „האַרץ״ איז געווען דער זיידע פון דער כּלהס צד, רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו, און דער „מוח״ — רבי שניאור זלמן פון לאָזשנע, דער זיידע פון חתן.

ווער איז אַלץ נישט געווען אויף דער זשלאָבינער חתונה? אַלע רביים און צדיקים פון מדינת וואָלין, רייסן, פּאָדאָליע, גאַליציע און בוקאָווינע; רבנים פון אַלע שטעט און שטעטלעך, און חסידים — כּחול הים. ביים חתן־מאָל האָבן זיך אויסגעזעצט צום טיש איבער הונדערט „ספּאָדקעס״ מיט ווייסע אַטלאַסענע זשופּיצעס, מיט קינדער, אייניקלעך, שמשים און גבאים. ביי דער כּלה האָט מען ווינציקער פון אַ רביצין נישט אַריינגעלאָזט אין זאַל. רבי מרדכילע נעסכיזשער איז געווען דער מסדר קידושין, און רבי לייב שׂרהס האָט געלייענט די כּתובה. ר׳ זושע אַניפּאָלער איז געווען דער בדחן, דער ריקער מגיד האָט געזאָגט אַ דרשה, און ר׳ יאָסעלע תּאומים, דער „פּרי מגדים״ האָט געדרשנט אַ „חילוק״ אויפן פּסוק: „כּי יקח איש אשה״.

ווען די הייליקע מחותּנים האָבן געטרונקען „לחיים״, האָט ר׳ שניאור זלמן אָנגעוווּנטשן דעם עולם אַ ישועה און אַ נחמה פאַרן כּלל־ישׂראל אין גשמיות און אין רוחניות. האָט ר׳ לוי יצחק געפרעגט:

— מחותן קרוין! סטייטש? ווי איז מען עס מקדים גשמיות פאַר רוחניות?

האָט ר׳ שניאור זלמן געענטפערט:

— עס שטייט אַזוי אין דער היינטיקער פרשה: „יעקב אָבינו בעט דעם רבונו־של־עולם קודם „ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש” און דערנאָך ערשט — „והיה ד׳ לי לאלוקים”...

האָט זיך ר׳ לוי יצחק שטאַרק דערפרייט מיט דער האַרציקער תשובה פון מחותן — „טאַקע מוח, אָבער פאַרט האַרץ!” אַוודאי דאַרפן ייִדן האָבן קודם פרנסה בשפע, טאַקע „בני, חיי ומזוני” און דערנאָך וועלן זיי קע־נען דינען גאָט מיטן גאַנצן האַרץ...

צו די שבע־ברכות זענען אָנגעקומען אַלע טאָג אַנדערע „פנים־חדשות”. דער שפּאָלער זיידע, אהרנעלע קאָנסטאַנטינער, דעם בעל־שם־טובס אייניקל, די צדיקים פון שעפּיטיווקע און קאַרלין, ר׳ קלונימוס דער „מאור ושמש”, און אַפילו רבנים מתנגדים זענען אויך געקומען, בסתר, אָפּגעבן כּבוד די צוויי זיילן פון חסידות, וואָס די וועלט איז אָנגעשפּאַרט אין זיי.

צו מאָרגנס נאָך די לעצטע שבע־ברכות איז אַריינגעקומען ר׳ שניאור זלמן זיך געזעגענען מיטן מחותן. רופט זיך אָן ר׳ לוי יצחק:

— מחותן סערדצע! איך האָב אַ גרויסן חשק אין האַרץ, צו טאָן מיט אייך צוזאַמען אַ מיצווה.

וווּנדערט זיך ר׳ שניאור זלמן:

— ווי קען דאָס זיין אַ מיצווה בשותפות? צוויי ייִדן וועלן לייגן איין פּאָר תפילין? אָדער יעדער וועט דאַווענען אַ האַלב דאַווענען?

— איך מיין, מחותן, אַן אַנדערע מיצווה — האָט ר׳ לוי יצחק אַריינ־געשמייכלט אין די וואָנצעס — נעכטן איז געווען ביי מיר אַן אלמנה נאָך אַן אָרעמען שוסטער, מיט אַ בת בוגרת, וואָס שטייט אין אַ שידוך און עס איז נישטאָ קיין פּרוטה נדן און קיין פאָדעם אויסשטייער. דער חתן וויל אַ נייעם טלית און אַ לייוונטענעם איבערציִער, אַז נישט, וועט אָפּגיין דער שידוך. טאָ קומט מחותן, וועלן מיר גיין צוזאַמען צו עטלעכע גבירים שאַפן אַ פּאָר הונדערט רייניש.

מילא, אַז דאָס האַרץ גלוסט צו טאָן אַ גוטע זאַך, איז דער מוח אויך

מסכּים. האָבן זיך בײדע צדיקים אָנגעטאָן די טולופּן מיט די ספּאָדקעס, און זענען געגאַנגען צוזאַמען טאָן די מיצווה.

צו ערשט זענען זײ אַרײַנגעגאַנגען צו הירץ גומפּערץ דעם גאַרבער. הירץ איז געװען אַ דײַטשישער ייִד פֿון פֿראַנקפֿורט אַם אָדער, װאָס האָט זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק אַריבערגעצױגן קײַן בערדיטשעװ. מען זאָגט, ער איז אַנטלאָפֿן פֿאַר אַ מסירה. האָט ער אָפּגעקױפֿט בײַם פּריץ אַ פּאָר מאָרגעס פֿעלד בײַם טײַך, אױפֿגעשטעלט אַ גרױסע גאַרבערײַ און אױס־געבױט אַ דירה, װי אַ פּאַלאַץ, מיט אַ געמױערטן פּאַרקאַן. מענטשן זאָגן, אַז אין גומפּערצעס פּאַלאַץ זענען דאָ מער חדרים װי בײַם פּריץ, און ער האָט מעבל פֿון פּומפּוסן־האָלץ, באַדעקט מיט רױטן פּליוש, און זײַן װײַב קאָכט דאָס עסן אין קופּערנע טעפּ. הירץ איז אַ הױכער, אַ דאַרער, מיט אַ געשװירן גרױ שפּיצנבערדל, טראָגט ברילן אױף דער פֿלײשיקער נאָז, אָבער ער קוקט נישט דורך זײ, נאָר איבער זײ. זײַן װײַב שײנכיען איז אױך אַ הױכע און אַ דאַרע. װײַבער זאָגן לשון־הרע, אַז זי גײט אין די אײגענע האָר. נאָך מיטאָג גײען די גומפּערצעס שפּאַצירן אין זײער גאָרטן מיט צװײ גרױסע װאָלפֿהינט. זײ דערמאָנען אין אָדם וחוה נאָכן עסן פֿון עץ־הדעת. אַ גאַנצע װאָך טומלט זיך און װימלט זיך בײַ די גומפּערצעס מיט סוחרים פֿון טיף ראַסײ און פֿון מעהרן און בעהמען, װאָס קומען קױפֿן סחורה. נאָר שבת איז דאָרט שטיל װי אין אַן אױער. הירץ אַלײן דאַװנט נישט מיט אַ מנין. נאָר שבת, װען מען בענטשט ראש־חודש, קומט ער אין שול אַרײַן אין אַ צילינדער־הוט. אַז מען מאַכט אים אַ מי־שברך שנו־דערט ער צען רובל, — מער װי אַלע צוזאַמען גיבן אַ גאַנץ יאָר. די גומ־פּערצעס גײען נישט אין ערגעץ, און קײנער פֿון שטאָט קומט נישט צו זײ. נאָר בלױז פֿאַר אָרעמע־לײַט איז דאָרט אַן אָפֿענע שטוב. קומט אַרײַן אַן אָרעמער ייִד, גיט אים הירץ די נדבה מיט אַ ברײטער האַנט, און שײנכיען פֿאַרבעט אים אין קיך, גיט אַ הונגעריקן אַ סעודה, װי שלמה המלך בשעתו. מען קען עסן בײַ די גומפּערצעס, אַפֿילו אַ חסיד אױך. כּשר װי בײַם רבֿ. שײנכיען ניצט נישט קײן גױיִשע פּוטער און קױפֿט נאָר גלאַט כּשר פֿלײש.

אַז די צװײ צדיקים זענען אַרײַנגעקומען אין פּאַלאַץ, האָט זײ הירץ אױפֿגענומען מיט כּבוד. עפּעס האָט ער אױסגעזען משונהדיק. אײן גלאָז

פון די ברילן צעשפּאָלטן און דאָס לינקע אויג אַרומגעבעט מיט בלויע קישעלעך. שיינכיען האָט געבראַכט כּיבוד: אייערקוכן, אַגרעס־איינגע־מאַכטס און שאַרפן יי״ש. דערנאָך האָט הירץ אַרויסגענומען אַ מטבע פון קאַמאָד און דערלאַנגט לוי יצחקן 25 קאָפּיקעס.

ר׳ שניאור זלמן איז בלאַס געוואָרן ווי אַ שבת־טישטעך. אַזאַ בזיון! דער מרא דאתרא אַליין איז זיך מטריח מיט נאָך אַ רב, גיט אַ נגיד אַ נדבה ווי מען גיט אַ פּשוטן אָרעמאַן?..

אָבער ר׳ לוי יצחק האָט זיך גאָרנישט באַליידיקט. אדרבה, ער האָט נאָך צוגעשמייכלט. צוגענומען די מטבע און אָנגעווונטשן הירצן „תזכה למיצוות״.

קוים באַוויזן אַרויסצוגיין פון שטוב, איז זיי הירץ נאָכגעלאָפן אין די וואַטענע שטעקשיך: „ווירדיקע רבנים! ביטע, וואַרטן זי״, און האָט זיי דערלאַנגט נאָך 50 רובל. זיי זענען שוין געווען ווייטלעך אין געסל, איז זיי הירץ נאָך אַ מאָל נאָכגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער און זיי צוגעגעבן נאָך הונדערט רובל.

ר׳ שניאור זלמן האָט געהויבן מיט די אַקסלען: „וואָס טוט זיך דאָ, מחותן! פון 25 קאָפּיקעס ביז 150 רובל איז דאָך אַ מרחק ווי פון הודו ביז — עלינו לשבח...״

— טאַקע אַ מרחק — האָט ר׳ לוי יצחק באַשטעטיקט די רייד פון מחותן — אָבער די מעשה דערפון איז אַזוי. דער דאָזיקער ר׳ הירץ האָט אַ ניצוץ אין האַרצן פון אברהם אָבינו עליו־השלום. תּמיד געווען אַ מכניס־אורח און אַ בעל־צדקה, אַזוי ווי כּלבא־שבוע פאַרן חורבן בית־המיקדש. נאָר מיט אַ פּאָר טעג צוריק, ווען עס זענען געזעסן ביי אים גרויסע סוח־רים פון דער טשעכיע, איז אַריינגעקומען אַן אָרעמאַן אַ בעל־מום. האָט ר׳ הירץ אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און געפונען נאָר בלויז צוויי קאָפּיקעס. האָט דער אָרעמאַן געכאַפּט די קאָפּיקעס און אַ וואָרף גע־געבן ר׳ הירצן אין פּנים אַריין, צעבראָכן דאָס ברילנגלאָז און אים שיעור נישט בלינד געמאַכט. פון דעם טאָג אָן לאָזט שוין ר׳ הירץ נישט אַריין קיין אָרעמאַן איבער זיין שוועל. דעריבער האָב איך צוגענומען די 25 קאָפּיקעס, כּדי צוריק צו דערוואַרעמען זיין ייִדיש האַרץ, און מיצווה גוררת

מיצווה, האָט ער צוגעגעבן נאָך 50 רובל, און דערנאָך — נאָך 100. שוין באַלד אַ האַלבער נדן פאַר דער אָרעמער יתומה. אַוודאי, ער וועט פון איצט אָן צוריק ווערן אַזאַ בעל־צדקה, ווי ער איז געווען.

ר׳ שניאור זלמן האָט מיט צוויי פינגער אָנגענומען זיין שפּיץ באָרד און אַ זאָג געטאָן: „אַוודאי, גוט געטאָן, אַ גרויסע מיצווה צו דערוואַרעמען אַ יידיש האַרץ...״

דער צווייטער באַזוך פון די צדיקים איז געווען ביים נגיד משה פעשעס פון דער וואַסערמיל. אַ ייִד אַ תלמיד־חכם און אַ גרויסער גביר, נאָר אַ קמצן בר קמצן מיט אַ צוגעמאַכטער האַנט. אַ קליינוווקסיקער, אַ פאַרגעלט פּנים, ווי פאַרמעט פון אַן אַלטער מזוזה, מיט אַ שיטער בערדל פון זשאַווער־קאָליר, איז ער געזעסן ביי זיך אין אַלקער פאַר אַ יורה־דעה און געברומט מיט אַ קוויטשיק קול, ווי אַ גריל ביי אַ בעקער.

לכּבוד די אורחים האָט זיך ר׳ משה אויפגעשטעלט, אַריינגעפירט זיי אין גרויסן צימער און נאָכגעזאָגט די אורחים אַ חידוש אין „ש״ך״ פון הלכות „תולעים״. ר׳ שניאור זלמן האָט זיך מפלפל געווען מיט אים אַ היפּשע צייט. דערנאָך, אַז ר׳ משה איז אַריין אין אַלקער צו ברענגען די נדבה, האָט זיך אָפּגערופן ר׳ שניאור זלמן צום מחותן: „דער ייִד האָט אַ שאַרפן מוח, נאָר אַ קרומען שׂכל״.

אַריינקומענדיק פון אַלקער, האָט ר׳ משה אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַן איינציקע קאָפּיקע, דערצו אַ צעבויגענע און אַן אויסגעריבענע.

ר׳ לוי יצחק האָט זיך אויפגעשטעלט אַ צעקאָכטער. אַזאַ בזיון! ווי שעמט ער זיך נישט! אָבער דאָ האָט ר׳ שניאור זלמן אויסגעשטרעקט די האַנט און צוגענומען די קאָפּיקע.

אַז זיי זענען שוין אַרויס פון שטוב, האָבן זיי דערהערט משהס קוויטשיק שטימעלע: „וואַרטס אַ ווײַלע! דאָ האָט איר נאָך 50 רובל״. ווען זיי זענען שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג פון ר׳ משהס שטוב, האָט ער זיי נאָכגע־יאָגט, אין צעפּלאָטערטע כאַלאַטשפּיצן, און זיי געגעבן אין האַנט אַ רויטן הונדערט־רובל־באַנקנאָט.

ר׳ לוי יצחק האָט אָנגעקוקט דעם מחותן אַ שטוינענדיקער, ווי איינער

זאָגט: „ווי פאַרשטייט מען דאָס?" האָט ר' שניאור זלמן אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— דער דאָזיקער ייִד פאַרמאָגט אַ שאַרפן מוח און איז אַ ייִרא־שמים. נאָר זיין האַרץ איז אַן ערלדיקס, ווי עס שטייט אין דער תורה: „ומלתם את ערלת לבבכם". איז ביי אים דאָ שטענדיק אַ קאָנפליקט. דער מוח געבאָט אים צו געבן צדקה ווי עס פּסקנט דער שולחן־ערוך, און דאָס קמצנישע האַרץ לאָזט נישט געבן אַ ייִדן אַ נדבה. האָט אים דער יצר־הרע געגעבן אַן עצה: „נעם דיר אַ צעבראָכענע קאָפּיקע און גיב זי יעדן אָרעמאַן, וועט ער זי דאָך אַוודאי צוריקוואַרפן דיר אין פּנים אַריין. קומט אויס, אַז דו האָסט געוואָלט געבן צדקה, נאָר יענער האָט נישט געוואָלט נעמען..." פאַר אַ קרומען מוח איז עס אַ גאַנץ גוטע עצה.

דעריבער — האָט אויסגעלאָזט ר' שניאור זלמן זיין הסבר — האָב איך צוגענומען די צעבראָכענע מטבע, און מיצווה גוררת מיצווה. זיין שׂכל האָט זיך אויסגעגלייַכט. פּלוצלונג האָט ער דערזען, אַז ער האָט שוין יאָרן לאַנג נישט מקיים געווען די מיצוות צדקה, איז ער אונדז נאָכגעלאָפן און געגעבן אַ האַלבן נדן פאַר אַ יתומה.

אַהיימקומענדיק האָט ר' לוי יצחק געשיקט רופן די אלמנה, און ביידע צדיקים האָבן איר געגעבן די דריי הונדערט רייניש מיט 26 קאָפּיקעס פאַר נדן, אויסשטייער מיט אַלע חתונה־הוצאות. דערנאָך האָבן זיך די הייליקע מחותנים אַרומגעכאַפּט מיט שׂימחה און גרויס אהבה און זיך אַזוי געווונטשן:

— אַזוי ווי מען האָט זוכה געווען צו טאָן אַ בשותפותדיקע מיצווה און מזכה געווען ייִדן מיט אַ ריין האַרץ און כשרן מוח, אַזוי זאָל מען זוכה זיין משעבד צו זיין אונדזערע הערצער און מוחות לעבודת הבורא יתברך, און מען זאָל דערלעבן די גאולה שלימה, אָמן.

אײַנגעמאַכטס

ווער האָט אַ מאָל זוכה געווען צו אַ לעפל אײַנגעמאַכטס? נאָר אַ חולה־מסוכן, וואָס די נשמה איז בײַ אים שוין געשטאַנען אויפן שפּיץ נאָז. בשעת די ייִדענע האָט אַרײַנגעגאָסן דאָס געפּרעגלטע אײַנגעמאַכטס אין סלוי, האָבן אירע ליפּן באַלד געשעפּטשעט אַ שטילע תּפילה: הלוואי זאָל מען דיך נישט דאַרפֿן... אַז עס האָט זיך געטראָפֿן אַ מאַן אַ נאַשער, וואָס דאָס האַרץ איז אים אויסגעגאַנגען נאָך אַ ביסל אײַנגעמאַכטס, האָט ער נישט געהאַט קיין עצה, נאָר זיך קראַנק מאַכן, און ווען דאָס ווײַב האָט אים געטאַפּט דעם שטערן, האָט ער געדאַרפֿט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און מורמלען ווי אַ נישט־דאַיִקער: געוואַלד! אַ פּאָמעראַנץ און אַ ביסל אײַנגעמאַכטס...

אין נגידישע הײַזער פֿלעגט מען מיט אַ טעלערל אײַנגעמאַכטס מכבד זײַן גאָר אַ חשובֿן און געהויבענעם גאַסט, ווי אַ מחותּן, אַ „כלה־שווי“, אַ ברודערן־זון פֿון אַמעריקע. אַזוי איז דאָס אײַנגעמאַכטס געשטאַנען פֿאַרגליווערט אין אַ סלוי אויף דער שאַנק, פֿאַרדעקט מיט אַ ווײַסער שמאַטקע און פֿאַרבונדן מיט אַ צוקערשטריקל און שטאָלץ אַראָפּגעקוקט פֿון דער שאַנקהויכקייט. כאָטש עס זענען דאָ נאָך גוטע מאכלים און פּאַטראַוועס, אָבער צו קיין אײַנגעמאַכטס קומען זיי נישט. שלינגסט אַראָפּ אַ לעפל אײַנגעמאַכטס, פֿרייט זיך דער גומען און עס היילט זיך דאָס האַרץ און עס ווערט דיר ליכטיק פֿאַר די אויגן. דער אמת איז, אַז זינט מען האָט אַ נאָמען געגעבן אײַנגעמאַכטס — קאָנפֿיטור, איז אַוועקגענומען געוואָרן דער אמתער אײַנגעמאַכטס־טעם. אַ שיינער פֿאַרגלײַך — צווישן קאָנפֿיטורן און אײַנגעמאַכטס! אײַנגעמאַכטס ווערט געמאַכט פֿון די בעסטע פּרוכטן: פֿאָרעטש־

קעס, מאַלינעס, אַגרעסן, ווייַנשל און פון ווייבערשן אתרוג; עס ווערט געפּרעגלט און געבראָטן, געקאַכט און געדונסט מיט היילע צוקער און האָניק. דו שטעקסט אַריין אַ לעפל, קענסטו אים מער נישט אַרויסנעמען, האַרט ווי לעדער און ציט זיך ווי אַ האַרמאָשקע. דו טוסט אַ לעק מיט דער צונג, פילסטו טויזנט און איין טעם, דער צוגעברענטער זיסער ריח רייסט אויף די נאָזלעכער, און דער טונקעלער שפיגלגלאַנץ איז אַ פאַרגעניגן פאַרן אויג. דאָס איז אַלץ געזאָגט ביים איינגעמאַכטס, אָבער קאָנפיטור, מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, האָט נישט מער ווי דעם געקליגלטן פראַנצייזישן נאָמען. אַזוי איז עס בלויז אַ פאַווידלע־שמירעכץ, אַ שיטערע מאַרמעלאַדע, אַ צעגאָסענע וואַרעניע. עסט אַ לעפעלע, איז עס אַ לאַקריץ־זיס און עס נודיעט צום ברעכן...

אַנטקעגן וואָס האָב איך דאָ געמאַכט אַזאַ גרויסע הקדמה צום שבח פון איינגעמאַכטס? ווייל איך וויל דאָ דערציילן אַ וווּנדערלעכע מעשה פון ערשטן חב״דסקן רבין, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון טורמע אַ דאַנק אַ ביסל איינגעמאַכטס, — און אפשר האָט עס אויך געווירקט צו דער אויפלעבונג, אַנטוויקלונג און פאַרשפּרייטונג פון חסידות אויף דער וועלט.

עס איז געווען נאָך דעם ווי דער ווילנער מסור הירש דאַווידאָוויטש האָט אָפּגעשיקט אַ מסירה צום קייסערלעכן גענעראַל־פּראָקוראָר פּירשט לאָפּאַכין, אַז דער חסידישער רבי זלמן באָרוכאָוויטש פון לאָזשנע איז אַ מורד במלכות, ער שיקט ריזיקע געלטסומעס פאַר דער טערקישער אימפּעריע צו בויען אַ ים־פלאָט, כּדי צו באַזיגן רוסלאַנד, און ער פירט אַ שעדלעכע טעטיקייט קעגן דער מדינה. דער גענעראַל־פּראָקוראָר האָט איבערגעשיקט די מסירה צום ליטווישן גובערנאַטאָר בולגאַקאָוו, און דער לעצטער האָט באַפוילן צו אַרעסטירן דעם רבין. קיינער האָט נישט געוווּסט, פון וואַנען די מסירה שטאַמט און וווהין מען האָט אָפּגעפירט דעם רבין. עס זענען געווען קלאַנגען, אַז מען האָט דעם רבין אָפּגעשיקט ערגעץ ווו מיט אַ שיף אויפן אָפענעם ים. דערווייל האָט מען דעם רבין איינגעזעצט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג פון פּעטערבורג, און ער איז געשטעלט געוואָרן צו דער אויספאָרשונג פון דעם געהיימדינסט, די אַזוי גערופענע „טייַנע עקספּעדיציע״.

פאַרשטייט זיך, אַז די ידיעה וועגן רבינס אַרעסט האָט דערשיטערט אַלע אָנהענגערס פון חסידות. פון דער אַנדערער זייט, האָט די ידיעה דער־פרייט די הערצער פון די מתנגדים. די לעצטע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין די בתי־מדרשים און געזאָגט הלל גדול מיט גרויס שׂימחה, און אין דער חסידישער מחנה האָט מען געקלאָגט קינות, געבראָכן די הענט און געוויינט.

אינטערעסאַנט זענען די מאָסמיטלען, וואָס חסידים האָבן אָנגענומען אין צוזאַמענהאַנג מיטן רבינס אַרעסט: ערשטנס, דאַרפן אַלע חסידישע חדר־מלמדים זאָגן תהילים מיט די קינדער יעדן טאָג און בעטן רחמים פאַר דעם רבינס באַפרייונג; טאָמער וועט אַ חסיד שטאַרבן, דאַרפן אַלע מתעסקים גיין אין מיקווה און באַשווערן דריי מאָל דעם ניפטר, אַז זיין נשמה זאָל גלייך צו וויסן טאָן דעם בעל־שם־טוב און דעם מעזריטשער מגיד, אַז זייער תלמיד רבי שניאור זלמן איז אַרעסטירט און דאָס חסידות שטייט אין סכּנה; כּל־זמן דער רבי איז אַרעסטירט, דאַרף מען נישט באַ־שטימען קיין חתונות און תּנאים, און אַז עס איז שוין באַשטימט פון פריִער — זאָל מען פייערן די חתונה אָן מוזיק און אָן פליש; אַלע חסידים פאַסטן מאָנטיק און דאָנערשטיק; אַ גאַנצע וואָך עסט מען נאָר ברויט און טיי, און שבת — נאָר איין געקעכטס; אַלע יונגע־לייט באַשטייערן זיך מיט צען פּראָצענט פון זייער נדן און פאַרמעגן פאַר דער באַפרייונגס־אַקציע פון רבין. אויסער דעם איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דער משולח ר׳ אהרן סטראָשעלער צו שאַפן געלט איבער דער מדינה, און עס איז געשאַפן גע־וואָרן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער אַקציע.

אָבער די אַלע מיטלען און מאָסנאַמען וואָלטן געווען ווירקזאַם, ווען מען וואָלט כאָטש געוווּסט, ווו דער רבי געפינט זיך און אין וואָס ער ווערט באַשולדיקט. צום גרויסן אומגליק, האָט מען קיין זאַך נישט געוווּסט, ממילא האָט מען נישט געקענט אָנווענדן קיין קעגנמיטלען, און די חסידים זענען פול געווען מיט צער און ווייטיק.

דערווייל איז ביים רבין אין טורמע פאַרלאָפן אַזאַ געשעעניש. די וועכטערס האָבן באַמערקט, אַז דער רבי רירט נישט אָן דאָס עסן אַ טאָג, צוויי, דריי, ער ליגט שוין פאַרשמאַכט און גייט אויס פון הונגער. דער פאַרוואַלטער האָט געפּרוּווט אָנקאָרמען דעם רבין מיט כּוח, אָבער דער

רבי האָט צוגעהאַקט די ציין און געקעמפּט ווי אַ לייב, אַז דאָס טריפה עסן זאָל נישט אַריינקומען אין זיין מויל. געזען אַז עס גייט נישט מיט בייזן, האָט דער פאַרוואַלטער אַלאַרמירט דעם הויפּט־דירעקטאָר און ער האָט פאַרבונדן מיטן רבין אַ שמועס. דער דירעקטאָר איז באַצויבערט געוואָרן פון רבינס חכמה און שאַרפזין. ער האָט אים געוואָלט איבערצייגן, אַז אַ הונגערשטרייק איז געגליכן צו אַ זעלבסטמאָרד, וואָס איז פאַרבאָטן לויטן יידישן זאַקאָן. דער רבי האָט אים געענטפערט, אַז ער וועט נישט עסן קיין טריפה, אַפילו ווען עס דראָט אים צו פאַרלירן עולם־הבא... פון גרויס התפעלות פאַרן רבינס פערזענלעכקייט האָט דער דירעקטאָר פאָרגעשלאָגן, אַז ער וועט אַליין גיין אים ברענגען עסן פון אַ יידישער משפחה אין פעטערבורג. דער רבי האָט מסכים געווען מיט צוויי תנאים: ער אַליין, דער דירעקטאָר, זאָל אים ברענגען דאָס עסן פון ייד און קיינער זאָל עס נישט אָנרירן, און דאָס עסן זאָל באַשטיין פון אַ טעפּעלע איינגעמאַכטס...

אין יענער צייט איז פאַר יידן פאַרבאָטן געווען צו וווינען אין פעטער־בורג. נאָר דריי יידישע משפחות זענען געזעסן אין דער קרוינשטאָט מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון צאַר פּאַוועל. צווישן די פּריווילעגירטע משפחות איז געווען ר׳ מרדכי ליפלער, אַן אָנגעזעענער ביי דער מאַכט און אַ סימפּאַטיקער פון חסידות. צו אים טאַקע האָט זיך דער דירעקטאָר געוואַנדן, ער זאָל באַזאָרגן פאַר אַ חשובן אַרעסטאַנט אַ טעפּל כשרן איינ־געמאַכטס. ר׳ מרדכי ליפלער איז נייגעריק געווען, ווער איז דער חשובער אַרעסטאַנט, און אין האַרצן האָט אים געגריבלט אַ חשד, טאָמער איז דאָס דער רבי אַליין. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט אַריינגעלייגט אין געדיכטן איינגעמאַכטס אַ צעטל מיט עטלעכע פראַגעס: ווער ביסטו? פאַר וואָס זיצסטו? וואָס קען מען טאָן פאַר דיר? מחמת דעם וואָס דער דירעקטאָר אַליין האָט געבראַכט דאָס טעפּל איינגעמאַכטס, האָט אים קיינער נישט קאָנטראָלירט, און דער רבי האָט גלייך געפונען דאָס געשריבענע צעטל. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער דירעקטאָר געפרעגט דעם רבין, צי ער וויל נאָך, האָט אים דער רבי דערלאַנגט דאָס טעפּל מיט אַ רעשטל ביסל איינגעמאַכטס, וואָס איז געלעגן אויפן דנאָ, אָבער עס איז גענוג געווען צו פאַרדעקן די תשובה פון רבין צו ר׳ מרדכי ליפלער, אַז ער איז דאָס

דער אַרעסטאַנט, און מען זאָל גלייך שיקן לייב יאַנאָוויטשער קיין ווילנע.

אַז די דאָזיקע סענסאַציאָנעלע ידיעה איז אָנגעקומען צו ר׳ מרדכי ליפּלער, האָט זיך די חסידישע מחנה אויפגעטרייסלט ווי ביי אַן ערד־ציטערניש. קודם־כּל האָט מען געגומען זוכן אַ לייב יאַנאָוויטשער. עס איז טאַקע געווען אַ רב, וואָס האָט געהייסן לייב יאַנאָוויטשער, דער מחבר פון ספר „שארית מיהודה״, אָבער אַ ייִד אַ בטלן, וואָס דער גאַנצער קאָפּ איז אים געלעגן אין לערנען. טאָ וואָס פאַר אַ צוועק האָט עס צו שיקן אים קיין ווילנע? ערשט נאָך אַ לאַנגער זוכעניש האָט מען געפונען אַ חסיד, אַ פּשוטן ייִד, וואָס הייסט לייב יאַנאָוויטשער, אָבער דערפאַר איז ער גע־ווען אַ שוועסטערן־זון פון ווילנער גאון... עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער רבי האָט א י ם געמיינט. בקיצור, מען האָט דעם דאָזיקן לייב יאַנאָוויטשער צוגעגרייט צו דער רייזע. ער האָט זיך אויסגעלערנט מתנגדישע מינהגים, ער האָט געטוישט דעם קשר של תּפילין, מען האָט אים מיטגעגעבן 2.000 רובל, און ער איז אָנגעקומען קיין ווילנע אַלס אַן אָרעמאַן, אַ קרוב פון גאון, וואָס דאַרף חתונה מאַכן אַ טאָכטער. דער גאון האָט געהייסן אים מקרב זיין, פאַרט אַ משפּחה. ער האָט זיך איינגעקוואַרטירט ביי דער מומען אין גאונס הויז און האָט נאָכגעפאָלגט, וואָס עס טוט זיך אין שטוב פון די מתנגדים. קיינער האָט אים נישט פאַרדעכטיקט, האָט ער אַלץ געהערט און געזען. ראשית־כּל האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז דער גאון מישט זיך ווינציק אין מחלוקת, נאָר די רעדל־פירערס מאַכן אָן דאָס פייער און ניצן אויס זיין נאָמען. צווייטנס האָט ער אויסגעפונען, אַז דער מסור, וואָס רופט זיך הירש דאַווידאָוויטש עקסיסטירט בכלל נישט, אַן אויסגעטראַכטער נאָמען פון דער הגדה; דריטנס האָט ער אויסגעפאָרשט אַלע מעשׂים און פּלענער פון די מתנגדים און ער האָט אַלץ אָוועקגעשריבן צו ר׳ מרדכי ליפּלער און צום רעטונגס־קאָמיטעט פון פּעטערבורג. טאַקע אויפן סמך פון זיינע ידיעות האָט דער רבי אָנגעשריבן זיין פאַרטיידיקונגס־אַקט, ווו ער האָט איבערצייגנדיק אָפּגעשטויסן אַלע באַשולדיקונגען. דער רבי האָט דעם בריוו געשריבן אין לשון־קודש, אָבער מחמת דעם וואָס אין פּעטער־בורג איז נישט געווען קיין העברעיִשער איבערזעצער, האָט מען דעם אַקט איבערגעשיקט קיין ווילנע צום איבערזעצן אויף פראַנצייזיש.

די מתנגדים האָבן אויך געהאַט אַ יד אין שיסל. זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דעם רבינס פּאַרטיידיקונגס־אַקט איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין ווילנע צום איבערזעצן, האָבן זיי געררופן אַן אַסיפה און באַשלאָסן צו געבן דעם איבערזעצער 2.000 רובל, ער זאָל ענדערן און פעלשן דעם נוסח פון בריוו צו זייער גונסטן. לייב יאַנאָוויטשער האָט זיך גלייך דערוווּסט פון דעם, איז ער אַריבערגעגאַנגען צום איבערזעצער, דערציילט אים פון הייליקן מאַן, וואָס ליידט ווי אַ מאַרטירער צוליב שלעכטע מענטשן. על־כּן, גיט ער אים 2.000 רובל, ער זאָל נישט מער, נאָר גראָד און פּינקטלעך איבער־זעצן אַזוי ווי דער אָריגינאַל. דער איבערזעצער האָט איבערגעלייענט דעם אַקט און האָט זיך אַליין איבערצייגט אין רבינס אומשולד. ער האָט צוגע־נומען דאָס געלט און צוגעזאָגט צו געבן אַן ערלעכע אַרבעט. לייב יאַנאָ־וויטשער איז אַרויס פון איין טיר און דורך דער צווייטער טיר איז אַרײַנ־געקומען די מתנגדישע דעלעגאַציע מיטן שוחד־געלט. לייב יאַנאָוויטשער האָט נאָך געהערט הינטער דער טיר, ווי דער איבערזעצער שרייט, שעלט און זידלט זיי און הייסט זיי גיין...

די פראַנצייזישע איבערזעצונג איז אָנגעקומען צום צאַר פּאַוועל אַליין. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ קעניגלעכן דעקרעט אַז דער רבי איז אומשולדיק, זיין טעטיקייט שאַדנט נישט די רעגירונגס־אינטערעסן, באַדראַט נישט די גוטע מידות און עפנטלעכע רו. דעריבער דאַרף מען דעם רבין זאָפאַרט באַפרייען און נישט מער דערקוטשען אים, נישט דעם רבין און נישט זיינע חסידים און אָנהענגערס...

דער רבי איז טאַקע באַלד באַפרייט געוואָרן, און דאָס אַלץ אַ דאַנק דעם טעפּל איינגעמאַכטס...

אַ גט אויף אַ תנאי

עס איז געווען שבת צו נאַכטס, אָנהייב ווינטער, קרוב צו חצות. הערשעלע שמש איז שוין געשלאָפן הינטערן וואַרעמען איבערדעק. אַ האַסטיק קלאַפּן אין לאָדן האָט אים אויפגעוועקט פון ערשטן געשמאַקן דרימל. יחיאל מיכעלע, דעם רבינס אייניקל, איז אים געקומען רופן, ער זאָל שוין קומען צום רבין.

הערשעלע האָט מיט די דלאָניעס אויסגעריבן די פאַרזשמורעטע אויגן, אַראָפּגעקראָכן פויל פון געלעגער, אַרויפגעצויגן דעם וואַטענעם שפּענצער און איז אַוועק צום רבין.

גייענדיק אויפן וועג האָט הערשעלע אַריינגעטראַכט אין דער מעשה. עס איז דאָך גאַרנישט דער שטייגער פון רבין, צו וועקן אים פון שלאָף! וואָס דאַרף אים עפּעס דער רבי אין מיטן דער נאַכט? ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז נאָך פרייטיק איז דער רבי נישט געווען מיט אַלעמען. אַ מין עצבות איז אים געלעגן אויסגעגאָסן אויפן פּנים, די אויגן האָבן געקוקט מיט אַ טיפן זאָרג. אַפילו שיר־השירים האָט ער געזאָגט מיט אַ וויינענדיק קול. די תורה, שבת ביים טיש, איז אויך געווען אַ מיסטעריעזע און האָט גאָרנישט קיין שייכות געהאַט מיט דער פרשה פון דער וואָך. עס איז גע־גאַנגען פרשת לך־לך, און דער רבי האָט גאָר געזאָגט די תורה אויף פרשת שמות, פון דעם מצרי, וואָס האָט געשלאָגן אַן איש־עברי. און משה האָט זיך אַרומגעקוקט, קיינער איז נישטאָ, האָט ער דערשלאָגן דעם מצרי און פאַרבאַהאַלטן אין זאַמד. האָט דער רבי אַזוי געטייטשט: „וירא כי אין איש״ — משה האָט געזען, אַז דער גוי, דער פּריץ, איז גאָר קיין מענטש נישט;

אַ מיאוסער גואף, אַ פינצטערער שיכור און אַ שונא־ישראל, „ויך את המצרי" — האָט ער אים געגעבן אַ טויטקלאַפּ, נאָר „ויטמנהו בחול" — ער האָט עס אָפּגעלייגט אויף אַ וואָכנטאָג... אַזוי האָט דער רבי געזאָגט די שבת־תורה. חסידים האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען. געמיינט „סתרי תורה", אָבער ער, הערשל, האָט פאַרגעפילט, אַז דאָ גייט עפּעס פאָר. אַוודאי רופט אים דער רבי אין שייכות מיט דער מעשה.

הערשעלע האָט צוגעאײַלט די טריט. דעם רבינס הויז איז געווען איינגעהילט אין אַ פינצטערניש, דאָס הויזגעזינד איז שוין געשלאָפן. נאָר דער רבי אַליין איז געשטאַנען אין זיין חדר מיט אַ חלב־ליכטל אין האַנט ביים שטענדער און אַריינגעקוקט אין תיקוני־זוהר.

— גיי, הערשל — האָט אים דער רבי געזאָגט מיט אַן אומרויִק קול — און רוף אַהער דאָ ר' יאָסעלע יאַמפּאָלער, ר' איציק ראַדווילער און ר' שלמהלע קאַרלינער און נאָך צוויי יונגע־לייט פון בית־המדרש, זאָג זיי פון מיינעטוועגן, אַז זיי זאָלן גלייך אַהערקומען, אָן שהיות.

אַרויסגענומען אין מיטן פון דער מלווה־מלכּה־סעודה, זענען אַלע גע־גאַנגען צום רבין הייטער, פריילעך און באַרעדעוודיק. אָבער ווי נאָר זיי זענען אַריין אין רבינס חדר, זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. אַ דערדריקנ־דיקע שטילקייט איז געהאַנגען אין חלל פון רבינס צימער. דאָס חלבנע ליכטל האָט געצאַנקט און געוואָרפן צאַפּלענדיקע שאָטנס. דער רבי האָט זיך האַסטיק אָפּגעקערט פון שטענדער און באַפוילן הערשלען, ער זאָל אויפוועקן זיין אייניקל ישראליק, ער זאָל אַהער רופן די באָבע.

— די באָבע שלאָפט שוין — איז ישראליק געקומען מיט אַ תשובה.

— גיי און וועק זי אויף פון שלאָף — האָט דער רבי קאַטעגאָריש באַפוילן.

די רביצין איז אַריינגעקומען אַ דערשראָקענע, מיט רויטלעכע אויגן פון איבערגעריסענעם שלאָף. זי האָט זיך אַרומגעקוקט פאַרוווּנדערט, דאָ אויפן רבין, דאָ אויף די געהויבענע חסידים, וואָס זענען שוין אַליין רביס; ר' יאָסעלע יאַמפּאָלער נעמט שוין אַן „קוויטלעך", דער קאַרלינער פירט שוין אייגענע „טישן", און ר' איצעלע ראַדווילער איז דאָך איינער פון די „חמשה חומשי תורה", פון די פינף זין פון זלאָטשעווער מגיד ר' מעכעלע.

הערשעלע האָט צוגערוקט אַ בענקל. די רביצין האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, טיף אַראָפּגערוקט די קופּקע פון קאָפּ און נערוועז פאַרקוועטשט מיט די הענט.

— זעצט אייך צום טיש — האָט דער רבי אָנגעוויזן ווו צו זיצן — און ער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן זיי.

— איר דריַי, ר׳ יאָסעלע, ר׳ שלמהלע און ר׳ איצעלע וועט זיין דער בית־דין, און די צוויי יונגע־לייט זענען די עדות, אַז איך האָב באַשלאָסן צו גטן מיין ווייב, די רביצין סימע חיהשע. נאָר אַזוי ווי מען קען נישט שרייבן אַ גט ביי נאַכט, בין איך מוסר מודעה, אַז איך האָב בדעה צו שרייבן דעם גט מאָרגן, און מיין ווייב איז שוין פון איצט פון מיר אָפּגעשיידט.

אַ בייזער ווינט האָט אַ וויע געטאָן אין דרויסן און געטרייסלט די לאָדנס פון די פענצטער. קעץ האָבן זיך צעמיאַוקעט אין דרויסן, אַזוי ווי אַ קינדער־געוויין. די לופט אין חדר האָט געשטיקט, ווי דער הימל וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט ביז דער ערד. די רביצין האָט אַ זיפץ געטאָן און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטילן שלוכצן. דעם רבינס פּנים האָט געפלאַמט, ווי דער אויוון־שיבער פון די ערב־פּסח־מצות.

— וואָס שווייגסטו ווי אַ שטומער! — האָט דער רבי אַ דונער געטאָן אויף ר׳ שלמהלע קאַרלינער. — שלמה המלך זאָגט דאָך אין משלי: „אויל מחריש״ — אַפילו פון אַ נאַר וואָס שוויגט — „חכם יחשב״, איז אַ חכם חשובער.

ר׳ שלמהלע האָט געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. ער האָט אַרויסגע־שטאַמלט מיט אַ פאַרהיקנדיק קול: „אַז דער רבי זאָגט, בין איך אויך מסכּים״. די אַנדערע האָבן אויך צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— איצט, רביצין סימע חיהשע, דו קענסט ווייטער גיין שלאָפן, און דו, הערשל, צינד אָן נאָך אַ פּאָר ליכט.

דער רבי ר׳ ברוכל האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן פאָטערשטול, אַ גלעט געגעבן די ווייסע, זילבערנע באָרד און מיט אַ שטיל, ווייך קול געזאָגט:

— איצט, אַז מיין ווייב איז שוין כּמעט געגט, וואָלט איך געוואָלט איר זאָלט מיר אָנשלאָגן עפּעס אַ גוטן שידוך...

די חסידים האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן מיט אויפגע־ריסענע אויגן, ווי נאָך אַ בייזן חלום. וואָס טוט זיך דאָ? עס איז צו פיל ערנסט פון צו זיין אַ שפּאַס, און צו שפּאַסיק פון צו זיין ערנסט...

ר׳ יאָסעלע יאַמפּאָלער, שטענדיק אַ געמיטלעכער, אַ געלאַסענער און אַ גוטהאַרציקער, האָט זיך גענומען טראַכטן: אפשר מיינט דאָ דער רבי אַ משל פון כּנסת־ישׂראל מיטן רבונו־של־עולם, וואָס הייליקע ספרים פאַר־גלייכן זיי מיט מאַן און ווייב, וואָס פירן אַ שטענדיקן וויכּוח. כּנסת־ישׂראל זאָגט „השיבנו ונשובה", און הקדוש־ברוך־הוא זאָגט: „שובו אלי ואשובה אליכם"... אָבער דער רבי ר׳ ברוכל האָט אים איבערגעהאַקט די געדאַנקען.

— אפשר וואָלט געווען אַ יושר, איר זאָלט מיר אויסשדכנען די בתולה פון גאָדל ברעזינער. ער איז אַן אָרנטלעכער ייִד, און זיין טאָכטער — אַ בתולה צנועה.

אַלע האָבן געקענט גאָדל ברעזינער. נישט דערפאַר ווייל ער איז גע־ווען אַ ייִד אַ למדן, אַ גביר, אָדער געשטאַמט פון ייִחוס. אַדרבה, ער האָט קוים פאַרשטאַנען אַ שטיקל משניות, אַן אַרענדאַר פון דורות, און נישט קיין גרויסער נגיד. דערפאַר איז ער געווען אַ בילד־שיינער מענטש. הויך ווי אַ צעדערבוים, מיט צוויי קעפּ העכער פון אַלעמען, אַ ווייס מאַר־מאָר געזיכט, גרויסע גרינע אויגן, מיט אַ ברייטער שוואַרצער באָרד ווי פּעך. דערצו אַ ברייטהאַרציקער און אַ נדבן; אַ תּיקון פאַר חסידים, אַ נדבה פאַר אַן אָרעמען מענטשן האָט ער שטענדיק געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט.

דער דאָזיקער נייער פאָרשלאָג פון רבין האָט שוין אַלעמען אַרויס־גענומען פון גלייכגעוויכט. ר׳ איצעלע ראַדווילער, אַ דראָבנער מיט אַ רויט שיטער בערדל, האָט זיך אויפגעשטעלט אַ צעקאָכטער און מעיז־פּנים געווען אַנטקעגן רבין.

— ווי קומט עס, רבי, צו גטן אַ ווייב דרייסיק יאָר נאָך דער חתונה און באַלד זוכן אַ נייעם שידוך? און נאָך מיט וועמען? מיט גאָדל אַרענ־דאַר, וואָס קען קוים דאַווענען פון סידור. איר זייט דאָך אַן אייניקל פון בעל־שם־טוב, דער מלך פון אַלע רביים, אַ גילגול־נשמה פון שלמה המלך. ווי קען מען דאָס צונויפפּאָרן אַ ווייַנשטאָק מיט דערנער־ברי׳עכץ?...

אַ סאַפּעדיקער, ווי נאָכן אויפהייבן אַ משא פון צען פּוד, האָט זיך ר׳ איצעלע צוריק געזעצט און פאַרזונקען דעם קאָפּ פון בושה.

דער רבי ר׳ ברוכל האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק, און ווענדנדיק זיך צו הערשעלען האָט ער געזאָגט:

— איך מיין, אַז עס איז אַ פּאַסיקער שידוך, דעריבער, הערשל, ברענג אַריין אַ ביסל משקה מיט פאַרבייסעכץ.

דער בראָנפן האָט געהאַט אַ טעם פון ביטערע טרערן. אָבער איין גלעזל און נאָך אַ גלעזל האָט אַ ביסל פאַרמישט דעם קאָפּ. די חסידים האָבן אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום רביןן, געווונטשן לחיים און מזל־טוב.

צו מאָרגנס איז געווען טריב און רעגנדיק, קאַלעמוטנע אויף דער נשמה. איצעלע ראַדווילער איז געבליבן אויף זיין אַכסניה, גענומען טראַכטן פון אַן אַנדערן רבין. ר׳ יאָסעלע און דער קאַרלינער זענען געקומען אין בית־מדרש דורכגעווייקט פון רעגן, מיט בלאַסע פּנימער פון דער שלאָפלאָזער נאַכט. די געדעכעניש פון דער נעכטיקער מעשה האָט ביי זיי אויסגעזען ווי אַ פינצטערער קאָשמאַר, אָדער ווי אַ שרעקבילד פון גיהנום, ווי עס שטייט אין די הייליקע ספרים „שבט מוסר״, „תפתה ערוך״. נישט רעדנדיק זענען זיי געקומען צו דער הסכמה, דערווייל נישט מגלה זיין די מעשה, דיה לצרה בשעתה.

נאָך מיטאָג האָט זיך דער הימל אויסגעלייטערט. אַ זונענשטראַל האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך די בית־המדרש־פענצטער. מען האָט שוין געטראַכט צו דאַווענען מינחה. דער רבי איז אַריינגעקומען אין בית־מדרש, ווי קיין מאָל גאָרנישט, און גענומען פראַווען דעם עולם וואָס איז געקומען אויף שבת.

ביי דער טיר פון בית־המדרש איז געוואָרן מיט אַ מאָל אַ גרויס געפּילדער. גאָדל ברעזינער האָט געבראַכט צו פירן אַ גרויסן וואָגן אָנגעפּראָפּט מיט מאכל און משקה: ווייסע קוילעטשעס, געבראָטענע גענדז, פעסלעך ביר און יי״ש. דער עולם האָט אים אַרומגערינגלט, געוואָלט וויסן, וואָס איז דער מער. גאָדל האָט אַלעמען פריינדלעך אַרומגענומען און געזאָגט:

— איך בין געקומען מאַכן אַ סעודה־הודיה. עס איז מיר געשען אַ נס. קומט, ייִדן, העלפט אַריינעמען די זאַכן און גרייטן צום טיש.

נאָך דעם ווי דער עולם האָט זיך געוואַשן, דערכאַפּט דאָס האַרץ מיט אַ גוטן טרונק בראַנפן, האָט גאַדל אָנגעהויבן דערציילן די מעשׂה:

— איך האַלט די אַרענדע אין ברעזין, אַ ירושה נאָך פון טאַטן, וואָס ער האָט אָפּגעדונגען אויף עולמות פון אַלטן פּריץ גורניצקי. דער אַלטער פּריץ אַליין איז אַ וואָרטמאַן, אַן ערלעכער גוי און פירט אַלע מיסחרים מיט ייִדן. אָבער זיין איינציקער זון, געהאָדעוועט פון אַ יעזויִטישן גלח, איז אַ ווילדער שׂונא־ישׂראל און אַן אוממענטש, אַ שיכּור און אַ נואף. אַלע פּאַנשטשיזנע־פּויערים פאַרבאַהאַלטן זייערע ווייבער און טעכטער פון זיינע אויגן. זיין פוס גייט נישט דורך אַ ייִדישע שוועל. ער זאָגט אָפן, אַז נאָך זיין טאַטנס טויט וועט ער אַלע ייִדן אַרויסוואַרפן פון די גיטער.

דעם לעצטן פרייטיק איז דער תּכשיט אַריבערגעריטן מיין קרעטשמע און זיינע טמאדיקע אויגן האָבן דערזען מיין טאָכטער פּערעלע. אַזוי ווי אַ שלאַק וואָלט אים דערשלאָגן. איז ער אַראָפּ פון פערד און געוואָלט פאַנגען מיין פּערעלע, אַזוי ווי ער מאַכט עס מיט די פּויערטעס. פּערעלע האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אין שייער הינטער אַ סטאָג היי. אָבער דער איז נישט אָפּ־געטראָטן. אַזוי ווי אַ צעיאַכטעטער אָגער האָט ער געכריפּעט און געסאָפּעט פון תּאווה און מיר פאַרשטערט דעם גאַנצן שבת. איך האָב שוין געטראַכט צו נעמען אַן אָרטשיק פון מיין וואָגן און... מיין לעבן, זיין לעבן. אָבער דעם רבינס צורה איז מיר געקומען פאַר די אויגן. עס איז דאָך דער הייליקער שבת, האָב איך עס נישט געטאָן.

שבת צו נאַכטס האָט ער געבראַכט צו הילף אַ כאָפּטע לעבּיונגען, יונגע פּריצים פון דער געגנט. זיי האָבן דורכגענישטערט מיין שטוב ווי בדיקת־חמץ, געזוכט מיין פּערעלע און נישט געפונען. איך האָב געוואָלט לויפן צום אַלטן פּריץ, האָבן זיי מיך געכאַפּט און פאַרמאַכט אין קאַמער.

מיין פּערעלע איז געלעגן אין דרויסן שוין אָנדערטהאַלבן מעת־לעת אָן עסן און טרינקען, אין קעלט און אין בלאָטע. דאָס האַרץ האָט מיר גע־שניטן פאַר רחמנות.

קרוב צו חצות זענען די רשעים אַריין אין שענק טרינקען בראַנפן.

זיי האָבן זיך גוט אָנגעשיכורט און עס איז אויסגעבראָכן צווישן זיי אַ געשלעג. איין שיכור האָט אַ שטויס געגעבן דעם יונגן פריץ און ער האָט אַ פאַל געגעבן מיטן פנים אויפן ברעג פון אַ בירפעסל, צעהאַקט דעם קאָפּ און צעטרענט אַן אָדער פון האַלדז. דאָס בלוט האָט געשאַריִעט פון אים, ווי פון אַ געקוילעטן קאַלב. אַלע זענען געווען שיכור, האָט מען אים געלאָזט ליגן אין די צרות. ער איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט. פאַר טאָג האָב איך אויפגעבראָכן די טיר פון קעמערל און גענומען ראַטעווען דעם יונגן פריץ, קוים דערהאַלטן ביים לעבן. היינט אין דער פרי האָב איך אים אַוועקגעפירט אין פּאַלאַץ אַריין, פּאַראַליזירט אַ האַנט מיט אַ פוס. דעם גאַנצן וועג האָט דער יונגער פּריץ מיך געקושט און געהאַלדזט, ווייל איך האָב אים געראַטעוועט דאָס לעבן, און צוגעזאָגט, אַז פון היינט אָן וועט ער ווערן גוט און פרום און קיין מאָל נישט טשעפּען אַ ייִדן.

דעריבער, ייִדן, האָט גאָדל אויפגעהויבן דאָס גלעזל בראָנפן — בין איך געקומען צום רבין „גומל״ בענטשן, און דאַנקען דעם בורא פאַרן גרויסן נס. לחיים, ייִדן! לחיים!

אין דער זעלבער צייט זענען געזעסן ביים רבין אין חדר די זעלבע חסידים פון נעכטיקן אָוונט: ר׳ יאָסעלע, ר׳ איצעלע, דער קאַרלינער און די צוויי יונגע־לייט, די עדות. די רביצין סימע חיהשע האָט זיי אָנגעגאָסן אַלעמען גרויסע קעלישקעס בראָנפן און צוגעווונטשן:

— טרינקט לחיים, ייִדן! אַ ישועה פאַרן כלל־ישׂראל, אָמן.

ר׳ לייב שׂרהס

דער יאַריאַריד אין יעראָסלאַוו האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן, אָבער עס טומלט זיך שוין אין שטעטל, ווי אין אַ בינשטאָק. ייִדישע סוחרים פון ליטע, קרוינפוילן און אַפילו פון פּרייסן, בעהמען און אונגאַרן, האָבן זיך מקדים געווען כּדי צו דינגען קלייטן אין אַ גוטן פּונקט. אַנדערע האָבן אויפגעשטעלט שאַלאַשן, ביידלעך און געצעלטן און האָבן גענומען אויס־פּאַקן זייערע סחורות: אַלערליי געוואַנטן, סאַמעט, זיידנס, פעל, פלאַקס, קאַווע, געווירצן, גאָלד און איידלשטיינער. בערל, דער גבאי פון „ועד ארבע ארצות״, איז געקומען פון לובלין צוגרייטן די קהל־שטוב, וווּ עס וועלן זיצן די רבנים און פּרנסים ביי די אסיפות; זוכן סטאַנציעס פאַר חשובע לייט. מעקלערס, הויף־ייִדן, שדכנים און מחברים האָבן זיך באַ־צייטנס באַזאָרגט מיט אַן אָרט צום שלאָפן. עגונות, חליצות, אנוסות, און די וואָס זוכן אַ „היתר פון מאה רבנים״ האָבן זיך געפעדערט צו געפינען אַ מליץ־יושר, וואָס זאָל זיי אויסלייגן די טענות פאַר די לאַנד־רבנים.

אַ יונגער־מאַן אין די פערציקער יאָרן, אַ הויכער, ווי אַ סאָסנע־בוים, מיט אַ פירעקיקער פעך־שוואַרצער באָרד, אַ רויטלעך פּנים, ווי פון ווייך־קאַליר, און טיפע שוואַרצע אויגן, האָט אָפּגעדונגען אַ קליין שמאָל קלייטל אין מאַרקפּלאַץ. ער האָט נישט געהאַט מיט זיך קיין שום סחורה און ער האָט גאָרנישט אויסגעזען ווי אַ סוחר. דער יעראָסלאַווער בעל־הבית, וואָס האָט אים פאַרדונגען די קלייט, איז געווען נייגעריק צו וויסן פון וואַנען ער איז און וואָס איז זיין מיסחר. האָט ער געענטפערט, אַז ער הייסט לייב פון שטעטל יאַלטישקאָוו, און מער גאָרנישט. אַ וואָרט איז אָודאי געווען ביי אים אַ רענדל, און די אויגן־וויִעס האָט ער געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט.

דער יאַריד האָט זיך אָנגעהויבן. צוליבן טומל און האַרמידער האָט קיינער נישט קיין אַכט געלייגט, ווער און וואָס איינער טוט. כאָטש אין געוועלבל, וואָס ר׳ לייב פון יאַלטישקאָוו האָט געדונגען, איז נישט געווען קיין שום סחורה, זענען דאָרט פון מאָל צו מאָל אַריינגעקומען מענטשן: בעלי־מלאָכות מיט זייער אַרבעטס־געצייג, אָרעמע מדינה־גייערס, און אַ מאָל אויך אַ דײַטשל, אַ גילוח מיט אַ טשופּרינע און אַרויפגעדרייטע וואָנצעס. ר׳ לייב האָט מיט זיי געפירט שטילע סודותדיקע שמועסן. איינעם האָט ער עפּעס געגעבן, פון אַנדערן — גענומען. וואָס געגעבן? ווען גע־נומען? — דאָס ווייסט קיינער נישט. געווען שעהען, ווען ר׳ לייב האָט צוגעמאַכט דאָס קרעמל און איז אַרויס אין מאַרק. ער האָט זיך געדרייט צווישן די סטראַגאַנעס און געזוכט וועמען ער האָט געזוכט. אַז ער האָט געפונען דעם יעניקן, איז ער אָפּגעשטאַנען מיט אים אַ צייט לאַנג און געשושקעט סודות. געווען אין מאַרק אַזעלכע גאָרקיכן, ווו די סוחרים פלעגן אַריינפאַלן עפּעס כאַפּן צו דערקוויקן דאָס האַרץ. ר׳ לייב איז דאָרט קיין מאָל נישט אַריינגעגאַנגען. מען האָט אים נישט געזען עסן, ווי ער וואָלט געפאַסט משבת לשבת. בכלל איז ר׳ לייב געווען אַ שווייגער, אויס־געמיטן צו טרעפן מענטשן, אַחוץ די וואָס ער האָט געוואָלט טרעפן. אָן אויסנאָם איז געווען אין בית־המדרש. ר׳ לייב האָט מקפיד געווען צו דאַווע־נען שטענדיק מיט אַ מנין. ממילא האָט ער שוין געמוזט ענטפערן אַ מענטש אַ וואָרט, ווען מען האָט גערעדט צו אים.

טאָקע דאָרט אין בית־המדרש האָט אים צום סוף יאַריד געטראָפן אַ מאָלער. ביים לייענען די תורה דאָנערשטיק האָט אים דער שמש מכבד געווען מיט „הגבהה״, ווייל ער איז געווען אַ הויכער און האָט אויסגעזען אַ ייִד אַ גברן. מיט דעם זעלביקן מנין האָט געדאַוונט ביי דער מיזרח־וואַנט ר׳ בערל, דער גבאי פון „ועד ארבע ארצות״. ער האָט אים גלייך דערקענט, אַ צעטומלטער האָט ער דערציילט זיינע שכנים פון דער מיזרח־באַנק אַ מאָדנע מעשׂה.

— דער דאָזיקער ייִד — האָט ער אָנגעוויזן אויף ר׳ לייבן — איז געווען פאַר אַ יאָרן ווינטער אויפן לובלינער יאַריאַריד, האָבן אים קהל־לייט פאַרדעכטיקט אין טריף־פּסולס, ווייל ער האָט געהאַלטן אַ קרעמל אָן סחורה

און האָט זיך געסודעט מיט מאָדנע מענטשן. דער פּרנס־החודש האָט אים אויסגעפּאָרשט און ער האָט געשוויגן. גיי רעד צו דער וואַנט. דעריבער איז אַרויס אַ פּסק־דין, אַז מען זאָל אים אויפן בעלעמער פון דער מהרש״ל־שול — אָפּשערן אַ האַלבע באָרד... צוויי געזונטע קצבים־יונגען האָבן אים געפירט אין שול און אַוועקגעלייגט אויפן שולחן. מען האָט געשיקט צו אַ באַרבירער ברענגען אַ שער. אַזוי ליגנדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט ר׳ לייבל גערעדט צו זיך: „זע, רבונו־של־עולם, וואָס פאַר אַ גוט פאָלק דו האָסט! אַפילו מען איז נאָר חושד אַ ייִדן אין אַן עבירה — איז מען אים שוין מקיים פּסק...״ גראָד איז אַריינגעקומען דער לובלינער רב דאַווענען מינחה. ער האָט געהערט ווי דער חשוד רעדט אַזעלכע ערלעכע ווערטער, האָט ער באַפוילן אים באַפרייען און ברענגען צו אים.

מיט וואַקלענדיקע טריט האָט זיך ר׳ לייב דערנענטערט און דערלאַנגט דעם רב אַ קליין בריוועלע. ווי נאָר דער רב האָט איבערגעלייענט דעם אינהאַלט פון בריוו, האָט זיך אים די האָר געשטעלט קאַפּויער און דאָס קאַפּל איז אים שיעור אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ. ער האָט אַרומגעכאַפּט ר׳ לייבן און אים געקושט אויף ביידע באַקן. אין שול איז געוואָרן אַ חשכות. דער פּרנס־החודש האָט זיך געזעצט מיט דער פּויסט אין האַרצן, ווי יום־כּיפּור ביי „על־חטא״. די צוויי קצבים האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, ווי מען וואַרפט אַ בהמה פאַר דער שחיטה. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דאָס בריוועלע איז פון מעזריטשער מגיד. דאָרט שטייט געשריבן, אַז דער דאָזיקער ר׳ לייב בן־צבי, ווי מען רופט אים: לייב שׂרהס — איז זיך מתעסק מיט אַ מיצווה, וואָס קיין גרעסערע איז נישטאָ אין דער וועלט, און מען טאָר אַפילו נישט שרייבן וועגן דעם. על־כּן, זאָל אים יעדערער העלפן מיטן גוף און מיט געלט וויפל ער וועט פאַרלאַנגען״.

געהערט אַז דער דאָזיקער ייִד איז ר׳ לייב שׂרהס, האָט זיך אַ סוחר פון ווין אַזש פאַרקייכט פון התפּעלות: „וואָס? דאָס איז דער צדיק ר׳ לייב שׂרהס? גאַנץ ווין רעדט דאָך פון אים. מען דערציילט, אַז ער איז יענע וואָך געווען ביי אונדזער קיסר פראַנץ־יאָזעף. ער איז דורכגעגאַנגען אַלע וואַכן ווי אַ „רואה ואינו נראה״ און געסטראַשעט דעם קיסר מיט אַ מעסער, אַז ער זאָל מבטל מאַכן די גזירה פון „שקאָלעס״ פאַר ייִדן...״

האָט זיך אַריינגעמישט אין די רייד אַ סוחר פון ווילנער קאַנט און דערציילט נאָך אַ מעשׂה פון ר׳ לייב שׂרהס, אַז פאַר אַ יאָרן איז ער געקו־מען צום ייִדישן אַרענדאַר פון גראַף פּאָטאָצקי און געשיקט אים אין מיטן דער נאַכט צום פּריץ, ער זאָל גיין אים זאָגן, אַז ר׳ לייב שׂרהס רופט אים. דער אַרענדאַר איז דערציטערט געוואָרן: „וואָס הייסט: רופן דעם פּריץ?! ער וועט דאָך מיך גלייך שיסן אויפן אָרט!״ ר׳ לייב האָט אים איינגערעדט: „אָט זעסטו, אַלץ איז ערד. דאָ איז ערד, דו ביסט ערד, און דער פּריץ איז אויך עפר ואפר. על־כן, האָב נישט קיין מורא און טו וואָס איך זאָג דיר!״

— טאָ וואָס זשע מיינט איר איז געשען? — האָט דער ליטוואַק אויס־געפירט — פּאָטאָצקי איז טאַקע געקומען און ר׳ לייב שׂרהס האָט אים צו וויסן געטאָן, אַז זיינס אַ דינסטמויד האָט געבוירן אַ ממזר־קינד. פאַר חרפּה האָט זי עס דערהרגעט, און דער גלח רעדט זי אָן צו מאַכן אַן עלילת־דם אויף ייִדן. גראַף פּאָטאָצקי האָט אויסגעפּאַרשט די דינסט מיטן גלח און האָט זיי ביידע פאַרשפּאַרט אין „חד־גדיא״...

אַז מען רעדט שוין מעשׂיות, האָט נאָך אַ ייִד דערציילט אַ מעשׂה פון ר׳ לייב שׂרהס, וואָס פאָרט אַרום אויף דער וועלט, טרעפט זיך מיט ל״ו צדיקים און מאַכט „קפיצת־הדרך״ פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. אַ מאָל איז ער פאַרוואָגלט געוואָרן אין אַ דאָרף ערבֿ יום־כּיפּור. עס זענען געווען מיט אים ניין מענער. עס האָט געפעלט אַ צענטער צום מנין. האָט ר׳ לייב שׂרהס געשיקט רופן דעם געשמדטן פּריץ און אין אים אַזוי לאַנג אַריינגערעדט ביז ער האָט תּשובֿה געטאָן מיטן גאַנצן האַרץ, און עס איז געוואָרן אַ מנין פאַר יום־כּיפּור...

דאָס געזעמל איז גרעסער געוואָרן. אַ סוחר פון אונגאַרן האָט דער־ציילט אַ וווּנדערלעכע מעשׂה פון צען יאָר צוריק. ר׳ לייב שׂרהס האָט דער־פילט אין פּוילן, אַז אין אונגאַרן געפינט זיך אַ ייִנגל, אַ פּאַסטעך וואָס פּאַשעט גענדז, און פאַרמאָגט אַ הויכע הייליקע נשמה. ר׳ לייב איז באַלד אַהינגעפאָרן, גענומען דאָס ייִנגל און אַוועקגעפירט צום רבין ר׳ שמעלקע קיין ניקלשבורג. היינט איז ער ר׳ יצחק אייזיק, דער רבי פון קאַלעוו.

דערווייל האָט דער חזן געענדיקט דאָס דאַווענען. ר׳ לייב שׂרהס האָט אַראָפּגעלייגט די תּפֿילין. דאָס גאַנצע בית־המדרש האָט זיך געשושקעט

פון געוואַלדיקן נייעס, אַז דאָ געפינט זיך דער חבר און תּלמיד פון בעל־שם־טוב, דער צדיק ניסתּר ר׳ לייב שׂרהס. באַלד האָט זיך צוגעשאַרט אַ ייִד, געהאַלטן אַ שלאָף קינד מיט אַ וואַסערקאָפּ און געבעטן אַ ברכה. נאָך אַ ייִד האָט נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל. ער האָט צוגעפירט זיין קליינעם זון מיט קרומע געגדזענע פיסלעך פון דער ענגלישער קרענק, דער רבי זאָל אים בענטשן. אַ ייִד, אַ פּיקח, איז שנעל אַהיימגעלאָפן ברענגען זיין טאָכטער וואָס ס׳איז אַריין אין איר אַ דיבוק און זי קרייט ווי אַ האָן. מען האָט זיך גענומען שטופּן, קריכן אויף קעפּ.

ר׳ לייב האָט דערזען אַז דער עסק איז שלעכט, האָט ער געבעטן ביים עולם מען זאָל אים מוחל זיין, ווייל ער גייט זאָגן „אשר יצר״, און איז פאַרשווונדן.

דער גאַנצער יאַריד האָט זיך געקאָכט, ווי עס זידט אַ טאָפּ הייסע וואַסער. יעדער האָט זיך געריכמט און געלויבט: „איך האָב באַלד דערזען! באַלד דערקאַנט!״ מענטשן זענען געלאָפן טאַפּן די קלאַמקע פון „ר׳ לייב שׂרהס געשעפטל״. איין ייִד האָט געוויזן אותות ומופתים, אַז אין ספר „רזיאל המלאך״, וואָס אָדם הראשון האָט מחבר געווען, — שטייט אין אַ תּפילה דערמאָנט דער נאָמען פון ר׳ לייב שׂרהס... אַ צווייטער האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון אַ „גוטן ייִד״, אַז אויב מען זאָגט בשעת אַ בליץ דרייַ מאָל דעם נאָמען „לייב שׂרהס״ — ווערט מען אויסגעהיט פון אַלעם בייזן...

אין חסידישן קלויז האָט מען געשמועסט, אַז ר׳ לייב שׂרהס פאַסט פון שבת צו שבת, ווי דער בעל־שם־טוב האָט געזאָגט: „נישט ער פאַסט, נאָר ער האָט נישט קיין צייט צו עסן...״ און אַז ער וויל נישט ווערן קיין רבי. ער זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט, אַז ער קומט נישט קיין מעזריטש הערן תּורה, נאָר ער קומט זען ווי דער רבי טוט אָן און טוט אויס די וואַליקשטיוול... דאָס מיינט ער צו זאָגן: אַז דער עיקר איז צו לערנען דאָס התנהגות פון רבין. נאָך אַ חסיד פון קלויז האָט משבח געווען דעם צד הניסתּר, אַז ר׳ לייב שׂרהס איז דער פאַרמיטלער פון די ל״ו צדיקים, איז עוסק אין פדיון שבויים. ער באָרגט געלט ביי גבירים, מיט גוטן צי מיט בייזן, און צאָלט אָפּ פּינקטלעך צום טאָג און צו דער שעה, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט.

איינער פון די חסידים, וואָס שטאַמט פון ראָוונע, האָט נאָכגעזאָגט איש מפּי איש, אַז דאָס וואָס מען רופט אים ר׳ לייב שׂרהס — אויף זיין מאַמעס נאָמען, איז צוליב אַ מעשׂה שהיה:

זיין מאַמע שׂרה איז מיידלווייז געווען אַ יפיפיה, אַז די לבנה האָט פאַרגראָבן דאָס פּנים און די זון האָט זיך געשעמט פאַר איר שיינקייט. זי איז געווען די טאָכטער פון אַן אַרענדאַר ביי ראָוונע, און דער פּריץ האָט זיך פאַרליבט אין איר ביז משוגעת. מחמת דעם וואָס דער אַרענדאַר האָט געהאַט, פון ירושה, אַ שוצבריוו פון קיסר, האָט דער פּריץ נישט געקענט אָנווענדן גוואַלד, האָט ער געטענהט אַז ער וויל חתונה האָבן מיט איר.

געזען אַז ס׳איז שלעכט, איז דעם אַרענדאַר איינגעפאַלן אַן עצה. ביי אים אין הויז האָט געלערנט מיט די קינדער דער מלמד ר׳ יוסף. אַ ייִד אַ זקן און אַן אלמן. האָט דער אַרענדאַר אים געבעטן, ער זאָל מכּלומרשט חתונה האָבן מיט זיין טאָכטער, וועט ער פּטור ווערן פון דעם רשע.

אַזוי איז טאַקע געווען. מען האָט געבראַכט שטילערהייט אַ רב פון ראָוונע און חתונה געמאַכט די בתולה מיטן זקן. דער פּריץ האָט געהערט די מעשׂה, איז ער אַראָפּ פון זינען און מען האָט אים אַוועקגעשיקט אין אַ משוגעים־הויז.

אַז די געפאַר איז אַריבער, איז געקומען דער מלמד און געזאָגט דעם אַרענדאַר, אַז ער איז שוין גרייט צו געבן שׂרהן אַ גט, כּדי זי זאָל קענען חתונה האָבן מיט אירס גלייכן. דאָ איז געשען אַ ווונדערלעכע זאַך: שׂרה האָט נישט געוואָלט זיך גטן. זי האָט געטענהט, אַז איר מאַן איז אַ צדיק, אַ הייליקער מענטש, און זי האָט אים ליב. ר׳ יוסף מלמד איז טאַקע געווען איינער פון די למד־וואָוו צדיקים. וואָס איז דאָ צו ברייען? שׂרה איז גע־בליבן מיט איר מאַן דעם מלמד, און פון דאָזיקן שידוך איז געבוירן גע־וואָרן ר׳ לייב.

און ווייל די מוטער שׂרה איז געווען אַזאַ גרויסע צדיקת, האָט מען אים גערופן נאָך איר נאָמען: ר׳ לייב שׂרהס.

אַ חשד

די שטאָט זשיטאָמיר איז געגאַנגען אויף רעדלעך. די סענסאַציאָנעלע ידיעה האָט אויפגעפּלאַצט ווי אַ פּולווער־באָמבע. לכתחילה האָבן זיך מענטשן גע־שושקעט פון מויל צום אויער, כּדי קינדער זאָלן עס נישט הערן. דערנאָך ־האָט מען שוין אָפן גערעדט אין די גאַסן. קינד־און־קייט האָבן געדראָשן די מעשׂה איין מאָל און נאָך אַ מאָל, צעלייגט עס אויף אַלע טעלערלעך, און ליצנים האָבן פאַרפאַסט לידלעך מיט גראַמען, צו זינגען מיט באַקאַנטע גאַסן־מעלאָדיעס.

וואָס איז דען דער ווונדער? אַזאַ מעשׂה איז דאָך נישט געהערט גע־וואָרן! אַזאַ חסידישער יונגער־מאַן ווי לייבעלע חאַצקלס, אַ גבירישער זון און אַ רבס אַן איידעם, זאָל זיך אַזוי אַראָפּלאָזן נידעריק און טאָן אַן עבירה מיט דער באָד־גויע !..

די שטאָט האָט נישט געשוויגן. דער רב האָט געזעצט אַ בית־דין, געשיקט דעם שמש רופן דעם בעל־עבירה. טרעגערס, קצבים, בעלי־עגלות און סתּם ווילדע יונגען האָבן אַרומגערינגלט דאָס קהל־שטיבל, געקוקט דורך די פענצטער און געשטופּט זיך ביים טיר, כּדי צו הערן ווי בית־דין פרעגט אויס די שאלות, און ווי לייבעלע דער זײַדענער יונגער־מאַן פאַר־ענטפערט זיך. פון גרויסן געדראַנג איז אויסגעזעצט געוואָרן די טיר מיט די פענצטערשויבן. לייבעלע האָט אַריינגעכאַפּט גוטע קלעפּ. בית־דין האָט גאָרנישט געקענט צום פּסוק קומען, אַפילו קיין איין פראַגע נישט געפרעגט, און אַרויסגעגעבן אַ פּסק־דין, אַז לייבעלע דאַרף געבן אַ זאַק משניות פאַר דעם תּיקון־ספרים, ליכט און האָלץ פאַר דער שול אויף ווינטער, און כּדי

מכפר צו זיין מיט תשובת המשקל דאַרף מען דעם בעל־עבירה צוזאַמען מיט דער פאַרשייטער גויע דורכפירן דורך דער שולגאַס מיט אַ געפויק, און די שטאָטלייט זאָלן שטיין אין די זייטן, זאָגן דריי מאָל „יושב בסתר" און צוויי מאָל שפּײַען דעם בעל־עבירה אין פּנים אַריין...

מילא, וואָס עס האָט זיך אין יענעם טאָג אָפּגעטאָן אין דעם זשיטאָמיר! שוואַרץ איז געווען די שולגאַס מיט מענטשן, קעפּ אויף קעפּ. דער שטאָט־מגיד האָט קודם געהאַלטן אַ דרשה אין שול. ער האָט געבריינגט ראיות פון דער גמרא און פון מדרשים, אַז פאַר אַזעלכע עבירות קומען אַראָפּ מחלות און אונטערגאַנגען, און אומשולדיקע מענטשן גייען פון דער וועלט; קינדער, נעבעך, שטאַרבן אין די אויגן, און אַלטוואַרג גייט אויס פאַר דער צייט... דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער פינצטערער מאַרש. צוויי שמשים זענען געגאַנגען בראש און געזעצט אין באַראַבאַנען. דער קברות־מאַן האָט געשלעפּט דאָס טהרה־ברעטל, און פיר חברה־קדישא־לייט האָבן געטראָגן שוואַרצע ליכט. נאָך זיי זענען נאָכגעגאַנגען די בעלי־עבירה; לייבעלע, אַ שיינער היכער יונגער־מאַן מיט אַ שוואַרץ מאָך־בערדל און געקרייזלטע פאות. דאָס פּנים איז געווען בלאַס ווי קרייד, די אויגן אַראָפּגעלאָזן, באַגראָבן אין דער ערד. זיין שוואַרצער טוזליק איז ווייס געווען פון געשפּײַ. אין דער זייט, נישט ווייט פון אים האָט זיך געוויגט, אויף די דיקע פיס, אַ גראָבע מיאוסע גויע מיט אַ פאַרשייט פּנים. עס האָט זי גאָרנישט געאַרט די מעשה. אדרבא, זי האָט נאָך צוגעשמייכלט און געוואָרפן אייגעלעך צו די ווילדע יונגען... מענטשן האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי קומט אַזאַ איידעלער שיינער יונגער־מאַן צו אַזאַ נבילה? טייל האָבן געקרעכצט, מיט־געפילט דעם לייד און פיין פון חסידישן יונגן־מאַן, אַנדערע האָבן געלאַכט פון שאָדנפרייד, היגטערלעסטיקע לייט האָבן גערעדט ניבול־פה, און גאַסן־יונגען האָבן נאָכגעוואָרפן שטיינער און געשאָטן זאַמד.

דורך אַ פענצטער פון אַ הייזל אין שולגאַס האָט אַרויסגעקוקט דער צדיק ר' וועלוועלע, איינער פון די חשובסטע תלמידים פון ר' פנחסל קאָריצער. ער האָט אָנגעקוקט לייבעלען מיט גרויס באַדויערן און פון זיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן.

נאָך דער מעשה איז לייבעלע פאַרשוווּנדן פון שטאָט אַ יאָר צייט. ער

איז צוריקגעקומען פֿאַרדאַרט, פֿאַרקוואַרט, אַ האַלבער מענטש. אין אָנהייב איז ער שנעל דורכגעלאָפֿן די גאַס פֿאַר גרויס חרפּה. ביסלעכווייז האָבן מענטשן פֿאַרגעסן פֿון יענעם געשעעניש. לייבעלע איז אַרײַן אין געשעפֿטן, גענומען האַנדלען מיט פֿריצים. פֿון נאַטור אויס אַ פֿיינער פֿאַרלעסלעכער מענטש, אַ וואָרטסמאַן, מיט גוטער באַנעמונג צו מענטשן, האָט ער באַלד געפֿונען חן און צוטרוי בײַ יעדן פּריץ. ער איז, מיט דער צײַט, געוואָרן אַ גרויסער גביר. ער האָט זיך אויסגעבויט אַ גרויסאַרטיקע דירה, דער־צויגן פֿיינע קינדער, געגעבן צדקה מיט אַ ברייטער האַנט, אַ מכניס־אורחים, פּשוט, אַ שײַנדל אין שטאָט. אַוודאי וואָלט מען אים געוועז אויפֿגענומען פֿאַרן ראש־הקהל אָדער פֿאַרן גבאי פֿון חברה־קדישא, ווען נישט יענע מעשׂה וואָס איז נאָך נישט אין גאַנצן געוואָרן אויסגעווישט פֿון זכּרון. און לייבעלע אַליין האָט זיך אויך נישט געשטופּט צו אַ קהלשן פּאָסטן. אפֿשר וואָלט ער עס נישט אָנגענומען אַפֿילו ווען מען באָט אים אָן.

אַריבער פֿון דער מעשׂה אַ יאָר זיבעצן, האָט איין מאָל דער רבי ר' ברוכל פֿון מעזשיבוש אָנגעזאָגט זײַנע חסידים, אַז ער קומט אויף שבת־שירה קיין זשיטאָמיר. די שטאָט האָט זיך געגרייט אויפֿצונעמען דעם רבין מיט אַ גרויסאַרטיקן קבלת־פּנים. מען האָט אויסגעקערט די גאַסן, אָנגעשיט געלן זאַמד; מען האָט אָפּגעדונגען אַלע וועגענער, בוידן און קאַטשן פֿון שטאָט כּדי אַרויסצופֿאָרן אַנטקעגן רבין; מען האָט אויסגעזעצט אַ דע־לעגאַציע פֿון רבנים און שיינע ייִדן, וועלכע זאָלן געבן דעם רבין דעם ערשטן שלום־עליכם! דער גבאי האָט אויסגעשריבן אַ ליסטע פֿון אַלע גבירים מיט שיינע דירות, דער רבי זאָל זיך אַליין אויסקלייבן זײַן סטאַנציע. נישט ווילנדיק, האָט דער גבאי אַרײַנגעשריבן אין דער ליסטע לייבעלעס דירה אויך.

אין יענעם דאָנערשטיק, ווען דער רבי איז אָנגעקומען קיין זשיטאָ־מיר, האָט די שטאָט פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם. אַלע האָבן געדאַווענט מיטן ערשטן מנין, נישט געעפֿנט די געשעפֿטן, אָנגעטאָן בגדי שבת, האָבן זיך אַלע אַרויסגעלאָזט אויפֿן שאָסיי פֿון וואַנעט דער רבי דאַרף אָנקומען. אַ פּאָר וויאָרסט איז דער שאָסיי שוואַרץ געווען פֿון מענטשן וואָס האָבן דער־וואַרט דעם הויכן גאַסט. אַז דער רבי איז אָנגעקומען, האָבן די חסידים

אויסגעשפּאַנט די פערד און זיך אַליין איינגעשפּאַנט אין קאָטש. אַ קייט פון יונגע חסידים האָט אַרומגערינגלט דעם רבין, געטאַנצט און געזונגען, ביז די קאָטש איז אָנגעקומען אין מיטן שטאָט. צו אַלעמענס גרויס וווּנדער האָט זיך דער רבי אויסגעקליבן זיין סטאַנציע ביי לייבעלען אין דירה. אַוודאי איז לייבעלעס שׂימחה געווען אַ גרויסע. אַ גאַנצן טאָג האָט ביי אים געווימלט און געשווימלט מיט געסט, קהל־לייט, רבנים און שיינע ייִדן וואָס זענען געקומען געבן שלום און זיך פּראַווען ביים רבין. לייבל מיט זיין הויזגעזינד האָבן אַלעמען העפלעך באַדינט, דערלאַנגט כּיבוד און געקאָכט עסן פאַר אַלע חסידים און געסט. שבת האָבן ביי לייבעלען געגעסן עטלעכע הונדערט מענטשן. דער רבי ר׳ ברוכל האָט גרויס הנאה געהאָט פון דער סטאַנציע און פון בעל־אכסניה.

מוצאי־שבת, ביי דער מלווה־מלכּה־סעודה, איז געשען אַ געוואַלדיקע נייעס. ממש אַן אומגלייבלעכע געשעעניש, וואָס האָט געמאַכט אויף אַלע חסידים אַ דערשיטערנדיקן רושם. נעמלעך, דער רבי ר׳ ברוכל האָט פאַר־געשלאָגן לייבלען, אַז ער וויל זיך משדך זיין מיט אים, נעמען זיין טאָכטער פאַר אַ שנור... די טישזיצערס האָבן נישט געגלייבט זייערע אייגענע אויערן. אַלע זענען בלאַס געוואָרן ווי קאַלך. עס האָט זיי געציטערט הענט און פיס, און דאָס לשון איז זיי אָפּגענומען געוואָרן ווי ביי געליימטע. וואָס טוט זיך דאָ ? מאַכט דאָ דער רבי, חלילה, אַ שפּאַס ? סטייטש ! אַזאַ רבי ר׳ ברוכל, דער מלך פון אַלע צדיקים, דעם בעל־שם־טובס אַן אייניקל, אַזאַ גילדענער ייִחוס, זאָל אַ שידוך טאָן מיט אַן אַמאָליקן בעל־עבירה ?!..

צו מאָרגנס האָט די גאַנצע שטאָט געקאָכט פון דער נייעס. עס האָבן זיך געפונען עטלעכע שיינע חסידים וואָס זענען אַוועק צום רבין און דער־ציילט די גאַנצע מעשׂה. דער רבי האָט זיי איבערגעשלאָגן די רייד, ווייל ער איילט זיך איצט צו גיין מאַכן אַ וויזיט ביי דער אלמנה פון צדיק ר׳ וועלוועלע, זיין אַמאָליקער חבר און גוטער פריינד. ער האָט די חסידים מיטגערופן מיט זיך.

די אלמנה האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט דעם חשובן וויזיט. זי האָט דערציילט דעם רבין זכרונות פון איר הייליקן מאַן. צווישן אַנדערע זאַכן האָט זי אויך דערציילט, אַז ער האָט אַ מאָל געזען דורכן פענצטער

ווי מען פירט צום שאַנדסלופּ איינעם אַ יונגן־מאַן לייבל, וואָס מען האָט אים חושד געווען אין אַ האַרבער עבירה. האָט איר מאַן גרויס צער געהאַט און אַזוי איר געזאָגט:

דער יונגער־מאַן האָט אַ ליכטיקן פּנים. נישט מעגלעך אַז ער זאָל האָבן געטאָן אַזאַ שווערע עבירה. טאָמער איז דאָס טאַקע אַן אומזיסטער חשד, וועט דער יונגער־מאַן זוכה זיין צו משדך זיין זיך מיט גדולי הדור!..

אין זעלביקן טאָג האָט מען געהערט אין שטאָט, אַז משהקע בעל־עגלה איז שטאַרק קראַנק און האַלט ביי גסיסה, און ער האָט געבעטן רופן דעם רב, ווייל ער וויל זיך פאַר אים מתוודה זיין. משהקע האָט דעם רב פאַרטרויט, אַז ער האָט דאָס אויסגעטראַכט די מעשה מיט לייבעלען. ער איז בייז געווען אויף זיין פאָטער וואָס האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע און צוגענומען אַן אַנדער בעל־עגלה, זיין קאָנקורענט. דערפאַר האָט ער געגעבן עטלעכע רייניש דער באָד־גויע, און זי האָט עס געמאַכט דעם בילבול.

האָט דער רבי ר׳ ברוכל צוגעשמייכלט צו זיינע חסידים און אַזוי אויסגעפירט:

— נישט בחינם האָבן די חכמים געזאָגט: „יהא חלקי במי שחושדין אותו ואין בו" — ווייל איז דעם מענטש וואָס מ׳איז אים חושד אומזיסט, און ער שווייגט...

אַ רבי אָן ייחוס

אַ חסידישער הויף איז ווי אַ קעניגלעכע דינאַסטיע. שטאַרבט דער קעניג, גייט איבער די ירושה צום עלטסטן זון, דעם יורש־העצר. טרעפט אַ מאָל אַ קעניג איז קינדערלאָז, ווערט געקרוינט איינער פון די אַדעליקע, אַ קרוב צו דער קעניגלעכער פאַמיליע. גאַנץ זעלטן זענען די פאַלן, ווען די קייסער־לעכע קרוין זאָל איבערגיין צו אַ פשוטן, גרויען בירגער פון דער שורה.

אין דער חסידישער געשיכטע האָט שוין געטראָפן, אַז חסידים האָבן איבערגענומען די ירושה נאָך דער פטירה פון אַלטן רבין, אָבער תמיד זענען די דאָזיקע חסידים געווען דערהויבענע פערזענלעכקייטן, גרויסע לומדים און מקובלים, אָפּשטאַמיקע פון רבנישן יִחוס.

בלויז איין און איינציק מאָל אין דער חסידישער היסטאָריע איז דער יורש פון אַ גרויסער חסידישער דינאַסטיע נישט געוואָרן איינער פון דעם רבינס זין, דווקא קינדער געראָטענע, בעלי־צורה, לומדים און זוהר־ייִדן — נאָר ס׳איז געקרוינט געוואָרן פאַר אַ רבי דעם אַלטן רבינס שמש, אַ געוועזענער משרת, אַן אַמאָליקער שניידער־געהילף, נישט קיין למדן, נישט קיין מקובל, נישט קיין יחסן, נאָר אַ פשוטער תהילים־זאָגער, וואָס אַלע האָבן אים גרינגגעשעצט, געשיקט שליחותן און אַפילו חוזק געמאַכט פון אים.

דאָס איז געווען דער צווייטער רימאַנאָווער רבי ר׳ הירשל משרת, וואָס איז געוואָרן דער ממלא־מקום פון גרויסן צדיק און גדול הדור, איינער פון די זיילן פון חסידות, רבי מענדעלע רימאַנאָווער, פון די חשובסטע תלמידים פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזענסק.

און ווען דער דאָזיקער משרת איז געוואָרן רבי האָבן אַלע גדולי הדור געבויגן די קעפּ פאַר אים. זיין וואָרט איז געווען אַ באַפעל פאַר צענדליקער טויזנטער חסידים, און אַלטע חסידים מופלגים, גרויסע רבנים און עשירים זענען געשטאַנען פאַר אים, ווי עס שטייט אַ קנעכט פאַר זיין האַר.

ר׳ הירשל משרת איז געבוירן געוואָרן אין קליינעם גאַליציאַנישן שטעטל דאָמבראָווע ביי טאַרנאָוו. זיינע עלטערן זענען געווען אָרעמע מענטשן, נישט געהאַט אַפילו צו צאָלן פאַר אים שׂכר־לימוד, האָט דער טאַטע אַליין געלערנט מיט אים עברי, דאַווענען און אַ פּרשה חומש.

צען יאָר איז הירשעלע אַלט געווען, ווען זיינע טאַטע־מאַמע זענען געשטאָרבן. ער איז געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום. אַ פעטער, נישט קיין קלענערער אָרעמאַן ווי דער טאַטע, האָט רחמנות געהאַט אויף דעם אָרעמען יתום און אים געהאַלטן אַ קורצע צייט אין שטוב, דערנאָך האָט ער אים אַוועקגעגעבן צו אַ שניידער פאַר אַ לערן־ייִנגל. אַ גאַנצן טאָג איז הירשעלע געזעסן איינגעבויגן מיטן נאָדל־פאָדעם איבער דער לאַטע. און ביי נאַכט האָט ער נאָך געדאַרפט באַדינען דעם בעל־הבית מיטן הויזגעזינד: ברענגען וואַסער פון טייך, בלאָזן דאָס פייער אין דער הרובע און צוויגן אַ קינד אין וויגל. שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך הירשעלע אַרויסגעגנבעט פון בעל־הבית, אַריין אין בית־המדרש הערן ווי בחורים און יונגע־לייט לערנען תורה. איינגעקאָרטשעט אין אַ ווינקל, מיט פאַרחלומטע אויגן, האָט ער געשלונגען די תורה־ווערטער, וואָס האָבן געהילכט אין חלל פון בית־המדרש, און איז גליקלעך געווען, ווען אַ לערן־בחור האָט אים גע־שיקט ברענגען אַ פאַפּיראָסל פון קראָם, אָדער אַ קאָלטן טרונק וואַסער פון ברונעם. הירשעלעס גוטסקייט איז געווען אַ שם־דבר. ער האָט קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט אַ טובה צו טאָן אַ מענטש. אַ מאָל פלעגט זיך פאַר־גלוסטן די בית־המדרש־בחורים צו מאַכן זיך אַ ביסל לוסטיק מיט דעם תמימותדיקן ייִנגל, הירשעלע האָט אַלץ צוגענומען פאַר ליב. יענער וויל זיך אַ ביסל פריילעך מאַכן — זאָל אים דאָס ווויל באַקומען.

אַ מאָל האָט זיך פאַרוואָגלט קיין דאָמבראָווע דער צדיק ניסתּר ר׳ משהלע פּשעוואָרסקער. דווקא דער נאַיִווער הירשעלע האָט דער ערשטער דערפילט, אַז דער דאָזיקער ייִד איז נישט קיין פּשוטער עובר־אורח. ער

האָט אים געהערט זאָגן די דרשה צווישן מינחה און מעריב. עס איז גע־גאַנגען פּרשת וירא. האָט ר׳ משהלע געשילדערט דאָס גוטסקייט און עניוות פון אברהם אָבינו, ווי עס שטייט אין פּסוק: „וירא אליו ד׳ באלוני ממרא״. פאַר וואָס באַצייכנט די תורה „באלוני ממרא״? איז דען וויכטיק, ווו עס איז געווען דער פּלאַץ פון דער מעשׂה? נאָר אברהם אָבינו מיט זיין גרויס עניוות האָט נישט געגלייבט, אַז די שכינה איז געקומען צו אים. ער האָט געמיינט, אַז... ממרא איז דער צדיק, און צו אים קומט די שכינה. „והוא״ — און אברהם אַליין, „יושב בפתח האוהל״ — ער שטייט גאָר ביי דער טיר, נאָך ווייט פון קדושה...

הירשעלע האָט געפילט, ווי די ווערטער פון צדיק טרעפן אים אין פּינטל פון האַרץ. אַוודאי דאַרף מען לערנען פון אברהם אָבינו די גוטע מידות פון הכנסת־אורחים און עניוות.

צו מאָרגנס איז שוין הירשעלע נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. ער האָט נאָכגעפאָלגט דעם אורח, וואָס ער טוט. ער האָט געזען ווי ר׳ משהלע שרייבט אין פּאָליש פון בית־המדרש פּרשיות פון תּפילין און גייט אַלע פערטל שעה זיך טובלען אין מיקווה. איז ער אויך אַוועק אין מיקווה און זיך געטובלט אין קאַלטן וואַסער. עס האָט אים מיט אַ מאָל אָנגעכאַפּט אַ בענקעניש אין האַרצן צום באַשעפער פון דער וועלט, כאָטש נעם און פלי אין הימל אַריין.

ער איז אַריין אין בית־המדרש, געכאַפּט אַ סידור און גענומען דאַווע־נען מיט אַ ברען. חברה האָט געזען ווי הירשעלע שאָקלט זיך און דאַוונט מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, האָבן זיי גענומען שפּאָטן פון אים. איינער האָט געפרעגט:

— הירשעלע! פאַרשטייסטו דען די ווערטער פון דאַווענען?

— איך פאַרשטיי טאַקע נישט די ווערטער פון דאַווענען, איך פאַרשטיי אָבער דאָס דאַווענען אַליין...

אין דעם זעלביקן אָוונט איז הירשעלע נאָכגעפאָרן דעם אורח אין דערביַיִיקן שטעטל פריסטיק, ווו עס איז געזעסן דער שפּעטערדיקער רימאַנאָווער רבי ר׳ מענדעלע. הירשעלע האָט זיך איינגעקוואַרטירט אין הויף פון רבין, געוואָרן דער אויוון־הייצער און וואַסער־טרעגער פון הויף,

און אין אַ פרייער מינוט פלעגט ער אַריינלויפן אין בית־המדרש בעטן אַ חסיד, ער זאָל מיט אים לערנען אַ פרשה חומש, אַ פרק מדרש און אַ שטיקל זוהר.

אַ מאָל איז דעם רבינס שמש קראַנק געוואָרן, האָט הירשעלע אויס־געבעטן דאָס שטריקבעטל צום שלאָפן פאַרן רבין. צו מאָרגנס האָט דער רבי געפרעגט, ווער עס האָט געבעט דאָס בעט נעכטן אָונט, ווייל עס האָט זיך געפילט דער זעלבער טעם, וואָס יעקב אָבינו האָט געפילט, ווען ער איז געשלאָפן אויף די שטיינער אין בית־אל...

פון דעם טאָג אָן איז הירשעלע געוואָרן דער לייב־שמש פון רבין ר׳ מענדעלע און גבאי פון הויף. ביסלעכווייז האָט זיך ר׳ הירשעלע איינ־געלעבט אין זיין ראָלע. דער רבי האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין תמימות, גוטסקייט, יושר־געפיל, ערלעכקייט און פרומקייט, און ר׳ הירשעלע האָט נאָר אין זינען געהאַט צו העלפן יענעם, מענטשן אָרעמע, פון גורל באַ־שטראָפטע, קראַנקע, געליטענע. האָט ער זיי אַוועקגעגעבן זיינע לעצטע פרוטות און געדונגען זיך מיטן רבין, ער זאָל זיי געבן אַ בעסערע ברכה און אַ שנעלערע ישועה. דער פשוטער עולם חסידים האָט אים זייער אָפּ־געשאַצט און ליב געהאַט, אָבער די שאַרפע חסידים האָבן אים נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַן עם־הארץ, כאָטש ער האָט שוין געקענט פיין לערנען, געפילט און פאַרשטאַנען גריינטלעך דעם רעיון פון חסידות, איינגעזאַפּט אַלע סודות פון רבין און געשטיגן אין הויכע מדרגות.

דער רבי האָט אים חתונה געמאַכט מיט אַ טאָכטער פון אַ פעלהענד־לער. אָבער ער האָט קיין נחת נישט געהאַט פון דעם זיווג. 14 קינדער האָט אים זיין ווייב געבוירן און באַגראָבן.

אַ מאָל האָט זיך דעם רבין ר׳ מענדעלע געחלומט אַ חלום, אַז אַ מלאך פון הימל איז געקומען און אָנגעטאָן אַ גאָלדענע קרוין אויפן קאָפּ פון זיין שמש. דעם זעלבן חלום האָט אויך געחלומט ר׳ הירשעלע אַליין, און ער האָט עס דערציילט דעם רבין. רבי מענדעלע האָט געפילט, אַז דער דאָזיקער חלום איז ווי אַ נבואה. בפרט, אַז די גמרא זאָגט: „אַ טאָפּלטער חלום, וואָס עס חלומט זיך אויף אַן אַנדערן — ווערט מקוים.

אין דער זעלביקער צייט האָבן באַזוכט דעם רימאַנאָווער הויף באַ־

רימטע רביים און זיי אַלע האָבן באַמערקט, אַז ר׳ הירשל משרת איז נישט קיין פּשוטער מענטש פון אַ גאַנץ יאָר. דער ייִד הקדוש פון פּשיסכע איז אַ מאָל געזעסן מיט ר׳ הירשלען און געשמועסט אַ שעה צייט. נאָך דעם האָט דער ייִד הקדוש געזאָגט, אַז אין דער דאָזיקער שעה האָט ר׳ הירשל אַרויסגעקריגן פון אים אַלץ וואָס הינטער דער לעבער, און ער פון אים — גאָרנישט... דער „חוזה״ פון לובלין האָט אַפילו געגעבן אָנצוהערן רבי מענדעלען, אַז ער טאָר זיך נישט באַניצן מיט זיין הייליקן משרת, ווייל ס׳הייסט „אַ משתּמש בקודש״. האָט רבי מענדעלע אים געענטפערט: אַזוי שטייט אין תּהילים: „הולך בדרך תּמים, הוא ישרתני״. אַז מען האָט נאָכ־דערציילט די דאָזיקע תּשובה הירשעלען, האָט ער צוגעגעבן:

— איבער דעם שטייט אין דער תּורה: „תּמים תּהיה עם ד׳ אלוקיך״, מיט אַ גרויסער „ת״ — כּדי דער גאַנצער מענטש מיט אַלע זיינע אברים זאָל קענען אַריינגיין אין „תּמים תּהיה״...

דאָס איז געווען דער ערשטער דבר תּורה, וואָס ר׳ הירשעלע האָט גע־זאָגט עפנטלעך פאַרן עולם. חסידים האָבן גענומען דערפילן, אַז דאָ וואַקסט אַ נייער שטערן אין חסידות. זיי האָבן אים גענומען דערקוטשען, ער זאָל זיי זאָגן דברי חסידות, אָבער ער האָט זיך תּמיד אַרויסגעדרייט. עס איז אים בעסער געפעלן צו זיין אין דער ראָלע פון אַן עם־הארץ, וואָס קען גאָרנישט און פאַרשטייט גאָרנישט. אַ מאָל, אין אַ שעת רצון, ביי אַ גלעזעלע משקה, זענען חסידים צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל זיי זאָגן אַ דרך אין חסידות. האָט ר׳ הירשעלע זיי געזאָגט:

— אַ ייִד אַ חסיד דאַרף וויסן דריַי זאַכן. ערשטנס, „שופטים ושוטרים תּתּן לך בכל שעריך״ — אַ מענטש פאַרמאָגט זיבן טויערן אין קאָפּ: צוויי אויגן, צוויי אויערן, צוויי נאָזלעכער און אַ מויל. ביי די דאָזיקע טויערן דאַרף מען אָוועקשטעלן „שופטים ושוטרים״, זיי זאָלן נישט לאָזן דורכגיין דורך זיי שלעכטע זאַכן... צווייטנס, דאַרף אַ חסיד וויסן, אַז ער איז ווייט פון שלימות און ער שטייט איצטער אויף אַ האַלבן וועג, אַזוי ווי די תּורה האָט געבאָטן צו געבן, נאָר אַ „מחצית השקל״, און פּונקט ווי די מיצווה פון „יחץ״ ביים פּסח־סדר... דריטנס, שטייט אין פּרשת נח: „ופתח התּיבה בצדה תּשׂים״ — דו זאָלסט זיך קיין מאָל נישט שטופּן דורך דער פראָנטטיר

מיט גאווה און שחצנות. שטענדיק זאָלסטו גיין דורך אַ זייטיק טירל מיט הכנעה און עניוות...

צו דער פלעיאַדע פון רבי מענדעלעס חברים און גוטע פריינד האָט זיך אָנגעקערט דער גרויסער חכם און צדיק רבי נפתלי ראָפּשיצער. דווקא ער האָט נישט ליב געהאַט ר׳ הירשעלען. ער האָט אים תמיד געזאָגט שטעכווערטלעך און אַפילו באַליידיקט. אַפּט מאָל האָט ער עס געטאָן אין די אויגן פון רבי מענדעלען. אַז ר׳ נפתלי איז געקומען צום רבין זיך געזעגענען, האָט ר׳ מענדעלע אַרויפגעלייגט זיין לינקע האַנט אויף ר׳ נפתליס קאָפּ און אים געבענטשט. פרעגט אים ר׳ נפתלי: „פאַר וואָס עפּעס מיט דער לינקער האַנט?״ האָט ר׳ מענדעלע געענטפערט: „ווייל מיט מיין רעכטער האַנט וויל איך בענטשן מיין הירשעלע משרת...״

נאָך דער פּטירה פון רבין איז ר׳ הירשעלע צוזאַמען מיט די צוויי זין פון ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער געפאָרן קיין ראָפּשיץ. אויפן וועג זענען געקומען חסידים און דערלאַנגט „קוויטלעך״ מיט פּדיונות צום עלטסטן זון ר׳ נתן לייב. ער האָט נישט געוואָלט נעמען. זיין יינגערער ברודער — אויך נישט. האָט איינער אַ חסיד געפּרוווט געבן דאָס קוויטל צו ר׳ הירשעלען. צום גרויסן וווּנדער האָט ער אָנגענומען דאָס קוויטל און גע־געבן אַ ברכה.

אַ פּאָר יאָר איז ר׳ הירשעלע געזעסן אין ראָפּשיץ, איינגעזאַפּט תורה און חסידות, דערנאָך איז ער צוריקגעפאָרן קיין רימאַנאָוו, און די חסידים האָבן אים געקרוינט פאַר אַ רבין.

דער נייער רבי האָט גענומען אַנטוויקלען אַ שיטה אין חסידות פון פּשטות, תמימות, טיפע פרומקייט און אהבת־הבריות. פון זיינע חסידים גבירים האָט דער רבי געריסן די הויט, פאַרלאַנגט פון זיי אוצרות געלט פאַר אַ ברכה, און דאָס געלט באַלד פאַרטיילט פאַר אָרעמע אלמנות און יתומים. ווי נאָר אַ געליטענער, אַ צעבראָכן האַרץ, אַ דערשלאָגענער, אַ געפּייניקטער, איז מען געפאָרן קיין רימאַנאָוו בעטן הילף און טרייסט. אין אַ קורצער צייט איז ר׳ הירשעלע געוואָרן דער גבאי צדקה פון גאַנץ גאַליציע, און מאַסן מענטשן האָבן געצויגן צו אים פון דער גאַנצער מדינה.

די גרויסע הצלחה פון נייעם רבין האָט אַרויסגערופן קינאה אין אַנדע־

רע רבישע הייפן. זיי, די יחסנישע קינדער און אייניקלעך האָבן נישט געקענט מסכים זיין, אַז דער אַמאָליקער משרת און עם־הארץ זאָל פירן אַזאַ גרויסן שטאַט. האָבן זיי זיך צוזאַמענגעקליבן אין לאַנצוט צו דער יאָרצייט פון ראָפּשיצער, אַנצונעמען מיטלען קעגן ר׳ הירשעלען, מכּלומרשט צו באַשיצן דעם כּבוד התורה, אַז די דאָזיקע ידיעה איז אָנגעקומען צו ר׳ הירשעלען, האָט ער גענומען ביי אַ רייכן חסיד אַ געשפּאַנטע קאַטש און איז אַוועק קיין לאַנצוט. אין קהל־שטוב זענען נאָך געזעסן אַלע פאַר־זאַמלטע. ר׳ הירשעלע איז אַריין אין זאַל, מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים איז ער צו אויבן אָן און אַזוי געזאָגט:

— עס שטייט אין דער תּורה: „לא תּונו איש את עמיתו״, טייטש איך — אמיתו. קיינער זאָל נישט אָפּנאַרן זיין אייגענעם אמת. טראַכט גוט אַריין, צי מיינט איר טאַקע לשם שמים, אָדער עס ברענט אייך דער יצר־הרע פון קינאה...

אָפּגערעדט די פּאָר ווערטער, איז ר׳ הירשעלע אַרויס פון זאַל. אַ שטילקייט איז איינגעטראָטן, מען האָט געהערט אַ פליג זשומען. ר׳ אליעזר דזשיקעווער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען רעדן פאַרן עולם:

— אַמאָליקע יאָרן איז דער שמש געשטאַנען ווייט אָפּגערוקט פון חנוכּה־לאָמפּ. אַלע מאָל האָט מען אים צוגערוקט נענטער און נענטער, ביז מען האָט אים געשטעלט אונטערן חנוכּה־לאָמפּ. פון צייט צו צייט האָט מען דעם שמש אויפגעהויבן העכער און העכער, ביז מען האָט אים גע־שטעלט אין דער גלייכער ריי פון די יחסנישע חנוכּה־ליכט. היינט מאַכט מען שוין חנוכּה־לאָמפּן, ווו דער שמש שטייט שוין העכער ווי די חנוכּה־ליכט. ווייסט איר, פאַר וואָס קומט דעם שמש אַזאַ כּבוד? ווייל מיט די חנוכּה־ליכט איז אָסור להשתּמש, אָבער דער שמש ברענגט אַ סך נוצן פאַר דער וועלט. דעריבער קומט אים טאַקע גרויס כּבוד...

רבי הירשעלע איז געפאָרן באַזוכן אַלע גרויסע רביים פון זיין צייט. ער איז געווען ביי ר׳ מענדעלע קאָסעווער, ביים „חוזה״ פון לובלין, ביים „אוהב ישׂראל״ אין אַפּט, און אַפילו ביי מתנגדישע רביים. דער תּלמיד פון „חתם סופר״, ר׳ מאיר אייזנשטאַט, האָט אים אַ מאָל געפרעגט: „זייט מוחל

אייער כּבוד, ווי קומט עס, אַז איר קענט נישט לערנען און געוואָרן אַ רבי?" האָט אים ר' הירשעלע געענטפערט:

— אין דער תּורה שטייט: „עם נבל לא חכם". זאָגט דער תּרגום: „עמא דקבילו אורייתא ולא חכימו". מען קען זיין אַ למדן און גאָרנישט פאַרשטיין. אברהם אָבינו האָט מקיים געווען אַלע מיצוות, כאָטש עס איז געווען פאַר מתּן־תּורה...

דער רבנישער מתנגד האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ און געבעטן אַ ברכה.

אַזאַ ענלעכע תּשובה האָט ר' הירשעלע אויך געגעבן דעם לעמבערגער רב ר' שאול נאַטאַנזאָן, ווען זיין בית־דין האָט אַרויסגעגעבן אַ פּסק־דין, וואָס האָט געקריוודעט אַן אלמנה. זי איז געקומען קיין רימאַנאָוו מיט אַ געוויין. דער רבי האָט אויסגעהערט אירע טענות, געלייענט דעם פּסק־דין און האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צום לעמבערגער רב, אַז זיין בית־דין האָט אַ טעות געהאַט.

דער רב האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט און געשריבן אַ בריוו, פול מיט תּרעומת, פאַר וואָס ער, וואָס איז נישט בקי אין חושן־מישפּט, מישט זיך אין אַזעלכע ענינים. האָט ר' הירשעלע צוריקגעשריבן, אַז מען זאָגט אין שבתדיקן דאַווענען, אַז די תּורה איז: „מתוק מדבש ונופת צופים", און ער האָט אין דעם פּסק־דין פון דער אָרעמער אלמנה נישט געפילט אָט דעם זיסן האָניק־טעם... דעריבער וויל ער, אַז בית־דין זאָל נאָך אַ מאָל הערן די טענות פון דער אלמנה. אַזוי איז טאַקע געווען. דער לעמבערגער רב האָט נאָך אַ מאָל אַוועקגעזעצט אַ בית־דין, און די אלמנה האָט געוווּנען.

צום גרעסטן שטאָפּל פון כּבוד האָט ר' הירשל זוכה געווען, ווען דער גרויסער צדיק ר' ישראל ריזשינער האָט זיך משדך געווען מיט זיין טאָכטער פון דעם דריטן ווייב. אַ מינהג געווען ביי חתונות אין ריזשין, אַז די מחותּנים האָבן אויסגערעכנט זייער יִחוס פאַר דער חופּה. פאַרשטייט זיך, אַז דער ריזשינער האָט געהאַט וועמען אויסצורעכענען: זיין פאָטער ר' שלום, דער פּראָבישטשער רב, דער זון פון ר' אברהם מלאך, דער זון פון מעזריטשער מגיד. אַז עס איז געקומען די ריי פון ר' הירשעלע, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— מיין פאָטער איז געווען אַ כּהן, אַן ערלעכער ייִד. איך בין געווען

אַ יתום, אַ לערן־ייִנגל ביי אַ שניידער. אַ נייעם בגד האָב איך קיין מאָל נישט קאָליע געמאַכט, און אַן אַלטן בגד האָב איך תּמיד פאַרריכט...

ר׳ ישׂראל ריזשינגער האָט זיך האַרציק צעשמייכלט, הנאה געהאַט פון מחותּנס ייִחוס...

מער פון צוואַנציק יאָר האָט ר׳ הירשל געפירט דאָס רביסטווע, באַליבט און געאַכטעט פון אַלע פּאָלקסשיכטן. ווען ער איז אַלט געוואָרן 70 יאָר איז ער קראַנק געוואָרן, געלעגן עטלעכע וואָכן צו בעט. אין איינעם אָן אָוונט האָט ער גערופן זיין משפחה, זיך געזעגנט, געלייענט קריאת־שמע און געמאַכט הויך אויפן קול די ברכה „שהכּל נהיה בדברו״. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

כּאַבאַר

רבּישע הייפן זענען זיך משדך בּדרך־כּלל צווישן זיך אַליין. אַ רבּישער זון נעמט אַ רבּישע טאָכטער און אַלץ בּלייבּט אין דער משפּחה. עס טרעפט זיך אויך אַ מאָל, אַז אַ רבּישער הויף איז זיך משדך מיט אַ פּשוטן ייִד, אָבער דעמאָלט דאַרף דער מחותן האָבן דרייַ מעלות: ער דאַרף זיין אַ יחסן, אַ גביר און אַ תּלמיד־חכם.

מיט אָט די דאָזיקע דריי מעלות האָט זיך אויסגעצייכנט דעם ריזשי־נער רבּינס מחותן ר׳ יאָשקע האַלפּערין פון בּאַרדיטשעוו. ער איז געווען אַ יחסן, אַן אייניקל פון ר׳ יואל בּעל־שם, דעם לעמבּערגער רבּי, און אַ שוועסטערקינד פון מינסקער רב, דעם „סדר הדורות״. ער איז געווען אַ גביר־אדיר. מענטשן האָבן אָפּגעשאַצט זיין פאַרמעגן אויף פופציק טויזנט קערבּעלעך בּאַרע געלט אַחוץ חובות; און ער זאָלט געווען אַ תּלמיד־חכם, ווען ער וואָלט געווען געזעסן און געלערנט. ווייל ייִנגלווייז איז ער געווען אַן עילוי, אַן אייזערנער קאָפּ. מ׳האָט געמיינט, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גאַנצער רב פּפּא. אָבער אַז ער איז עלטער געוואָרן, חתונה געהאַט, האָט עס אים געצויגן ווי מיט צוואַנגען צום מיסחר. ער האָט אַוועקגעלייגט די גמרא און זיך גענומען צום האַנדל. אַ שיינער מאַנספּאַרשוין איז ער געווען, אַן אָסאָבע, הויך ווי אַ סאָסנע, רויטבּעקלדיק, מיט אַ שוואַרץ סאַמעט בּערדל און גרויסע פּיַיכטע קאַרשן־אויגן. רוסיש האָט ער גערעדט ווי אַ געבּוירע־נער אַדעליקער, און אָנגעטאָן געווען ווי אַ חתן אונטער דער חופּה. ער האָט געמאַכט אויף פּריצים און קופּצעס אַ גרויסן רושם. דערצו האָט ער געהאַט אַ בּרייטע האַנט צו געבּן אַ מתּנה, און ער האָט אויך געוווּסט ווי

זי צו געבן. בקיצור, ער האָט דערלאַנגט צו די הויכע פּענצטער און איז געוואָרן אַ פּאַדריאַטשיק פון תּבואה פאַר דער רוסישער אַרמיי.

פאַרן אָננעמען דעם פּאַדריאַד האָט יאַשקע אונטערגעשריבן אַ קאָנ־טראַקט מיטן נאָוואָסיבירסקער גענעראַל כאַזיראָוו, אַז ער וועט תּמיד האַלטן אין זײַנע שפּײַכלערס אַ זאַפּאַס פון ווייץ, קאָרן, גערשטן, פאַסאָליעס און גריקע, פון יעדן מין צו צוויי טויזנט קערץ, און אויף יעדן פאַרלאַנג דאַרף ער צושטעלן פאַר דער אַרמיי ביז דעם גאַנצן קוואַנטום תּבואה.

קיינער האָט נישט געצווייפלט, אַז יאַשקע האַלפּערין וועט זיך דער־שלאָגן צו אַ חשובֿן מעמד. ער האָט זיך אָנגעבאָרגט געלט ביי מענטשן און צוזאַמען מיט זיין נדן צונויפגעשלאָגן אַ היפּשע סומע. ער האָט איינגע־קויפט דעם ערשטן טראַנספּאָרט סחורה און גענומען האַנדלען. צוויי מאָל אין יאָר, ערב פּסחא און פאַר דעם גרינעם דאָנערשטיק, איז ער צוגעפאָרן צום גענעראַל כאַזיראָוו קיין נאָוואָסיבירסק מיט אַ גרויסאַרטיקער מתּנה. אַז די געשעפטן האָבן זיך אַנטוויקלט, האָט זיך גענומען מישן אין עסק דער רעפערענט שוויינדאָרף פון קריגס־מיניסטעריום אין פּעטערבורג. אַוודאי האָט אים יאַשקע אויך נישט באַעוולט, און די געשעפטן זענען גוט אַוועקגעגאַנגען, נישט צו פאַרזינדיקן.

בלויז מיט די אַפּיצירן פון די נידעריקע ראַנגען האָט זיך יאַשקע נישט געקענט קיין עצה געבן. ער האָט זיי טאַקע אויך געגעבן שיינע מתּנות, אָבער זיי האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם. זיי האָבן אים צוגערעדט צו מאַכן כּל־ערליי גניבֿות אין וואָג, אין מאָס, אין פּרייז, און זיך טיילן מיט זיי חלק בחלק. צו דעם האָט יאַשקע נישט געוואָלט מסכּים זיין. מילא, געבן אַ שיינע „מתּנה", אַ ביסעלע כאַבאַר, דאָס מאַכט נישט אויס. ווי קען דאָס אַ ייִד אין רוסלאַנד אויסקומען אָן אַ ביסעלע קאָרופּציע? אַפילו אַ גוי אויך נישט... אָבער נעמען פּשוט גנבֿענען! דאָס איז שוין איבער דער מאָס.

דערוויל איז אים, יאַשקען, געשען דאָס גרויסע גליק. זיין טאָכטער איז געוואָרן אַ ריזשינער שנור, און ער איז אַ מחותּן מיטן ריזשינער הויף. ער האָט געסילוקט אַ נדן פון פינף און צוואַנציק אַלפים קאָרבן. די חתונה האָט אים אָפּגעקאָסט אוצרות. טויזנט מינינים ייִדן האָבן געגעסן צום חתן־מאָל.

היינט מתנות מיט סבלונות. ער האָט זיך אויסגעביטלט ביזן לעצטן גראָשן און נישט געהאַט מער קיין געלט צו באַנייען די תבואה־רעזערוון. עס האָט אים גענומען דראָען אַ געפאַר, טאָמער קומט אַ רעוויזאָר און זעט, אַז ער איז נישט מקיים דעם קאָנטראַקט, קען מען אים באַלד מבטל מאַכן דעם פּאָדריאַד. יאַשקען איז איינגעפאַלן אַ גוטע סמיקאַלקע: ער האָט אָנגעפולט זעק מיט קלייען און פּלעוועס און זיי אַוועקגעשטעלט אין די מאַגאַזינען. אַז עס איז געקומען אַ באַשטעלונג, האָט ער געכאַפּט עטלעכע גמילות־חסד, אָנגעקויפט כאַפּ־לאַפּ אַ ביסל תבואה און צונויפגעשטעלט דעם פּאָדריאַד.

ווי לאַנג קען מען האַלטן אַ סוד? דער גאַרניזאָן־קאַפּיטאַן שווינאַצקי איז נישט געווען קיין לעמעלע. ער האָט באַלד דערזען יאַשקעס צרה. איז ער געקומען צו אים נאָך אַ מאָל מיטן פּאָרשלאַג, און בלית־ברירה האָט שוין יאַשקע געמוזט מאַכן מיט אים חצי שלי וחצי שלך... וואָלט נאָר גע־ווען בלויז איין קאַפּיטאַן, וואָלט עס געווען נאָר אַ האַלבע צרה. אָבער אין דער רוסישער אַרמיי זענען דאָ אַ סך קאַפּיטאַנען מיט מאַיאָרן און פּאָלקאָווניקעס, גענעראַלן און מיניסטאָרן. אַזוי אַרום איז יאַשקע, נישט ווילנדיק, וואָס מער טיפער און טיפער געזונקען אין דער בלאָטע.

איין מאָל, אין אַ זומערטאָג, ווען יאַשקע איז געווען אין שול ביים דאַ־ווענען, איז געקומען צו אים אַ שליח פון שטוב און אָנגעזאָגט, אַז עס איז געקומען אַ קאָמיסיע פון פּעטערבורג צו קאָנטראָלירן די שפּייכלערס מיט די חשבונות, און זיי קערן די וועלט, מאַכן אויף אַלע שופלאָדן, עפענען די זעקלעך און נישטערן, ווו נאָר אַ לאָך. יאַשקע האָט שוין געזען זיין בראָך. ער איז גאָרנישט אַהיימגעגאַנגען, נאָר גלייך אַריבערגעפאָרן צום רבין אין ריזשין.

דער רבי האָט זיך געבייזערט, ממש געשריגן אויף אים: ווי וואַגסטו! ווי פאַלסטו אויס! אַ חילול שם שמים! אָבער יאַשקע האָט געוויינט ווי אַ קינד. פאָרט אַ מחותן. האָט אים דער רבי געגעבן אַ גוטע עצה. ער איז אַוועקגעפאָרן אַהיים אַ צופרידענער.

וואָס איז געווען דעם רבינס עצה? דאָס וועלן מיר זען ווייטער.

אַז עס איז געקומען צום משפּט, האָט יאַשקע געטענהט, אַז ער האָט וויכטיקע רעוועלאַציעס צו זאָגן, און דאָס נאָר פאַר אַ קעניגלעכער קאָמי־

סיע, און לויטן זאַקאָן האָט ער דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען אַזאַ זאַך. דער ריכטער האָט געהייסן ברענגען די זאַקאָנסקע ביכער, נאָכגעקוקט און געזען אַז ער איז גערעכט, האָט מען יאַשקען אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ קיין פעטערבורג. געקומען פאַר דער קעניגלעכער קאָמיסיע, האָט ער ווייטער געטענהט, היות ווי אין דער אַפּערע זענען פאַרמישט אַ סך הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן, דעריבער בעט ער, לויטן זאַקאָן, מען זאָל אים דערלויבן אָפּצוגעבן אַ וויכטיקע דערקלערונג דעם צאַר אַליין...

טאַקע אַ זשיד, אָבער געזעץ איז געזעץ. מען האָט פאַר אים באַשטעלט אַן אוידיענץ ביים צאַר.

יאַשקע האָט זיך אויסגעפּוצט אין שיינע קליידער, פאַרקעמט די באָרד און פּאות, און אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג האָט אים אויפגענומען דער צאַר אַליין. ווייזט אויס, אַז דער צאַר איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. אָקערשט אָפּגעגעסן מיטאָג, מסתמא געמאַכט אַ גוטע כוסע, און דאָס יידל מיט זיין שיינעם אויסזען איז אים גוט געפעלן געוואָרן, ווייל ער האָט רק געשמייכלט, געקלאַפּט אין שטיוול מיט אַ שפּיצרוט און אויסגערופן:

— נו, וואָס זאָגסטו, יידל! מען באַשולדיקט דיך אין אַ שווערער אַפּערע.

יאַשקע האָט זיך טיף געבוקט, אָפּגעגעבן דעם צאַר אַלע זיינע טיטלען און אַזוי אָנגעהויבן:

— איך בין, גנעדיקער צאַר, געווען תמיד אַ גוטער סוחר און אַן ערלעכער מאַן און געדינט זיין מאַיעסטעט מיט אַלע כוחות. רוסישע מענטשן האָבן מיר תמיד צוגערעדט צו אַל דאָס בייז. איך האָב זיי נישט געהאָרכט. אַ מאָל, אין אַ שלעכטער מינוט, האָב איך זיך איינגעבראָכן. איז געקומען צו גיין דער גאַרניזאָן־קאַפּיטאַן, אַז אַנשטאָט טויזנט קאָרץ תבואה זאָל איך שרייבן אַ ריכענונג אויף 1500 און זיך טיילן מיטן ריווח. שפּעטער איז געקומען דער מאַיאָר און פאַרלאַנגט, אַז אַנשטאָט 2 רובל אַ קאָרץ זאָל איך שרייבן 4 רובל, אַ העלפט מיר, אַ העלפט אים. איז שוין געקומען דער פּאָלקאָווניק מיט אַ נייע פאָדערונג, אַז אַנשטאָט פולע זעק, זאָל איך געבן האַלבע זעק, חצי שלי וחצי שלו. אַז דער גענעראַל האָט זיך דערוווּסט פון מיסחר, האָט ער פאָרגעשלאָגן, אַז ער וועט צוויי מאָל אונטערשרייבן דעם

חשבון, נעמען צוויי מאָל געלט, און געבן אים זיין חלק. דאָ האָט שוין דער דירעקטאָר פון באַנק דערפילט, אַז עס גייט אַן עסק, האָט ער באַפוילן זיין קאַסירער אויסצאָלן אַ טאָפּלטן חשבון, וועט ער אויך לעקן אַ ביינדל. נו, אַז עס גייט אין גרויסע זאַכן, דאַרף מען דאָך דעם פינאַנס־מיניסטער און דעם קריגס־מיניסטער אויך עפּעס געבן... אם כּן, אדוני הקיסר! אויב דו ווילסט מאַכן אַ ביסל אָרדענונג ביי דיר אין מלוכה — דאַרפסטו אַוועקזעצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק אַלע דיינע אָפיצירן, באַנקירן, רעפּערענטן, מיניסטאָרן ביז צום יורש העצר...

דער צאַר האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ הילכיקן געלעכטער. ער האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן אַזוי ווי אין ספּאַזמעס: כאַ, כאַ, כאַ און כי, כי, כי. צום סוף האָט ער אים געזאָגט:

— נו, גיי אַהיים, גאַלפּערין! — אויב שוין מאַכן אָרדענונג אין דער רוסישער מדינה, דאַרף מען עס אָנהייבן נישט ביי דיר... און דו, געדענק! מער זאָלסטו אַזעלכעס נישט מאַכן...

מען האָט יאַשקען אויסגעשריבן אַ קעניגלעכן דעקרעט, אַז ער איז פריי און בלייבט ביים פּאַדריאַד. אַזוי אַרום איז יאַשקע ניצול געוואָרן אין זכות פון רבינס גוטער עצה...

דריי מתנות

דרייַצן יאָר האָט ר׳ משה לייב סאָסעווער געלערנט אין דער ישיבה פון רבי ר׳ שמעלקע אין ניקלשבורג. אין די דאָזיקע יאָרן האָט ר׳ משה לייב אָנגעפילט זיין בויך מיט תורה און חסידות, ש״ס און פוסקים און זיך אָפּגעלערנט די שיינע דרכים פון זיין הייליקן רבין. דער רבי ר׳ שמעלקע האָט ליב געהאַט זיין תלמיד אהבת־נפש, און די ניקלשבורגער שטאָטלייט האָבן אים אויך ליב געהאַט, ווייל אויסער זיין לומדות און צדקות איז ער אויך געווען אַ האַרציקער גוטער מענטש, אַ בעל־חן און אַ גרויסער יפה־תואר: הויך און שלאַנק ווי אַ צעדערבוים, אַן אַלבאַסטער־פּנים, ווי ווייסער מירמלשטיין, גרויסע קאַרשן־אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט תמימות און גוטסקייט, און פעך־שוואַרצע געקרייזלטע האָר. דערצו האָט ער גערעדט פּערפעקט דייטש, אונגאַריש און פויליש לשון. אַז מען האָט באַדאַרפט אַ טובה ביים מלכות, האָט מען אים געשיקט און ער האָט תמיד מצליח געווען.

אין איסרו־חג פון סוכות, נאָך די דרייצן יאָר לערנען אין דער ישיבה, האָט דער רבי ר׳ שמעלקע גערופן זיין תלמיד און אים געהייסן באַלד, אָן שהיות, צוריקפאָרן אין זיין היימאַטלאַנד. ער האָט אים מיטגעגעבן אויפן וועג דריי מתנות: אַ קאָרן־ברויט פון זעקס פונט די וואָג, אַ גאָלדן רענדל און אַ ווייסן זיידענעם שלאַפראָק.

עס איז נישט געווען דער מינהג פון רבין צו געבן מתנות פאַר תל־מידים. ר׳ משה לייבן האָבן געבויערט אין מוח עטלעכע פראַגעס: פאַר וואָס האָט אים דער רבי מיטגעגעבן אַזאַ גרויס ברויט? ער וועט דאָך

קענען קויפן ברויט אין יעדן שטעטל; פאַר וואָס האָט אים דער רבי אָפּ־געגעבן זיין אייגענעם שבתדיקן שלאַפּראָק? און פאַר וואָס האָט אים דער רבי אָזוי פּלוצלונג און אייַליק געהייסן אַרויספאָרן? ער וואָלט נאָך גערן געבליבן אַ חודש צוויי אין דער ישיבה.

עס איז געווען די וואָך פון שבת בראשית. דער ווינטער האָט זיך נאָר וואָס געשטעלט. עס איז שוין קאַלט געווען אין דרויסן. אויף די בעסקידישע בערגשפּיצן האָבן זיך שוין געווייסלט שניי־יאַרמלקעס. ר׳ משה לייב האָט זיך האַרציק געזעגנט מיטן רבין און בעלי־בתים. ער האָט איינגעפּאַקט די דריי מתּנות אין אַ רייזע־רענצל און זיך אויפגעזעצט אין אַ פּאָסטוואָגן אויפן וועג אהיים קיין בראָד. אָפּגעפאָרן עטלעכע טעג, איז ער אָנגעקומען ערב שבת צום ברעג פון טייך מאַראַוויע. ער האָט זיך דורכגעשיפט מיטן פּאַראָם און איז אַוועק אין אַ נאָענטן דאָרף האַלטן שבת, ווייל מען האָט אים גע־זאָגט, אַז דאָרט זיצט אַ ייִדישע משפּחה. ר׳ משה לייב האָט זיך נאָכגע־פרעגט, ווו די משפּחה וווינט, האָט אים אַ דורכגייענדיקער פּויער געלאַכט אין פּנים. „אַהאַ! דו זוכסט הערשקע דעם מילכיקן? ער זיצט שוין דריי טעג אין גרוב מיט זיין משפּחה, ווייל ער איז שולדיק דעם פּריץ אַ סך געלט. נעכטן האָט ער נאָך געשריגן, געליאַרעמט פון גרוב אַרויס. היינט הערט מען אים שוין נישט מער. ער וועט שוין לאַנג נישט אָנטרייבן דאָרט...״ דער פּויער האָט אַ שפּיי געגעבן אין דער זייט און איז ווייטער געגאַנגען. ר׳ משה לייב איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. וואָס טוט מען? אָט איז שוין באַלד שבת! מען דאַרף גיין זיך פאַרזאָרגן מיט אַן אָרט צום שלאָפן, אַ ריין צימער צום דאַווענען. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס די גמרא זאָגט, אַז עס איז כּדאַי מחלל צו זיין איין שבת, אַבי צו ראַטעווען אַ ייִד, וואָס וועט שפּעטער אָפּהיטן אַ סך שבתים... ער האָט זיך גענומען נאָכפרעגן, ווו עס געפינט זיך די תּפיסה. אַ יונגער שגץ האָט אים אָנגעוויזן אַ גרוב צופוסנס פון בערגל, אויף וועלכן עס דערהויבן זיך דער ווייסער פּאַלאַץ פון גראַף פּאָלקאָשעק מיט אַלע פּאָלוואַרק־בנינים אַרום. ר׳ משה לייב האָט זיך צוגעבויגן צו דער עפענונג פון גרוב און אַריינגעשריגן: הערצקע, הערצקע! דאָ רעדט אַ ייִד וואָס וויל דיר העלפן! אַ שוואַך קול האָט אַרויסגעקרעכצט פון דער טיפעניש: „שוין דריי טעג

נישט געגעסן". ר' משה לייב האָט זיך דערמאָנט, אַז צווישן די דריי מתּנות פון רבין איז דאָ אַ גרויס ברויט. ער האָט עס אַרויסגענומען פון רענצל און אַראָפּגעוואָרפן אין גרוב. עס איז מיט אַ מאָל לעבעדיק געוואָרן אונטן. עס האָבן זיך דערהערט קולות פון קינדער, די שׂימחה איז געווען אומ־באַשרייבלעך.

דאָס איז געווען די ערשטע מתּנה פון רבין.

ר' משה לייב האָט באַשלאָסן נישט לענגער צו וואַרטן. דאָס רחמנות־געפיל אויף דער אומגליקלעכער משפּחה האָט אים צוגעדריקט ביים האַרצן. ער האָט אַרויפגעקלעטערט צום פּאַלאַץ אויפן באַרג און זיך אָנגעמאָלדן צום פּריץ. דער לאַקיי האָט געזען פאַר זיך אַזאַ שיינעם פאָרנעמען ייִד, וואָס רעדט פּערפעקט דייטש לשון, האָט ער געמיינט, אַז ער איז מסתּמא אַ גרויסער סוחר. ער האָט אים גלייך אַריינגעפירט צום פּריץ אין סאַלאָן. דער פּריץ, הויך און גראָב, מיט אַ שפּיץ בויך, אַ רויט פּנים ווי אַ צוויקל, מיט צוויי האַלב־רונדיקע וואָנצעס ווי פלאַקסשטריק, האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיינע שפּיציקע מויז־אויגן, און זיינע דיקע ליפּן האָבן זיך צע־שפּרייט אין אַ שמייכל. ער האָט אים געפרעגט, וואָס ער דענקט צו קויפן ביי אים. אַז ר' משה לייב האָט אים דערקלערט, אַז ער איז נישט קיין סוחר, נאָר אַ רב, האָבן זיך דעם פּריצס שמייכלענדיקע ליפּן אויסגעקרימט אין אַ גרימאַסע. ר' משה לייב האָט אים געבעטן צו באַפרייען די ייִדישע משפּחה פון אַרעסט. עס איז אַ רחמנות אויף מענטשן, וואָס גאָט האָט באַ־שאַפן מיט זיין „צלם אלוקים". זיי וועלן אים מיט דער צייט אָפּצאָלן דעם חוב. דער פּריץ האָט אים איבערגעהאַקט די רייד:

הערצקע איז מיר שולדיק דריי הונדערט גולדן. אויב דו, רב, ווילסט באַצאָלן זיין חוב, וועל איך אים גלייך באַפרייען.

ר' משה לייב האָט זיך דערמאָנט אין גאָלדענעם רענדל פון רבינס מתּנה. ער האָט אַרויסגענומען דאָס רענדל און דערלאַנגט דעם פּריץ. דאָס צוויקל־רויטע פּנים פון פּריץ האָט איצט געקראָגן אַ קאָליר פון ווילד פלייש. ער האָט זיך אַזש פאַרהוסט און אויסגערעוועט:

— וואָס, רבי! ווילסט חוזק מאַכן פון מיר? אַנשטאָט דריי הונדערט גולדן גיסט דו מיר איין רענדל?

ר׳ משה לייב האָט זיך נישט דערשראָקן. ער האָט דעם פּריץ גלייך געקוקט אין די אויגן מיט אַ שטילן געבעט, און ביי זיך האָט ער געטראַכט, אַז דער תּנא רבי עקיבא האָט אַלע זיינע יאָרן געבעטן, ווען וועט ער קענען מקיים זיין צו דינען גאָט „בכל נפשך", ממילא דאַרף איך אויך אַ ביסל מסירת־נפש, כדי צו ראַטעווען אַ ייִד...

דער פּריץ האָט אַ קלונג געגעבן מיט אַ גלעקל און באַפוילן זיין דינער אַרויסוואַרפן דעם חוצפּהדיקן ייִד פון פּאַלאַץ. ר׳ משה לייב האָט זיך אַוועק־געשטעלט אין דרויסן, אַנטקעגן פענצטער פון פּריץ, דאַוונען מינחה. דאָס האָט שוין דער פּריץ נישט געקענט איבערטראָגן. ער האָט באַפוילן זיין לאַקיי צו באַפרייען די צוויי בלוטהינט און זיי אָנרייצן אויפן חסיד. ר׳ משה לייב איז נאָר וואָס אויסגעגאַנגען שמונה־עשׂרה, ווען צוויי ווילדע דאָבערמאַן־הינט האָבן זיך אַ לאָז געגעבן מיט צעשטשירעטע ציין, גרייט אים צו צערייסן אויף שטיקער. ר׳ משה לייב האָט זיי געלאָסן און רויִק אָנגעקוקט מיט אַ שאַרפן בליק. די הינט האָבן זיך האַסטיק אָפּגע־שטעלט, אַרויסגעשטעקט די צינגער און געדרייט מיט די קורצע וויידלעך. זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אים צופוסנס.

דער פּריץ איז געוואָרן אויסער זיך פון כּעס און באַוווּנדערונג. ער איז אַרויס אין דרויסן און אויסגעלאָזט זיין גאַנצע רוגזה צו די הינט. ער האָט זיי געשמיסן מיטן באַטעק און אַוועקגעיאָגט. ער האָט געוואָרנט ר׳ משה לייבן, אַז אויב ער גייט נישט גלייך אַוועק, וועט ער אים אַרעסטירן און וואַרפן פאַר די חיות אין זיין ביבער, וואָס ער האָט אין וואַלד. ר׳ משה לייב האָט אים נישט געפאָלגט: ער וועט נישט אַוועקגיין פון פּאַלאַץ, ביז הערצקע וועט נישט באַפרייט ווערן! דער לאַקיי האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ קליין צימערל, אַריינגעבראַכט אַ ברויט מיט אַ קרוג וואַסער און פאַרשלאָסן די טיר פון דרויסן.

ר׳ משה לייב האָט געהאַלטן שבת אין אַרעסט־צימער, האָט קידוש געמאַכט, געדאַוונט מיט שׂימחה און געלערנט פון אויסנווייניק. ער האָט גאָרנישט געפילט, אַז ער איז אין אַן אַרעסט. מוצאי־שבת האָט ער לאַנג פאַרבראַכט ביי דער מלווה־מלכּה־סעודה, געזונגען „איש חסיד היה", „אליהו

הנביא״, און זיך געלייגט שלאָפן מיט אַ רויִק האַרץ. די חכמים פאַרזיכערן דאָך, אַז „שליחי מיצווה״ זענען געזיכערט פון יעדער געפאַר...

זונטיק אין דער פרי זענען זיך אָנגעפאָרן אַ סך פריצישע קאַטשן, חברים פון גראַף פּאַלקאַשעק. ער האָט זיי דערציילט וועגן חוצפּהדיקן זשיד און פון זיין געפּלאַנטער נקמה. ער האָט זיי איינגעלאַדן מיטצופאָרן און זען, ווי זיינע חיות וועלן זיך דערקוויקן מיט יידיש פלייש. מיטאָגצייט האָט דער לאָקיי געמאָלדן ר׳ משה לייבן, אַז ער זאָל זיך נעמען גרייטן צום פּסק־דין. ר׳ משה לייב האָט זיך דערמאָנט אין דער דריטער מתנה פון רבין. ער האָט אַרויסגענומען פון רענצל דעם ווייסן שלאַפראָק און אַרויפגעצויגן אויף זיינע מלבושים.

די געשפּאַנטע קאַרעטעס זענען שוין געשטאַנען ביים טויער. ר׳ משה לייב איז אַראָפּגעגאַנגען פון די פּאַלאַצשטיגן, אַ הויכער, אַ שטאָלצער, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. די פּריצישע טעכטער און ווייבער האָבן אַריינגעצויגן דעם אָטעם מיט אַ פייף און געשלונגען די סלינע פון גאַרגל: אַזאַ געשטאַלטנער שיינער מאַן! אַ שאָד אים צו וואַרפן פאַר ווילדע חיות...

דער קאַראַוואַן האָט זיך געלאָזט אין אַ גאַלאָפּ, דורכגעפאָרן אַ געדיכטן וואַלד און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ וואַלדפּליך, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן. אַ שומר האָט אויפגעשלאָסן דעם טויער. די פּריצישע געסט האָבן זיך געשטעלט הינטער אַ שוץ פון אייזערנע שטאַכעטן, און ר׳ משה לייבן האָט מען אַ שטופּ געגעבן צו דער אָפענער שטייג פון אַ לייב.

די פּריצים האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. די פּריצישע ווייבער האָבן שטיל געזיפצט און געווישט זיך די אויגן־ווינקלעך מיט די באַטיסטענע טאַשן־טיכלעך. עס איז זיי אַ שאָד געווען דער שיינער ייִד. אָבער ר׳ משה לייב האָט זיך גאָרנישט געשראָקן. ער האָט שאַרף אָנגעקוקט די ווילדע חיה, זיך דערנענטערט מיט לאַנגזאַמע טריט ביז צום קניִענדיקן לייב און געגלעט אים מיט דער האַנט די האָר־גריווע.

די פּריצים האָבן אַנידערגעקניט ווי, להבדיל, פאַרן גלח. גראַף פּאַלקאַשעק האָט אויסגעשריגן אַ באַנומענער:

— קום שוין אַהער דאָ, הייליקער מענטש! איך וועל באַלד באַפרייען הערצקען און אים געבן די מילך־אַרענדע דריי יאָר אָן באַצאָלונג. איך

בעט דיר נאָר איין זאַך: דו זאָלסט מיך נישט באַשטראָפן פאַר מיין גרויסער זינד...

ר׳ משה לייב האָט באַשלאָסן, בלי נדר, עוסק צו זיין, פון היינט אָן, אין דער מיצווה פון פדיון שבויים, ווייל דאָס איז געווען די באַשטימונג פון רבין, און דאָס איז געווען די באַדייטונג פון די דריי מתנות...

אַ וואָלף

דער מדרש זאָגט, אַז די וועלט איז נישט ראוי און כּדאי געווען זיך צו באַניצן מיט גאָלד און זילבער. טאָ צו וואָס האָט גאָט באַשאַפן די דאָזיקע איידעלע מעטאַלן? כּדי צו באַניצן זיי ביים בויען דעם משכּן אין מידבר און אין בית־המיקדש.

דער אַמשינאָווער רבי ר׳ מנחמל האָט געטייטשט דעם פּסוק: „ועשׂו לי מקדש״, מאַכט רש״י: „ועשׂו לשמי בית קדושה״, אַז אַ הייליקע ייִדישע שטוב איז געגליכן אין חשיבות צום בית־המיקדש...

דעריבער טאַקע איז דער פּאַלאַץ פון ריזשינער רבין אין סאַדיגורע פול געווען מיט גאָלד און זילבער, ווי האָלץ און שטיינער. פון אַלע ווינ־קעלעך האָט עס שימערירט און געפינקלט מיט ברילּיאַנטן און סאַפּירן, אַזוי ווי די שטערן אין הימל. אַ גאָלדענער אָרון־קודש מיט פיליגרין־פוצעכץ, באַגילדעטע מעבלשטיקער, טישגעשיר, באַשטעק און כּלים פון זילבער און פּלאַטין. געווען אין סאַדיגורע אַ גרויסער גאַסטצימער, ווו דער גאַנצער פּאָל איז אויסגעפּלאַסטערט געווען מיט זילבעררובל, און אַ קליין צימער מיט אַ דיל פון גאָלדרענדלעך. אַלע ווענט זענען באַהאָנגען געווען מיט טייערע פראַנצייזישע גאָבעלינען, פּייזאַזשן, בילדער און קאָסטבאַרע חפצים באַזעצט מיט שמאַראַגדן, טאָפּאַזעס, רובינען און יאַשפּיזעס, קונסט־ווערק פון איטאַליענישע וועלטבאַרימטע מייסטערס.

חסידים האָבן פאַרשטאַנען אַז זייער הייליקער רבי האָט נישט קיין הנאה פון אָט די אַלע קינסטלעכע ווערטזאַכן, וויפל אַ נאָגל איז ווערט. נאָר דער רבי טוט עס כּדי אַראָפּצוברענגען אַ שפע פון פּרנסה און רייכ־

קייט פאַרן יידישן פאָלק און כּדי מכפּר צו זיין אויף יידן וואָס זינדיקן מיט געלטזאַכן, אַזוי ווי דאָס גאָלד פון משכּן האָט מכפּר געווען אויפן חטא פון עגל הזהב...

כאָטש די חסידים האָבן נישט צוגעשריבן קיין שום חשיבות די אַלע שיינע קונסטזאַכן, זיי זענען דאָך געקומען צום רבין שעפּן יראת־שמים, און נישט אָנקוקן די קונסטווערק ווי, להבדיל, אין אַ מוזעום. דאָך האָבן די מערקווערדיקע שיינע קונסטשטיק געווירקט און אָנטוויקלט ביי די ריזשינער חסידים אַן עסטעטישן פיינעם געשמאַק, וואָס האָט זיך געלאָזט מערקן ביי יעדער געלעגנהייט און האָט זיי אַרויסגעהויבן פון אַלע אַנדערע חסידישע דינאַסטיעס. אַ ריזשינער חסיד איז תּמיד געגאַנגען ריין און זויבער אָנגעטאָן; דער איבערציִער, אָן אַ פלעק, געפּרעסטע הויזן און געפּוצטע שטיוול, אַ געקעמטע באָרד און פיין געפּאָרעמטע פלעשל־פּאות, טאַקע ווי אַ ייִד אַ תּלמיד־חכם דאַרף אויסזען.

צווישן די אַלע קונסטווערק, וואָס זענען צעהאָנגען געווען אויף די ווענט פון ריזשינער פּאַלאַץ, איז געהאָנגען אויך אַ פּעל פון אַ וואָלף, וואָס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם. עס איז געווען אַ פּשוטע, אַ כּמעט רויע פעל און אַ דיקהאָריקער ווידל. די פעל איז אויס־געשפּרייט געווען אין דער גאַנצער גרויס אויף דער מיזרח־וואַנט פון גאַסטסאַלאָן, אַנטקעגן דעם רבינס פּאָטערשטול.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן? — פלעגן די חסידים צווישן זיך שמועסן. ווען דער רבי וואָלט געווען געשטאַמט פון שבט בנימין, וואָלט אַלץ ריכ־טיק געווען ווי אין פּסוק שטייט: „בנימין זאב יטרוף”, אָבער דער רבי שטאַמט דאָך אַרויס פון מלכות בית־דוד, פון שבט יהודה, טאָ ווי קומט דאָ עפּעס אַ וואָלף אין מיטן? אַ יונגער חסיד האָט געפּרוּווט פאַנטאַזירן: אפשר איז אַ מאָל דעם רבין באַפאַלן אַ וואָלף אין וואַלד, און ער האָט אים צעריסן מיט די גאָלע הענט, אַזוי ווי שמשון הגיבור האָט צעריסן דעם לייב... אָן אַנדער חסיד האָט געוואָלט איינטייטשן, אַז דער רבי מיינט דאָ דעם סימבאָל פון „אחרית הימים”, ווי דער נביא ישעיהו זאָגט: „וגר זאב עם כּבש”... אָבער דאָס אַלץ איז נאָר געווען אַ היפּאָטעזע. דעם ריכטיקן אמת האָט קיינער נישט געוווּסט.

איין מאָל, שבועות ביי נאַכט, ווען עס פאַלט אויס די יאָרצייט פון בעל־שם־טוב, האָט ר׳ ישׂראלטשע ריזשינער דערציילט פאַר חסידים אַ בעל־שם־טוב־מעשׂה און דערביי אַריינגעפלאָכטן די געשיכטע פון דער וואָלפישער פּעל. אַזוי אַרום איז נתגלה געוואָרן דער סוד פון דאָזיקן אינ־טערעסאַנטן „עקספּאָנאַט״.

— איך בין נאָך דעמאָלט אַ יונגער־מאַן געווען — האָט ר׳ ישׂראלטשע אָנגעהויבן די מעשׂה — האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ גרויסע גלוסטונג צו פאָרן קיין פּאָדאָליע אַרום די שטעטלעך אָקאָפּע און טלוסט, וווּ דער בעל־שם־טוב האָט פאַרבראַכט זיינע יוגנט־יאָרן, כּדי צו דערפילן די קדושה־שפּורן פון הייליקן צדיק און שמועסן מיט די דאָרטיקע איינוווינערס, אפשר גע־דענקט עמעצער אַן עפּיזאָד, אַ סיפּור־המעשׂה, וואָס ער האָט געהערט נאָכ־דערציילן פון טאַטן אָדער פון זיידן וועגן בעל־שם־טוב.

עס איז שוין געווען עטלעכע און פופציק יאָר נאָך דער פּטירה פון בעל־שם־טוב און קרוב אַכציק יאָר זייט ער האָט געפּראַוועט התבודדות אין דער דאָזיקער געגנט.

דורכפאָרנדיק אַ דאָרף נעבן טלוסט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין דאָזיקן דאָרף געפינט זיך אַ פּויער וואָס איז אַלט 102 יאָר און ער האָט נאָך געקענט פערזענלעך דעם בעל־שם־טוב. דער דאָזיקער פּויער ליגט שוין אין בעט אַ פּאָר צענדליק יאָר. ער האָט שוין נישט קיין פונט פלייש אויף זיך, נאָר הויט און ביין. ער בעט שוין אויף זיך דעם טויט, ווייל עס איז אים שוין נימאס געוואָרן דאָס לעבן. אָבער דער טויט קומט נישט, ווי דער מלאך־המוות וואָלט אויף אים קיין שליטה נישט געהאַט.

געהערט פון דער מעשׂה, האָב איך צוגעשיקט צום פּויער מיין שמש, ער זאָל אים פרעגן צי איך קאָן קומען אים באַזוכן. ווי נאָר דער פּויער האָט געהערט, אַז מען רופט מיך ישׂראליק, האָט ער מיט אַ מאָל געקריגן קאָלירן אין פּנים, ווי נאָך אַ בלוט־טראַנספוזיע. ער האָט זיך אַ הייב גע־געבן פון בעט, אַריינגעשטעקט די פיס־ביינער אין די שטרוי־לאַפּטשעס, אַראָפּגענומען אַ פעלעכל פון פּיעקעליק און איז געקומען צו קריכן צו מיר אין אכסניה.

דער גרייז־אַלטער פּויער האָט זיך געבוקט פאַר מיר, ווי להבדיל —

פאַר זיין גייסטלעכן. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין איין צאָן אין מויל, דאָך האָט ער גערעדט אַ קלאָרן לשון און מיר דערציילט די פאָלגנדיקע מעשׂה:

אין יענע יאָרן איז ער געווען אַ פּאַסטעך, געפּיטערט שאָף אויף די אַראָפּגעהאַנגען פון די בעסקידן־בערג. איין מאָל, נאָך אַ שווערן ווינטער, האָט זיך געיאַווועט אַ וואָלף אין די בערג, און יעדן טאָג אין אַ געוויסער שעה פלעגט ער קומען צו דער סטאַדע און פאַרצוקן אַ שעפּסל. עס האָט נישט געהאָלפן קיין שום מיטל. מענטשן האָבן געגעבן עצות צו פאַרלייגן אַ פייער, טרייבן מיט שטעקנס, אָפּשרעכןביים טאָטער, ביים גלח — דעם וואָלף האָט עס געאַרט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. אַ מאָל איז אַראָפּגעריטן פון די בערג אַ רוּיבער פון דאַבושעס באַנדע. ער, דער פויער, האָט אים געגעבן עסן און טרינקען און אים דערציילט פון זיין צרה. האָט דער רויבער אים געגעבן אַן עצה, ער זאָל אָפּזוכן דעם הייליקן ישׂראליק, וואָס דרייט זיך אין די בערג און טובלט זיך אין פּרוטעטש־טייך. „ביי אים איז כּדאַי צו נעמען אַ ברכה, וועט עס אַוודאַי העלפן". ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן. ישׂראליק האָט אים געהייסן צוגרייטן אַ גרויסן מעסער, און מאָרגן וואַרטן אויף אים ביי דער סטאַדע שאָף.

מאָרגן פאַר נאַכט, ווען מען דערקענט נאָך דעם אונטערשייד צווישן אַ הונט מיט אַ וואָלף, איז ישׂראליק אַראָפּ פון באַרג, און פון דער אַנ־דערער זייט האָט זיך דערנעענטערט דער וואָלף מיט צעשטשירעטע ציין, גרייט צו פאַרצוקן זיין קרבן. ישׂראליק האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין גאַרטל, זיך דערנעענטערט צום וואָלף און אַנגעשטעלט אויף דער ווילדער חיה זיינע הייליקע ליכטיקע אויגן. דער וואָלף האָט אַ ברום געטאָן, גע־נומען דרייען מיטן לאַנגן ווידל און גראָבן אַ גרוב מיטן פאָדערשטן פוס. מען האָט באַשיימפּערלעך געזען ווי דער וואָלף איז אין גאַנצן פאַרווירט, ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס, ווי אַ דרעסירטער הונט פאַר זיין בעל־הבית.

— איך — האָט פאַרגעזעצט דער פויער — האָב שוין נישט מער גע־וואַרט, גענומען דאָס מעסער און אַריינגעשטעקט דעם וואָלף אין האַרצן אַריין. פאַר גרויס דאַנקבאַרקייט האָב איך געבעטן דעם הייליקן ישׂראליק,

ער זאָל נעמען פון מיר די מתּנה, די פעל פון וואָלף, וואָס איך וועל באַלד אָפּשינדן.

האָט דער הייליקער ישׂראליק געענטפערט:

— די פעל פון דעם וואָלף זאָלסטו געבן אַן אַנדער ישׂראליק, איינעם פון מיינע נאָכפאָלגערס, וואָס וועט קומען צו דיר אין יאָרן אַרום...

— אַזוי ווי דער פויער האָט מיר דערלאַנגט די וואָלפישע פעל — האָט ר׳ ישׂראלטשע ריזשינער פאַרענדיקט די מעשׂה — איז ער גלייך געפאַלן און געשטאָרבן. און דאָס איז טאַקע די וואָלפנפעל וואָס הענגט אויף דער וואַנט, אַ ירושה פון הייליקן צדיק ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב...

אַ גביר

דעמאָלט איז נאָך ר׳ לוי יצחק געווען אַ יונגער־מאַן אויף קעסט ביי זיין שווער פּרץ אין לעווערטאָוו. די וועלט האָט אים נאָך נישט געקענט. ער איז געזעסן יומם־ולילה אין זיין בוידעמשטיבל, עוסק געווען אין לערנען און דאַווענען. ער האָט אויסגעמיטן מענטשן און ווינציק גערעדט. נישט דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ שתקן אָדער געהאַלטן תענית־דיבור, נאָר ווייל ער האָט נישט קיין צייט געהאַט צו רעדן מיט יענעם. ער איז געווען פאַרנומען מיט זיך. פּונקט ווי אַן עמער פון וואַסער גיסט זיך נישט איבער כּל־זמן ער איז נישט פול, אַזוי האָט ר׳ לוי יצחק אָנגעפילט קודם זיין בויך מיט תורה און פּוסקים, ניגלה און ניסתר, מוסר און קבלה. כּל־עוד ער איז נאָך מיט זיך נישט געווען פאַרטיק, האָט ער נישט געטראַכט פון דעם צו וועלן משפּיע זיין אויף אַנדערע. ער האָט געטייטשט דעם פּסוק „קנה חכמה ואַל תמכור", קודם־כּל „קנה חכמה" וויפל דו קענסט. „ואַל", אויב דו קענסט שוין מער נישט קויפן, דו ביסט שוין פול, דעמאָלט — „תמכור", קענסטו שוין פאַרקויפן פאַר אַנדערע...

פון דעסטוועגן זענען געווען אין לעווערטאָוו עטלעכע געהויבענע יונגע־לייט מיט אַ גוטן חוש־הריח, וועלכע האָבן דערפילט, אַז דער דאָזיקער קעסטאיידעם ר׳ לוי יצחק איז אַ גרויסער בעל־מדרגה, און זיין שטערן וועט בקרוב אויפגיין און באַשיינען די יידישע הימלען פון פינצטערן גלות. אָט־די יונגע־לייט האָבן זיך געדרייט אַרום אים, געקוקט אים אין מויל אַריין און אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט זיינס, אַזוי ווי תורה פון סיני. איינער פון די דאָזיקע יונגע־לייט, לייביש פּרעשעווער, האָט גע־

לערנט צוזאַמען מיט ר׳ לוי יצחקן ביים רבין ר׳ שמעלקע אין ניקלשבורג. ער האָט געשטאַמט פון מדינת בעהמען און האָט חתונה געהאַט אין אַ דאָרף ביי לעווערטאָוו. זיין שווער האָט געהאַלטן אין אַרענדע די גאַזשעלניע פון אַלטן גראַף באַכמוצקי און אויסגעהאַלטן זיין איידעם בכבוד. האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, און זיין שווער האָט אַנטקעגנגערעדט אַ וואָרט דעם אַלטן גראַף. דערפאַר האָט ער אים אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרענדע. לייביש האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ צעבראָכן הייזל הינטער דער שטאָט. פון נדן זענען אים פאַרבליבן צוויי קי, האָט זיין ווייב פאַרקויפט די מילך און גע־שפייזט פון דעם איר מאַן און קינד. לייביש איז געזעסן אַ גאַנצע וואָך אין בית־המדרש און געלערנט, בלויז דאָנערשטיק האָט ער זיך אויסגעפונען אַן אַרבעט ביי אַ שמיד און ער האָט פאַרדינט זעקס גדולים פאַרן טאָג אַרבעט, פאַר צוויי האָט ער געקויפט פלייש און פיש, פאַר נאָך צוויי — ליכט און וויין, און נאָך פאַר צוויי — אַ לאָקשן־קוגל און אַ מייערן־צימעס. פון ווייבס פרנסה האָט אים נישט געסטייעט אויף שבת, האָט ער איין טאָג אין וואָך מבטל געמאַכט דאָס לערנען, כּדי צו באַשיינען דעם שבת, ווי גאָט האָט געבאָטן.

איין מאָל, אַ דאָנערשטיק פאַר נאַכט, ווען לייביש איז צוריקגעגאַנ־גען פון דער אַרבעט, האָט אים אָנגעטראָפן ר׳ לוי יצחק אין גאַס. גאָרנישט ווי זיין שטייגער, האָט אים ר׳ לוי יצחק אַרומגעכאַפּט, געקלאַפּט אין פליי־צע, אויסגעפרעגט וועגן דער משפחה און פון אַלץ איינאַנדער. לייביש האָט זיך שטאַרק געחידושט פון דעם. אָבער ער האָט זיך נאָך מער געוווּנדערט, ווען ר׳ לוי יצחק האָט אים געזאָגט:

— לייביש קרוין! איך פיל אַ ביסל הונגער, אפשר האָסטו אַ צוויי גדו־לים, וועלן מיר אַריינגיין צו משהן אין גאָרקיך, עפּעס איבערכאַפּן דאָס האַרץ.

לייביש איז געווען איבערראַשט און דערפרייט. ער איז אַריין מיט אים אין גאָרקיך און געגעסן די סעודה. אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט, רופט זיך ווייטער אָן ר׳ לוי יצחק:

— דו וואָלסט זיך פאַרדינט עולם־הבא, לייביש לעבן! ווען דו ביסט מיך מכבד מיט אַ גוט גלעזעלע מעד.

לייביש האָט זיך געטראַכט: אַז איך האָב שוין אויסגעגעבן די ערשטע צוויי גדולים, וועל איך שוין נישט עסן קיין פלייש און נישט קיין מייערן־צימעס. ער וויל דאָך אָבער נאָך צוויי גדולים! וועט מען מוזן מוותר זיין אויף די פיש און אויפן לאָקשן־קוגל. בפרט, אַז ער האָט דאָך צוגעזאָגט עולם־הבא!.. און ווי קען מען דאָס אָפּזאָגן אַ פאַרלאַנג פון ר׳ לוי יצחקן... האָט ער באַשטעלט אַ פלעשל קראָקעווער מעד, מכבד געווען זיין חבר.

— ווייסטו וואָס, לייביש סערדצע! — האָט ר׳ לוי יצחק צוגעזונגען זיך מיט אַ גמרא־ניגון — עס ווילט זיך מיר פילן אַ מאָל דעם טעם פון אַ גביר. אפשר וואָלסטו זיך געלאָזט קאָסטן אַ צוויי גדולים, מיר זאָלן נעמען אַ פיאַקער און זיך אַ ביסל איבערפאָרן שפּאַצירן...

לייביש האָט נישט געגלייבט די אייגענע אויערן. חלילה פון זיבעטן אַראָפּ. ווי פּאַסט עס פאַר לומדישע יונגע־לייט צו פאָרן אין קאַרעטעס אין אַ פּראָסטן דאָנערשטיק? און פון וואַנען וועט ער נעמען געלט צו קויפן ליכט און וויין לכבוד שבת? לייביש האָט קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. די לעצטע צוויי גדולים דאַרף ער אויף שבת.

רופט זיך אָפּ צו אים ר׳ לוי יצחק, און פון זיינע אויגן שטראַלט אַ ליכט פון קדושה:

— הער זיך איין, לייביש! איך בין געווען יום־טוב אין קאָזשעניץ, האָט זיך דער מגיד מיט מיר דורכגעשמועסט, אַז מען דאַרף היינט האָבן עטלעכע חסידים גבירים, כדי ביישטיין די מחלוקתן מיט מתנגדים, פון איין זייט, און בערלינטשיקעס, פון דער אַנדערער זייט. אַוודאי קען מען נישט יעדן איינעם אָנטרויען אַ פאַרמעגן. על־כן, וואָלט איך געוואָלט, אַז דו זאָלסט פאַרקויפן דיינע צוויי קי און זיך נעמען צו מיסחר. אפשר וועט הקדוש־ברוך־הוא דיר העלפן און דו וועסט ווערן אַ גביר...

לייביש האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז דער עסק איז נישט אַזוי פּשוט. האָט ער ביי זיך געטראַכט: ער וועט אַהיימקומען און זיך מישב זיין מיטן ווייב.

דערציילט דעם ווייב, האָט זי אויפגעהויבן אַ געוואַלד. זי האָט נישט געוואָלט הערן פון פאַרקויפן די קי. טאַקע פרנסה בצימצום, נישטאָ די וואָך איבערצוקומען. אָבער דאָך איז מען זיכער מיטן שטיקל ברויט. גיין איצט

אויף מיסחר? מען קען דאָך, חלילה, פאַרלירן דאָס געלט אין איין טאָג. האָט לייביש ביי זיך באַשלאָסן: ער וועט זונטיק אַרויסגיין אין מאַרק. אויב עמעצער וועט אים קומען אָנשלאָגן צו פאַרקויפן די קי פאַר אַ גוטן פרייז — וועט ער דעמאָלט באַשליסן וואָס צו טאָן.

געקומען זונטיק אין דער פרי. נאָך איידער ער איז אַרויס אין מאַרק, איז געקומען צו אים אין שטוב מרדכי קצב צו קויפן זיינע צוויי קי פאַר 150 קערבלעך, כאָטש זיי זענען נישט ווערט מער ווי הונדערט.

געזען אַזאַ טראַף און געהערט אַזאַ פרייז, האָט דאָס ווייב מסכים געווען צום מיסחר. לייביש האָט גענומען די 150 קערבלעך און איז אַרויס אין מאַרק זיך אַרומקוקן עפּעס אַ מיסחר.

מיט אַ מאָל האָט ער דערזען ווי עס פאָרן זיך אָן פּריצישע קאַטשן פון אַלע זייטן שטאָט און זיי שטעלן זיך אָפּ ביים געריכטסהויז. די ייִדעלעך, נאמנים פון די פּריצים, „מאַשקעס", ווי מען רופט זיי, האָבן זיך אַלע געיאָוועט, געפּאָרעט יעדער איינער אַרום זיין פּריץ. לייביש האָט געהערט פון זיי, אַז מען ליציטירט דאָ אַ גאַנצן פאָלוואַרק מיט הייזער און פעלדער, איינס פון די גיטער פון פאַרשטאָרבענעם פּריץ באַכמוצקי. פון די שושקענישן צווישן זיך האָבן די „מאַשקעס"־ייִדעלעך אַרויסגעדרונגען, אַז די פּריצים האָבן געמאַכט יד־אחת, כדי אָפּצוקויפן דאָס פאָלוואַרק פאַר אַ ביליקן פרייז.

אַזוי ווי עמעצער וואָלט אים געשטופּט, איז לייביש אַריין אין געריכטס־זאַל. דער ליציטאַטאָר האָט אויסגערופן, אַז עס איז דאָ צו פאַרקויפן אַ גוט מיט כּל וכל מאַרגעס פעלד און הייזער. עס איז געוואָרן אָפּגעשאַצט אין ווערט פון זיבעציק טויזנט רובל. ווער גיט מער!

איינער פון די פּריצים האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן: „צו טייער! נאָר פינף און צוואַנציק". אַלע האָבן געשוויגן. לייביש האָט אויסגעשריִען, ווי נישט מיט זיין קול: „דרייסיק!"

די פּריצים האָבן זיך צעלאַכט: „גיי, זשיד, און פאַרבינד דיר די מייטקעס! אָט האָסט דו גאָר אַ קונה. אָבער דער ליציטאַטאָר ווייסט נישט קיין קונצן: דרייסיק איז — דרייסיק... די פּריצים האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך, געוועזן זיכער, אַז דער זשידלאָק פאַרמאָגט נישט קיין פינף

קערבלעך. זיי האָבן זיך גאָרנישט אָפּגערופן. איז געגאַנגען דער ליציטאַ־טאָר און געגעבן דריי קלעפּ אין שטענדער: זכה לו...

אַ שרייבערל האָט אויסגעשריבן דעם אַקט, גענומען 50 רובל אויף מאַרקעס און הונדערט פאַר האַנטגעלט, און ביז איין וואָך דאַרף ער ברענגען דאָס רעשט געלט. לייבישן האָט גוט געקלאַפּט דאָס האַרץ, אָבער עפּעס איז ער זיכער געווען, אַז פון דעם קאָרן וועט זיין ברויט...

די פּריצים האָבן געלאַכט, געחוזקט: „היי! זשידלאָק! פאַרלוירן 150 רובל! ווי דו זעסט נישט דיין גאָז, וועסטו דאָס געלט מער נישט זען... אָבער לייביש האָט זיך נישט־וויסנדיק געמאַכט. ער איז אַוועק אַהיים און אַפילו דעם ווייב נישט דערציילט פון גאַנצן עסק.

שפּעט אין אָוונט האָט לייביש געהערט קלאַפּן אין טיר. עס איז געווען דער שטאָטישער פּרעלאָט, דער גלח פון קירכע. ער איז געקומען אָנשלאָגן צו ווערן אַ שטילער שותף צום עסק, ווייל דער פאָלוואַרק איז ווערט פינף מאָל אַזוי פיל. ער איז גרייט צו געבן פאַר זיין חלק אַכציק טויזנט רובל, קיינער זאָל נישט וויסן.

האָט שוין לייביש געהאָט צו באַצאָלן דאָס גאַנצע געלט, און עס איז אים נאָך געבליבן אַ פאַרמעגן. עס זענען אַדורך אַ פּאָר וואָכן, איז דער גלח פּלוצלונג געשטאָרבן, און אָן יורשים. לייביש איז געוואָרן אַ גביר, אַן אדיר. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט געשטיצט און געהאָלפן חסידים און חסידות, וויפל מען האָט פון אים פאַרלאַנגט.

האָט ר׳ לוי יצחק שפּעטער צוגעלייגט:

— ווען לייביש וואָלט מיר דעמאָלט געגעבן אויף די לעצטע צוויי גדו־לים, וואָלט אים זיין עשירות פאַרבליבן ביי קינדער און קינדסקינדער אַלע דורות ביז ביאת המשיח...

אָפּגענומען אַ חוב

די ערשטע רבנות־שטעלע פון אַפּטער רבין, דעם „אוהב־ישׂראל", איז געוועזן דאָס גאַליציאַנער שטעטל קאָלבישעוו. פון דאָרט איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין יאַסי פון בעסאַראַביע. דערנאָך איז ער געוואָרן רב אין מעזשיבוזש, פון מעזשיבוזש — קיין אַפּט און פון אַפּט האָט ער זיך געגרייט צוריקצופאָרן קיין מעזשיבוזש. האָבן אים די אַפּטער קהל־לייט און די בעלי־בתים געפרעגט:

— מילא, אַז דער רבי איז פון קאָלבישעוו אַריבער קיין יאַסי, איז פאַרשטענדלעך, קאָלבישעוו איז אַ קליין שטעטל. דער רבי פירט אַ גרויסאַרטיקע ברייטע שטוב מיט געסט, כּיבודים און אויפנאַמעס, אַ קאָטש מיט פערד, בגדי מלך. ווי קען דאָס אַ קליין שטעטל אַלץ נאָסטאַרטשען? פון יאַסי איז דער רבי אַוועק צוליב דער מיאוסער פירונג פון ראש־הקהלס ווייב, וואָס דער רבי האָט נישט געוואָלט פאַרשווייגן און זיך איינגעריסן מיטן מלכות — דאָס קען מען אויך פאַרשטיין מיטן שׂכל. פון יאַסי קיין מעזשיבוש איז אויך נישט קיין ווונדער. עס איז דאָך די שטאָט פון בעל־שם־טוב מיט רבי ר' ברוכל. אַ ייִחוס צו פאַרנעמען דאָרט אַ רבנות־שטעלע. אַז דער רבי איז אַריבערגעקומען פון מעזשיבוזש צו אונדז קיין אַפּט, ווייסן מיר דאָך דעם סוד. דער רבי האָט פאַרלאַנגט פון אונדז אַן איינמאָליקע גרויסע געלטסומע און טאָפּלטע שׂכירות. מיר האָבן מסכּים געווען און מיר גיבן דאָס מיטן גוטן ווילן און פון גאַנצן האַרץ, ווייל מיר האָבן די זכיה צו האַלטן אַלס רב דעם גדול הדור, אַ למדן, אַ מקובל, אַן אוהב־ישׂראל, אַ ייִחוס־אָבות, און ווי דער רבי אַליין זאָגט, איז ער דאָך אין די פריִערדיקע

גילגולים געווען אַ מלך ישׂראל, אַ כּהן גדול, אַ ריש־גלותא. דאָס אַלץ איז פּאַר אַפּט ווערט אוצרות, און פאַרן רבין איז עס אויך כּדאי... אָבער אַז דער רבי וויל איצט פאַרלאָזן אַפּט און נאָך אַ מאָל צוריקגיין קיין מעזשי־בוש — דאָס פאַרשטייען מיר שוין נישט! וואָס איז דער שׂכל דערפון? אפשר וויל דער רבי גרעסערע שׂכירות, זענען מיר גרייט צוצולייגן וויפל דער רבי וויל.

— חלילה! — האָט דער אַפּטער רבי אַ גלעט געגעבן זיין זילבערנע ברייטע באָרד און אַ צי געגעבן די ציבעק־לולקע מיטן גאָלדענעם שפּיצן־האַלטער — איך האָב שוין ביי אייך אָפּגענומען מיין חוב. איצט קען איך שוין צוריקפאָרן אין מיין מעזשיבוש.

די קהל־לייט האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. נישט פאַר־שטאַנען, וואָס דער רבי מיינט. פון וואָס פאַר אַ חוב רעדט זיך דאָ? ווער האָט דען געבאָרגט געלט פון רבין?..

דער „אוהב־ישׂראל" האָט באַמערקט די שטוינונג פון די אַפּטער בעלי־בתים. האָט ער זיי באַרויִקט, אַז עס האַנדלט זיך אין אַ גאָר אַלטן חוב, וואָס קיינער געדענקט עס נישט און ער האָט זיי דערציילט די מעשׂה, פון וואַנען דער חוב נעמט זיך:

— ווי איר ווייסט — האָט דער רבי אָנגעהויבן די מעשׂה — שטאַמט אַרויס מיין משפּחה פון דער שטאָט פּאַדווע אין איטאַליע. איינער פון מיינע עלטער־זיידעס האָט זיך משדך געווען מיטן רבין ר' העשל פון קראָקע און דער משפּחה־צווייג האָט זיך באַזעצט אין מדינת פּוילן. מיין זיידנס קינדער האָבן זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד. צוליב די כּסדרדיקע מלחמות האָבן זיי פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט צווישן זיך, איינער האָט נישט געוווּסט פון אַנדערן. מיין פאָטער האָט זיך באַזעצט אין ניישטאָט. צום ערשטן איז ער געווען אַ מלמד, דערנאָך איז ער געוואָרן רב אין שטאָט. ער האָט גע־לעבט אין גרויס אָרעמקייט און האָט ביז אין טיפן עלטער נישט געהאַט קיין קינדער.

איינער פון זיידנס קינדער האָט זיך פאַרוואָגלט קיין אַפּט. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין מיסחר און געוואָרן אַ פּאַדריאַטשיק פון דער קייסער־לעכער אַרמיי און ער האָט אָנגעזשויבט אוצרות. ווען ער איז געשטאָרבן,

האָט ער געלאָזט אַ יונגע אלמנה מיט אַ גרויסער ירושה. אָבער ער האָט נישט געלאָזן קיין קינדער. פאַרן טויט האָט ער אָנגעזאָגט זיין ווייב פאַר עדות, אַז ער האָט ערגעץ ווו אַ ברודער, וואָס הייסט שמואל. ער געפינט זיך זיכער אין מדינת פוילן און זי וועט זיין חייב אים אויפצוזוכן און נעמען חליצה.

אַדורך דאָס טרויעריאָר, האָט די יונגע אלמנה געגומען זוכן איר שוואָ־גער, ער זאָל זי אויפבינדן פון עגונות און אים נישט געקענט געפינען. האָט איר אַ קלוגער ייִד געגעבן אַן עצה, זי זאָל זיך ווענדן צום „ועד ארבע ארצות", זיי זאָלן שרייבן אַ בריוו צו אַלע רבנים אין דער מדינה מיט סימנים פון נפטר און זיין פאַמיליע, און טאָמער וועט זיך אָפּזוכן דער ברודער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן — וועט זי אים געבן אַ האַלב פאַרמעגן, אַבי ער זאָל קומען קיין אַפּט און געבן איר די חליצה.

אַזאַ בריוו פון „ועד ארבע ארצות" איז אָנגעקומען צו מיין טאַטן ר' שמואל, דער רב פון ניישטאַט. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ רעדט זיך פון זיין ברודער יואל. האָט ער אַריינגערופן מיין מאַמע, די רביצין, און דערציילט איר פון ברודערס טויט און פון דער גרויסער ירושה, וואָס עס דערוואַרט אים. ער האָט באַלד געגומען וועבן פּלענער, וואָס ער וועט מאַכן מיטן געלט: געבן צדקה, אָפּדרוקן זיינע ספרים, ווייל קיין קינדער האָט ער דאָך, נעבעך, נישט געהאַט. מיין מאַמע, די רביצין, איז געווען אַ גרויסע צדיקת. זי האָט פאַראיבל געהאַט אויף איר מאַן, וואָס רעדט איצט, נאָך אַזאַ שלעכטער בשורה — פון פאַרמעגן און געלטזאַכן. האָט זי פאַרלאַנגט פון איר מאַן, ער זאָל נישט נעמען קיין געלט פון דער אלמנה, נאָר ער זאָל מקיים זיין מיצוות חליצה, ווי עס שטייט אין דער תורה, און לכּבוד השם־יתברך...

מיין פאָטער האָט זי געפאָלגט. ער איז אַוועק צו פוס קיין אַפּט. די אלמנה האָט אים געקויפט נייע מלבושים און אים אָפּגעדונגען אַן איינפאַר־הויז, ווי עס פירט זיך ביי נגידים. ער האָט ביים רב אָפּגעגעבן אַלע משפּחה־סימנים און מען האָט דורכגעפירט די חליצה כּדת משה וישראל.

באַלד נאָך חליצה האָט די אלמנה דערלאַנגט מיין טאַטן אַ פולן בייטל מיט גאָלדענע רענדלעך, אַזוי ווי זי האָט צוגעזאָגט. אָבער דער טאַטע האָט

נישט געוואָלט נעמען. האָט די אלמנה געמיינט, אפשר וויל ער אַ שותּפות אין די געשעפטן און אין די אומבאַוועגלעכע גיטער, איז זי גרייט באַלד אונטערצושרייבן אַ פולמאַכט. אָבער דער טאַטע איז אַוועק אין דער אכסניה, אויסגעטאָן די נייע און צוריק אָנגעטאָן זיינע אַלטע מלבושים. געזעגנט זיך מיט דער אלמנה און איז אַהיימגעפאָרן מיט ליידיקע הענט.

זענען געקומען די קהל־לייט פון אַפּט און געטענהט צו דער אלמנה, אַז ער האָט נישט געוואָלט נעמען אַ שותּפות אין פאַרמעגן, איז קהל דער שותּף און עס קומט זיי די האַלבע ירושה. די שוואַכע אלמנה האָט זיך אַנט־קעגנגעשטעלט, אָבער די קהל־לייט זענען דאָך די תּקיפים, שווערע מענטשן, האָבן זיי מיט כּוח גענומען דעם האַלבן חלק פאַר דער שטאָטקאַסע.

דער גרויסער נסיון פון מיין טאַטע־מאַמע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין הימל. אַזעלכע אַלטע, אָרעמע מענטשן פאַרציכטן אויף אַזאַ פאַרמעגן, אַבי גלאַט צו טאָן אַ כּשרע מיצווה... דערפאַר איז אין הימל באַ־שלאָסן געוואָרן צו ענדערן די מעשׂה־בראשית און באַשענקען דאָס אַלטע פאָרפאָלק מיט אַ זון אויף דער עלטער. און דאָס בין איך טאַקע געבוירן געוואָרן אין זכות פון דער מיצווה...

איצט פאַרשטייט איר שוין פון וואַנען מיין חוב שטאַמט! — האָט דער „אוהב־ישׂראל" אויסגערופן מיט אַ פייערלעך קול — דאָס האָב איך אָפּגע־נומען די ירושה פון מיין טאַטן, וואָס קהל האָט צוגענומען נישט מיט רעכט. היינט האָט זיך דער חוב געענדיקט און איך גיי צוריק קיין מעזשי־בוש, ווו מיין האַרץ גלוסט. נאָר דערפאַר וואָס איר האָט מיר אָפּגעגעבן דעם חוב מיטן גוטן ווילן און מיט ליבשאַפט, דערפאַר זאָג איך אייך צו, אַז ווו איך זאָל נישט זיין — וועט מען מיך אַלץ רופן אויפן נאָמען פון דער שטאָט.

און אַזוי רופט מען אים ביזן היינטיקן טאָג: דער „אוהב־ישׂראל" פון אַפּט.

שעטנז

די תורה האָט פאַרבאָטן יעדע צוזאַמענמישונג פון ראַסע, שטאָפן און גע־וויקסן, וואָס זענען פון נאַטור אויס נישט געווען צוזאַמענגעגלידערט. אַזוי טאָר מען נישט צוזאַמענפּאָרן צוויי מינים בהמות; מען דאַרף נישט פלאַנצן אין איין פעלד צוויי סאָרטן געוויקסן, און מען טאָר נישט טראָגן קיין קליי־דער פון וואָל מיט פלאַקס צוזאַמען. אַלע אַזעלכע נאַטור־מישונגען און מאַנ־טאַזשן ווערן אָנגערופן: כלאים און שעטנז.

רש״י זאָגט, אַז שעטנז און כלאים זענען געזעצן פון גאָט אָן אַ מאָטיוו, אַזוי ווי אַ גזירה פון קיסר, וואָס טאָר נישט ווערן אינטערפּרעטירט. דער „חובת הלבבות״ זאָגט אויך אַזוי, אַז שעטנז און כלאים זענען געבאָטן, וואָס דער מענטשלעכער שׂכל פאַרשטייט נישט. אָבער דער רמב״ן גיט שוין דווקא אַ פילאָסאָפישע סברה און אַ שווער־וואָגיקן מאָטיוו. לויט זיין מיינונג טאָר נישט אַ מענטש ענדערן די נאַטור, וואָס גאָט האָט געשאַפן אין די ששת ימי בראשית. יעדע צונויפמישונג פון מין און אַרט ווערט פאַררעכנט ווי אַ לעסטערונג און פאַרשוועכונג פון דער אייגנטלעכער בריאה, ווי ער וואָלט זיך אויסגעדריקט, אַז דער רבונו־של־עולם האָט נישט געקענט פאַר־טיק מאַכן זיין אַרבעט, און ער, דער מענטש, דאַרף אים צוהעלפן אין דער וועלט־באַשאַפונג...

דעריבער איז אַ פרומער ייִד אָפּגעהיטן, ווען ער גייט לאָזן נייען אָדער קויפן אַ נייעם מלבוש, אָדער אַ בעטגעוואַנט, אַז די שטאָפן זאָל נישט זיין געוועבט אָדער צוזאַמענגעשטעלט פון פלאַקס און וואָל צוזאַמען, ער זאָל, חלילה, נישט עובר זיין אויפן איסור פון שעטנז.

אין חסידישן פֿאָלקלאָר ווערט דערציילט אַן אינטערעסאַנטע שעטנז־געשיכטע, וואָס האָט גורם געווען, אַז אַ געשמדטע יידישע משפּחה פֿון שיינער אָפּשטאַמונג זאָל זיך צוריקקערן צום יידנטום.

עס איז געווען אין אַפּט אַ מענער־שניידער בערטשע, וואָס האָט געניית פֿאַר פּריצישע הייפֿן און פֿלעגט אַ מאָל אויך אויפֿנייען פֿאַרן רבין אַ בעקעשע פֿון דאַמאַשקער זייד. אין די יונגע יאָרן איז בערטשע געווען אַ לעביונג, ווי געוויינטלעך יונגע חברה, וואָס שלאָגדערן זיך אַרום אין די פּריצישע הייף, ער האָט געגעסן און געשלאָפֿן ביי די גויים, אָבער נאָך דעם ווי ער האָט אויפֿגענייט פֿאַרן רבין אַ לייַבסערדאַק האָט ער תּשובה געטאָן און איז געוואָרן אַ רעכט פֿרומער ייִד: מער נישט געגעסן און געגעכטיקט ביי די פּריצים, דאַקעגן געדאַוונט מיט מנין, תּהילים געזאָגט און פֿלעגט אָפּט אַריינגיין צום רבין אין הויז סתּם אַזוי שמועסן און עפּעס צוגעהאָלפֿן אין שטוב.

ווי שטאַרק עס איז דער כּוח פֿון שׂטן. דווקא ווען בערטשע איז געווען אַ הפֿקר־מופֿקר־יונג האָט ער געהאַט אַרבעט איבערן קאָפּ און פֿאַרדינט שטיקער גאָלד, און אַציגד, אַז ער האָט חוזר בתּשובה געווען, האָבן זיך די פּריצים פֿון אים אָפּגעשאָקלט. זיי האָבן באַשטעלט די בגדים אין צוויזמער און אין לובלין, און בערטשע איז געבליבן אַרבעטסלאָז. אַוודאי האָט דער רבי געזאָרגט פֿאַר אים, אים צוגעשאַנצט אַ ביסל אַרבעט ביי רייכע חסי־דים, ביי רבנים, אָבער עס איז שוין נישט געווען יענע פֿאַרדינסטלעך מיט אַ ברייטער האַנט, מיט די שטיקער ייתור, ווי עס איז געווען ביי די פּוילישע שלאַכטשיצעס. מילא, צוליבן שטיקל פּרנסה איז דאָך נישט כּדאַי צו פֿאַרמשכּונען דעם עולם־הבא און פֿאַרלירן, חלילה, ביידע וועלטן. בער־טשע האָט שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק. אויפֿן שטיקל ברויט האָט זיך נאָך פֿאַרדינט, וועט ער נישט זיין קיין נגיד...

אַ מאָל איז בערטשע שניידער געקומען צום רבין מיט אַ פֿריילעכער בשׂורה, אַז אין בריזשינקער הויף האָבן זיך געטוישט די פּריצים. דער אַלטער פּריץ קאָנעצפּאָלסקי איז אַוועק און דער נייער פּריץ וואָלאָווסקי האָט אים געשיקט רופֿן צו קומען אין פּאַלאַץ מאַכן פֿאַר אים און זיינע קינדער אָנצוגן און קליידער לרוב. דער רבי האָט זיך מיטגעפֿרייט מיט זיין שׂימחה. ער

האָט אים נאָר געבעטן געוויר ווערן, וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש איז דער נייער פּריץ וואָלאָווסקי. בערטשע האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין הויף און ער האָט צוריק געפונען זיין אַמאָליקן מוט.

אין איינעם אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג איז בערטשע געזעסן ביים אָפּע־נעם פענצטער אין אַרבעטס־צימער פון פּאַלאַץ און געסטריגעוועט אַן אַרבל פון פּריצס אָנצוג. עס איז שוין געווען הויך זומער. די בעזביימער האָבן געאָטעמט מיט אַ פּאַרפום־גערוך. אַ יאַסמין־קוסטע האָט פאַרבייגעקלע־טערט אין דעם פענצטער און אַריינגעוואונקען מיט שמעקנדיקע בלימעלעך. פון דער ווייטנס האָבן זיך געוויַיסט צעוואַקסענע כריזאַנטעמעס. עס איז בערטשען גוט געווען אויפן האַרצן, האָט ער זיך צוגעזונגען אַ שבתדיקן „ישמחו במלכותך״. זיין שיינע באַריטאָן־שטימע האָט זיך צעטראָגן דורכן פענצטער איבערן גאַנצן הויף און פון די ווייטע בערג איז צוריקגעקומען אַן עכאָ־אָפּקלאַנג. מיט אַ מאָל האָט זיך געעפנט די טיר פון אַרבעטס־צימער און עס איז דערשינען דער פּריץ וואָלאָווסקי אַליין. בערטשע האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, אָבער דער פּריץ האָט אים באַפוילן ווייטער זיצן און נאָך אַ מאָל זינגען דאָס שיינע יידישע ליד. בערטשע האָט זיך געוווּנדערט, ווי קומט עס אַ גוייִשער פּריץ צו אַ יידישן „ישמחו במלכותך״? אָבער אַז דער פּריץ הייסט! בערטשע האָט גענומען זינגען מיט געפיל און דער פּריץ האָט אים אונטערגעהאַלטן און נאָך צוגעפּאַטשט מיט די הענט. ער האָט אַפילו נאָכגעזאָגט עטלעכע יידישע ווערטער. ער האָט זיך, פּשוט, צעגאָסן פון הנאה. אַ מאָדנע געפיל האָט בערטשען אָנגעכאַפּט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָ שטייט נישט פאַר אים אַ פּריץ נאָר אַ ייִד פון יידנלאַנד...

אַהיימקומענדיק קיין אַפּט האָט בערטשע דערציילט דעם רבין די מעשה פון „ישמחו במלכותך״. דער רבי האָט זיך פאַרטראַכט און געהייסן בער־טשען אויספאָרשן בסוד ביי די באַדינער פון הויף, פון וואַנען דער פּריץ שטאַמט. צו מאָרגנס האָט זיך בערטשע באַפריינדעט מיטן אַלטן סטאַש, דעם גרייז־גרויען לאַקיי פון פּריץ. ער האָט אים געטאָן אַ געפעליקייט: פאַרריכט און אויסגעפּרעסט זיין גאַלאַ־ליווועריע. און אַזוי פאַרטרוילעך שמועסנדיק, האָט אים דער לאַקיי דערציילט דעם סוד, אַז דער פּריץ

וואַלאָווסקי שטאַמט אַרויס פון דער באַרימטער ייִדישער משפּחה שאָר. ער איז אַ געבוירענער ייִד, נאָר ער האָט זיך מיט יאָרן צוריק אָפּגעשמדט.

קוים זיך דערוואָרט ביז נאַכט, איז בערטשע גלייך געלאָפן צום רבין און דערציילט דאָס גרויסע נייעס. דער רבי איז נישט געווען אַזוי איבער־ראַשט, ווי בערטשע האָט זיך פאַרגעשטעלט. ער האָט נאָר פאַרקנייטשט דעם שטערן און לאַנג געטראַכט. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אָפּגערופן צו בערטשען, ער זאָל נאָכקוקן אויף די קליידער, וואָס ער נייט פאַרן פּריץ, צי עס איז פאַראַן אין זיי שעטנז. טאָמער יאָ, זאָל ער אָוועקלייגן די אַרבעט אין מיטן און זאָגן דעם פּריץ, אַז דער אַפּטער רב לאָזט אים נישט ווייטער נייען, ביז ער, דער פּריץ, וועט קומען צום רב זיך דורכשמועסן.

קומענדיק צו מאָרגנס אין פּאַלאַץ האָט בערטשע געפונען, אַז די שטיי־פע לייוונט פון פּריצס אָנצוג איז געמישט פון וואָל מיט פלאַקס, ממש שעטנז. האָט ער אָוועקגעלייגט די אַרבעט און אַהיימגעגאַנגען. דער פּריץ האָט באַלד געשיקט דעם לאַקיי פרעגן, וואָס איז געשען, האָט בערטשע אים געענטפערט אַזוי ווי דער רבי האָט אים געהייסן. דער פּריץ וואַלאָווסקי איז געוואָרן אויסער זיך פון כּעס און צאָרן. ער האָט באַפוילן שפּאַנען די קאַטש און תּיכּף איז ער צוגעפאָרן צום רבין קיין אַפּט.

דער אַפּטער רב האָט דעם פּריץ שיין אויפגענומען, ער האָט אים גע־זאָגט „ברוך־הבא" און געהייסן אים דערלאַנגען כּיבוד. אָבער איידער דער פּריץ האָט נאָך אויסגערעדט אַ וואָרט, האָט ער צו אים אַזוי געזאָגט:

— די הייליקע ייִדישע חכמים זאָגן אין דער גמרא: „ישׂראל אף על פּי שחטא — ישׂראל הוא", דאָס הייסט, אַ ייִד אַפילו ער זינדיקט — בלייבט ער אַ ייִד. איז דאָך פאַראַן דאָ אַ גרויסע פראַגע: וואָס פאַר אַ נייעס אַנט־פּלעקן אונדז דאָ די חכמים? שלמה המלך זאָגט דאָך אין קהלת: „אין צדיק בארץ אשר יעשׂה טוב ולא יחטא" — אַז אַפילו אַ צדיק זינדיקט אויך. יעדער לעבעדיקער מענטש זינדיקט! טאָ וואָס איז דאָ די רבותא?

— נאָר דער תּירוץ איז — האָט דער אַפּטער רבי אָנגעשטעלט אויף אים זיינע ליכטיקע שטראַלנדיקע אויגן — אַז אַפילו „ישׂראל שחטא", אַז אַ ייִד זינדיקט אַנטקעגן „ישׂראל", ער דרייט זיך אויס מיטן רוקן צום ייִדישן פאָלק און נעמט אָן אַ פרעמדן גלויבן — „ישׂראל הוא" — בלייבט

ער שטענדיק אַ ייִד און די וועגן פון תשובה זענען תמיד אָפן פאַר אים...

דער „אוהב־ישׂראל" האָט זיך אויפגעשטעלט, זיין פּנים האָט געשיינט מיט אַ הימלישער שיינקייט. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל פון פּריץ, לייכט אים געגלעט און גערעדט צו אים אַזעלכע זיסע, וואַרעמע רייד. ער האָט אים דערמאָנט זיינע עלטערן, זיידעס און עלטער־זיידעס, גרויסע רבנים, מנהיגים און ראשי־קהל, אַלע רינגעלעך פון אַ גרויסער חשובער גאָלדענער קייט, וואָס ציט זיך שוין דורות אויף דורות. אַ שאָד, אַז אַזאַ גילדערנער ייִחוס זאָל ווערן אָפּגעהאַקט אין מיטן...

דאָס פּינטעלע ייִד האָט זיך דערוועקט אין פּריץ וואָלאָווסקי. גרויסע טרערן ווי באָב האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיינע אויגן. ער האָט פאַרזונקען דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר זיינע זיידעס, געשעמט זיך פאַר זיך אַליין...

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אין אָפּט געשמועסט, אַז דער פּריץ וואָלאָווסקי האָט פאַרקויפט זיין גוט און איז אַוועקגעפאָרן מיט זיין משפּחה קיין אויסלאַנד.

קיינער — אַחוץ בערטשע און דער „אוהב־ישׂראל" — האָט נישט געוווּסט דעם סוד, אַז דער פּריץ וואָלאָווסקי און זיין משפּחה האָבן זיך באַזעצט אין אַמסטערדאַם און זענען געוואָרן גוטע און פרומע ייִדן אַ דאַנק דער מיצווה לא תעשה פון שעטנז...

דאָס געבורט פון אַ צדיק

ווען די מגיפה איז אויסגעבראָכן איז רבקהלע אַלט געווען צוועלף יאָר. זי איז געווען אַ בת־יחידה ביי פאַרמעגלעכע עלטערן. אַ שיין געראָטן קינד, האָט מען זי געפּיעשטשעט און געצערטלט, געהאַלטן פאַר איר גוטע לערערס און דערצויגן ווי אַ קינד פון אַ פיינער גוטער שטוב. באַלד אין דער ערשטער וואָך פון דער מגיפה איז איר פאָטער אַרייַנגעפאַלן אין דער קרענק, צו מאָרגנס איר מוטער, און מען האָט זיי ביידע באַגראָבן מיט איין לוויה. רבקהלע איז געבליבן מיט אַ מאָל אַ קיילעכדיקע יתומה, האָט זי דער זיידע פון מאַמעס צד אַהיימגענומען צו האָדעווען. אַליין אַן אלמן און אַ יורד־נכסים, האָט ער פאַר דער יתומה אַוועקגעגעבן דאָס לעצטע שטיקל ברויט פון מויל, ווייטער געצאָלט שׂכר־לימוד און געקויפט פאַר איר שיינע מלבושים. רבקהלע איז אויסגעוואָקסן אַ יפת־תואר, מען האָט איר נאָכגעקוקט אין די גאַסן. דער זיידע האָט געהאָפט זי חתונה צו מאַכן פאַר אַ בחור אַ לערנער און דערלעבן אַ ביסל נחת פון איר.

צום זיידנס אומגליק, האָט זיך צו איר צוגעטשעפּעט אַ גאַסניונג און אַ לאָבוז, דער שטאָט־מסור שמואל טאַט, ער האָט זיך צוגעקלעפּט ווי אַ פּיַאווקע, נישט אַנדערש נאָר ער מוז מיט רבקהלען חתונה האָבן. דער זיידע האָט אין אָנפאַנג גערעדט צו אים מיט גוטן. אַז עס האָט נישט גע־האָלפן, האָט ער אַרייַנגערופן עטלעכע שכנים. מען האָט דעם מסור אָנ־געהאַקט די ביינער און אַרויסגעוואָרפן פון שטוב. איז אַוועק דער מסור צום פּריץ און האָט זיך פאַרקלאָגט, אַז דערפאַר ווייל ער היט די אינטע־רעסן פון פּריץ שיקאַנירט מען אים אין שטעטל, מען שלאָגט אים, און

קיינער וויל מיט אים נישט חתונה האָבן. אַפּילו אַן אָרעמע יתומה וויל אים אויך נישט. האָט דער פריץ געשיקט רופן רבקהלעס זיידן און האָט אים שטרענג באַפוילן תיכף־ומיד מסכים זיין צום שידוך. דער זיידע האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט. אַלץ איז ער גרייט צו טאָן וואָס דער פריץ וועט פון אים פאַרלאַנגען, אָבער נישט אַוועקגעבן זיין איינציק איניקל פאַר אַ גאַסניונג. דער פריץ האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט אויף דער חוצפה פון „זשיד" און האָט אים באַשטראָפט מיט 50 שמיץ אויפן נאַקעטן לייַב. דער מידער אַלטער קערפּער פון זיידן האָט נישט געקענט איבערטראָגן דעם ווייטיק און די חרפה, און ער איז אויפן פלאַץ געשטאָרבן. רבקהלע איז איצט געבליבן איינזאַם און פאַרלאָזן, ווי אַ שפּענדל אין אַ שטורמישן וואַסער.

עס איז נישט דורכגעגאַנגען אַ וואָך נאָך דעם זיידנס טויט, האָט איין מאָל, אין אַ אָוונט, שמואל טאַטע זיך פאַרגנבעט אין רבקהלעס צימער און זי געוואָלט נעמען מיט גוואַלד. רבקהלע האָט אָנגעהויבן שרייען און ליאַרעמען. עס זענען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן. אַלע האָבן מורא געהאָט זיך טשעפּען מיטן מסור. האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזע פון אַ גיבור און זיך געגרויסט:

— אַהאַ! פריִער, פאַר דער מעשׂה, האָט זי גאָרנישט גערעדט, נאָר איצטער שרייט זי...

ער האָט געוואָלט געבן מיט דעם אָנצודייטן, אַז ער האָט מכּלומרשט שוין אויסגעפירט זיין בייזן פאַרלאַנג.

רבקהלע האָט זיך געשעמט צו ווייזן איר פּנים פאַר מענטשן. זי האָט אין שטעטל נישט געקאָנט מער פאַרבלייבן. איז זי אַוועק צו אַ באַקאַנטן אַרענדאַר פון אַ דאָרף ביי יאַנעווע און האָט זיך ביי אים אָנגעדונגען פאַר אַ דינסט.

דער אַרענדאַר איז געווען אַ פרומער ערלעכער ייִד, אַ מעזריטשער חסיד, ער האָט גלייך באַמערקט אַז די יתומה רבקהלע איז אַ צניעותדיקע פרומע ייִדישע טאָכטער. ער האָט זי געהאַלטן בכּבוד, געזאָרגט פאַר איר ווי אַ טאַטע און גענומען זוכן פאַר איר אַ פּאַסיקן שידוך. אַוודאי האָט ער נישט געהאָפט צו געפינען פאַר איר אַ מר בר רב אשי, ווער וועט דאָס

גיין און נעמען אַן אָרעמע יתומה אָן אַ פּרוטה נדן? גאָר דורך זיין קרעטש־מע פלעגן דורכפאָרן בעלי־עגלות און שמײַסער־יונגען. געווען איינער צווישן זיי, פּינקע פון יאַנעווע, אַן עלטערער בחור, אַ ברייטער, אַ צע־וואַקסענער, מיט אַ האָריק פּנים, מגושם ווי אַ בער. אָבער ער איז געווען זייער אַ פרומער, געדאַוונט אַ מינחה, נישט געגעסן אומגעוואַשן און נישט גערעדט ניבול־פּה, ווי אַנדערע בעלי־עגלות. האָט דער אַרענדאַר געטראַכט: כּדאי אים אָנצושלאָגן די שיינע אָרעמע יתומה. פּינקע האָט אויסגעהערט דעם שידוך־אָנבאָט. ער האָט אויפגעהויבן די באַרשטן־ברעמען, אַ קוק געגעבן אויף דער בתולה און אַ ברום געגעבן ווי אַ ווייסער בער נאָך אַ גוטער סעודה. דער שידוך איז אים ווויל געפעלן געוואָרן. רבקהלע האָט נישט געהאַט קיין גרויסן חשק צום אומגעלומפּערטן מגושמדיקן מאַנצביל, אָבער עס איז איר ענג געווען די וועלט, האָט זי מסכּים געווען. מען האָט געבראָכן אַ טעלער און געמאַכט אַ תּנאים.

די ידיעה אַז רבקהלע איז אַ כּלה געוואָרן איז אָנגעקומען צו שמואל טאַטן. דער מסור האָט זיך נישט געפוילט, ער איז אַריבערגעפאָרן צו פּינקען קיין יאַנעווע און ער האָט אים דערציילט דעם ליגן, אַז ער האָט שוין געלעבט מיט רבקהלען, און זי איז שוין נישט ווי עס דאַרף זיין אַ יידישע טאָכטער. דער פרומער פּינקע האָט גענומען ציטערן אויפן גאַנצן קער־פּער. ער איז גלייך צוגעפאָרן אין קרעטשמע און געלאָזט וויסן דעם אַרענ־דאַר, אַז ער איז מבטל די תּנאים. רבקהלע האָט זיך נישט שטאַרק איבער־גענומען פון דער מעשׂה. אָבער דעם אַרענדאַר האָט עס פאַרדראָסן, ווייל ער האָט געוווּסט אַז דער מסור האָט אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף אַן ערלעכער יידישער טאָכטער.

דערווייל איז געוואָרן אַ גרויסער טומל אַרום דער קרעטשמע. עס זענען אָנגעקומען עטלעכע וועגענער מיט געסט. דער אַרענדאַר איז אַרויס אַ קוק טאָן. עס איז געווען דער מעזריטשער מגיד אַליין בכבודו ובעצמו. ער איז געפאָרן קיין מעזשיבוש צום בעל־שם־טובס יאָרצייט. אַריין אין קרעטשמע, האָט זיך דער רבי געשטעלט דאַווענען מינחה. פּינקע האָט אויך מיטגעדאַוונט. חסידים האָבן זיך גענומען פאַרווען ביים רבין. פּינקע האָט זיך אויך מזכּיר געווען און דערציילט די מעשׂה מיטן שידוך. דער רבי

האָט זיך אָנגענומען ביים שפּיץ באָרד און אויסגערופן צו פּינקען פּייער־לעד:

— און איך זאָג דיר, פּינקע, אַז דיַין כּלה איז אַ ריינע ערלעכע ייִדישע טאָכטער. דער מוציא שם רע איז אַ ליגנער און אַ מסור. זאָלסט גלייך אָפּשטעלן דעם זמן־חתונה...

פּינקע האָט געפאָלגט דעם רבין. ער האָט חתונה געהאַט מיט רבקהלען און זיך באַזעצט אין יאַנעווע. ער האָט אָוועקגעלייגט דאָס שמייַסעריַי און איז געוואָרן אַ שניידער־געהילף.

נאָך דער חתונה האָט רבקהלע דערפילט איר גרויסע צרה. זי האָט ערשט דערזען אַז איר מאַן איז אַ גס־רוח, אַ גראָבער פליגל. כאָטש אַ פרומער און אַ גאָטספאָרכטיקער, פאַרמאָגט ער נישט קיין שום מאַנירן, ממש ווי אַ ריכטיקער פויער, און עס איז איר שווער צו לעבן מיט אים. זי איז געפאָרן צום מעזריטשער מגיד און אויסגעוויינט דאָס האַרץ, אַז זי קען נישט מער אויסהאַלטן. זי וויל זיך גטן פון מאַן, דער מגיד האָט אָפּ־געוואָרפן איר פאָדערונג מכּל וכּל:

— עס איז אַ זיווג מן השמים. חלילה זיך גטן! פון דעם „בער" וועט אַרויסקומען אַ „לייב"... וועסט זוכה זיין צו האָבן אַ קינד וואָס וועט פאַר־לייכטן די וועלט מיט זיין תורה און חכמה.

רבקהלע איז אַהיימגעפאָרן אַ באַרויִקטע. זי האָט זיך געריַיניקט און געהייליקט און פאַרגאַנגען אין טראָגן. האַרט פאַרן געבורט איז רבקהלע נאָך אַ מאָל געפאָרן בעטן אַ ברכה. האָט זיך דער מגיד פאַר איר אויפגע־שטעלט. איז דאָרט געזעסן דער מעזשיבושער רב און געפרעגט דעם מגיד: „סטייטש! ווער שטעלט זיך עס אויף פאַר אַ ייִדענע?" האָט דער מגיד אים אויפגעקלערט:

— נישט פאַר דער ייִדענע האָב איך זיך אויפגעשטעלט, נאָר פאַר דעם קינד וואָס זי טראָגט אין אירע געדערעם. בשעת אָדם הראשון האָט געזינדיקט און געגעסן פון עץ־הדעת, האָבן מיט אים מיטגעגעסן אַלע נשמות פון היכל. דאָך זענען געווען עטלעכע הייליקע נשמות וואָס האָבן ניט געוואָלט הנאה האָבן פון זינדיקן פּרוכט. צווישן די דאָזיקע נשמות איז אויך געווען די הייליקע נשמה פון איר צוקונפטיק קינד...

רבקהלע איז געלעגן געוואָרן אין דער וואָך ווען עס איז אויסגעפאַלן דער יאָריאַריד אין יאַרמעלינעץ. אין יאַנעווע איז נישט געבליבן קיין מנין ייִדן צו מאַכן דעם ברית. פּינחס דער בעל־ברית האָט פון דעם גרויס צער געהאַט. האָט אים די יולדת צוגערעדט ער זאָל אַרויסגיין אויפן טראַקט, אפשר וועט ער געפינען עטלעכע אַדורכפאָרנדיקע ייִדן, כּדי משלים זיין דעם מנין. גראָד איז דורכגעפאָרן אַ בויד מיט ייִדן וואָס זענען צוריקגע־פאָרן פון אַ חתונה. געווען צווישן זיי אַ רב, אַ חזן, צוויי כּלי־זמר מיט זיסוואַרג און משקה לרוב. עס איז געווען אַ ברית ווי ביים קיסר. דער רב איז געווען סנדק, דער חזן האָט געזונגען „אשר קידש ידיד מבטן" און די כּלי־זמרים האָבן געשפּילט מאַרשלעך. מען האָט זיך אונטערגע־לעגט דאָס האַרץ מיט גוטן פלאָדל און שאַרפן שליוואָוויץ. דעם רך־הנימול האָט מען אַ נאָמען געגעבן: אורי.

אַז רבקהלע איז אין אַ צייט אַרום געקומען קיין מעזריטש מזכּיר זיין איר בן־יחיד און דערציילט דעם מגיד וועגן די פיינע געסט ביים ברית, האָט דער מגיד צוגעשמייכלט:

— אָוודאי, וואָס דען? דער סנדק איז געווען אברהם אָבינו, דער חזן — דוד המלך, און די כּלי־זמר — לוי בן יעקב און קהת בן יצהר...

און פון רך־הנולד איז שפּעטער אויסגעוואַקסן דער גרויסער צדיק הדור און פועל ישועות, דער הייליקער "שׂרף" רבי אורי סטרעליסקער...

אַ שותּף

דער בעסטער שותּף אין אַן עסק איז — דאָס אייגענע ווייב. טאָמער נעמט מען צו אַ שותּף אַ פרעמדן מענטש, הייבט זיך באַלד אָן קינאה, שׂינאה און פאַרדאַכט, און מען פרעסט זיך אויף לעבעדיקערהייט. ממה־נפשך: גייען די געשעפטן נישט גוט, איז דאָך אַוודאי שולדיק דער שותּף, נאָר ווער דען? אַזאַ טויגעניכטס, אַ שלימזל, אַלץ גייט אים מיט דער פוטער אַראָפּ... אַז די געשעפטן גייען יאָ גוט, וואַרפט מען זיך איינער דעם אַנדערן שׂינאה־בליקן און דאָס האַרץ פּלאַצט פון קינאה: האָט אָט דער שותּף געקויפט אַ נייעם טוכענעם איבערציִער, — אַנדערש פּאַסט אים נישט; אָט האָט זיין ווייב געטוישט דעם איינשיט אין בעטגעוואַנט; די קינדער גייען אָנגעטאָן אין בגדי־מלכות; און פאַר דער טאָכטער האָט מען באַשטעלט אַ ברילִיאַנטענע קאַליע. פון וואַנען נעמט ער דאָס? אַוודאי לקחנט ער עס אַרויס פון הינטער דעם טאָמבאַנק... דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן ביי אַ יִידישן שותּף. טאָמער וויל מען נעמען אַ גוייִשן שותּף, זאָגט רש״י אַז מען טאָר בכלל נישט האָבן אַ גוי פאַר אַ שותּף, ווייל טאָמער קומט פאַר אַ סיכסוך און דער גוי וועט דאַרפן שווערן ביי זיין „יויזל״? און די תּורה פאַרבאָט אונדז: „ושם אלוהים אחרים לא תזכּירו״. נאָר „תּוספות״ קריגט אויף רש״י און איז מתּיר היינטיקע יאָרן צו האַלטן אַ גוייִשן שותּף, ווייל זיי שווערן זיך אויף דער „ביבל״ און מיינען אויך דעם גאָט וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד...

צוליב די אַלע אויסגערעכנטע סיבות האָט בערטשע דער ווײַנשענקער פון מאַדלעבאָזשיץ, אַ ייִד אַ תּמים און אַ בטלן, נישט געוואָלט צונעמען אַ

שותּף צום עסק, כאָטש נאָך דער שׂרפה האָט ער זיך פאַרענגט און נישט געהאַט מער קיין געלט איינצוקויפן סחורה. געווען אַ סך בעלנים צו ווערן מיט אים שותּפים, סיי ייִדן און סיי גויִם, ווייל די שענק איז געשטאַנען אויף אַ גוטן פּונקט, אויפן סאַמאָראַדנעם לובלינער טראַקט, און קונים זענען געווען לרוב. אָבער בערטשע האָט זיך איינגעעקשנט, נישט גע־וואָלט הערן פון קיין שותּף. דאָס ווייב האָט צו אים געטענהט: „סיי ווי, בערטשע, שטייסטו דאָך נישט אַליין אין געשעפט. אַ האַלבן טאָג דאַוונסטו אין שול, קוקסט אין אַ ספר, רעדסט מיט מענטשן, טאָ וואָס אַרט דיך, אַז עס וועט זיין אַ שותּף". אָבער בערטשע ביי דאָס זייניקע: ער וועט נישט מסכּים זיין צו קיין שום שותּף.

דערווייל האָט זיך דער מצב פאַרערגערט. עס האָט שוין געהאַלטן ביים לעצטן פּעסל בראָנפן. ווייב און קינדער האָבן געמוטשעט: וואָס וועט זיין מיט פּרנסה? די משפּחה האָט געבורטשעט. אַפילו דער רבֿ האָט זיך אויך אַריינגעמישט אין עסק. שוין קיין ברירה נישט געהאַט, האָט בערטשע מסכּים געווען צו נעמען אַ שותּף, וואָס ער וועט אַליין אויסזוכן. ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל און פאַרשוווּנדן פון שטוב אַ האַלבן טאָג. ער איז צוריקגעקומען אַ פריילעכער, אַן אויפגעלייגטער: שוין, ער האָט שוין געפונען אַ גוטן שותּף. נאָר וואָס דען? ער איז אַ שטילער שותּף, קיינער זאָל נישט וויסן, ווער ער איז, אַפילו דאָס ווייב — אויך נישט. ער האָט זיך דערווייל געבאָרגט אַ ביסל געלט ביי שכנים און איינגעקויפט סחורה.

זינט בערטשע האָט צוגענומען דעם נייעם שותּף האָט ער זיך אין גאַנצן געענדערט, געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. אַ מאָל פלעגט ער דאַוונען באריכות, אָפּזיין אין שול אַ האַלבן טאָג, היינט האָט ער אָפּ־געדאַוונט שנעל מיטן ערשטן מנין פון די בעלי־מלאָכות, און מינחה־מעריב געדאַוונט אין שטוב. אַ מאָל פלעגט ער שטיין אין שענק איין שעה אין טאָג, היינט איז ער נישט אָפּגעטראָטן פון טאָמבאַנק פון אין דער פרי ביז ביי נאַכט. דאָס געלט פון לייזעכץ האָט קיינער אַחוץ אים נישט געטאָרט נעמען אין האַנט אַריין, און ער האָט עס באַלד צעטיילט אויף צוויי גלייכע חלקים. אַ מאָל פלעגט ער ליב האָבן צו שמועסן מיט מענטשן, הערן און דערציילן נייעס, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אויף דער וועלט, היינט איז ער געוואָרן

אַ שוויגער. טאָמער האָט ער אַ מינוט צייט, שעפּטשעט ער שטיל אַ פּרק תּהילים און שאָקלט זיך פרום. וואָס נאָך? אַפילו זיין אויסערלעכע צורה האָט זיך אויך געענדערט: די דאגה־קנייטשן ביי די אויגן־ווינקלעך האָבן זיך אויסגעגלייכט, אַ שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיינע ליפּן, און דאָס פּנים איז ביי אים ליכטיק געוואָרן, ווי די זון וואָלט געשיינט אויף אים. די געשעפטן זיינען אויך גוט אַוועק. קונים זיינען געשטאַנען אין דער ריי, און ער האָט געזשויבט געלט מיט דער פולער האַנט, ממש אַ ברכה פון גאָט.

מיט אַ מאָל איז מפורסם געוואָרן אין שטעטל, אַז בערטשע איז אַ גרויסער בעל־צדקה; ער שטיצט אלמנות און יתומים, ער העלפט תּלמידי־חכמים. עפּעס גאָר אַ וואַזשנער ייִד! מענטשן האָבן זיך געשושקעט אין אויער, אַז זיינס אַ ברכה פועלט אין הימל. געווען אַ שכנטע אַ שווערע יולדת, האָט מען געשיקט רופן בערטשען און די ישועה איז גלייך געקו־מען; אַ קינד איז קראַנק געוואָרן, האָט ער געגעבן אַ ברכה און ער איז באַלד געזונט געוואָרן; אַן אַלט פאַרזעסן מיידל האָט ער צוגעווונטשן אַ חתן, איז באַלד געקומען אַ באַשערטער, אַ ייִד אַ נגיד פון יאַזלאָוויץ, און איר צוגעדעקט דעם קאָפּ. אַ חבר האָט אַ חבר. איינער האָט דערציילט דעם אַנדערן. דאָס גאַנצע שטעטל האָט שוין געוווּסט, אַז ווו נאָר אַ צרה, לויפט מען צו בערטשען, און מען ווערט געהאָלפן. אַזוי ווי מען וואַרפט אַ שטיין אין וואַסער, קיילעכן זיך אַרום דעם וואַסער רייפן, אַזוי האָט זיך די נייעס פון בעל־מופת פאַרשפּרייט אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך. ייִדן פון טאָמאַ־שאָוו, זאַקליקאָוו און טישעוויץ האָבן זיך געלאָזט אויף בוידן און וועגעלעך, און אַרום בערטשעס שענק האָבן זיך גענומען ראַיען מענטשן, פערד און וועגענער; קאַליקעס, וואַסערקעפּ, הויקערס און הינקענדיקע, באַזעסנע און באַדיבוקטע פון נאָענט און ווייט.

בערטשען אַליין איז דאָס נישט געווען צום האַרצן. אַ פּשוטער ייִד, אַ בטלן, האָט ער בעסער געוואָלט זאָגן אַ שטיקל תּהילים און עוסק זיין אין מיסחר, אָבער מענטשן זענען אים געשטאַנען אויפן קאָפּ, האָט ער עטלעכע שעה, מיטאָגצייט און ביי נאַכט פאַרמאַכט די שענק און געגעבן ברכות ייִדן.

די ידיעה פון מאָדלעבאָזשיצער בעל־מופת איז אָנגעקומען צום אַפּטער רבין, דעם „אוהב־ישׂראל", מחמת דעם, וואָס בערטשע איז נישט מפורסם געווען פאַר אַ למדן, אָדער אַ מקובל, קיינער האָט נישט געהערט פון אים — האָט דער אַפּטער רב מורא געהאַט, טאָמער נעמט ער עס, חלילה, פון דער סטרא־אחרא, דעריבער האָט ער באַשלאָסן אַליין אַראָפּצופאָרן קיין מאָדלעבאָזשיץ און אַ קוק געבן מיט וואָס עס שמעקט.

אָנגעקומען אין שטעטל, האָט זיך דער אַפּטער רב אָנגעדונגען ביי בערטשען אין סטאַנציע. ער האָט זיך אָנגעטאָן ווי אַ סוחר, האָט שוין ממילא קיינער נישט געוווסט, ווער און פון וואַנען ער איז. ער האָט גענומען נאָכקוקן בערטשעס התנהגות. וואָס האָט ער געזען? ער הייבט זיך אויף פרי מיטן שפּראַץ, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער, זאָגט „מודה אני", גייט דאַווענען, קומט פון שול, בייסט עפּעס איבער און גייט אין שענק, פאַר־קויפט משקה מיט פאַרבייסעכץ און זאָגט אַ מאָל אַ קאַפּיטל תהילים. קיין זוהר האַלט ער נישט אין האַנט, פון אַ „פּרדס רימונים" האָט ער קיין מאָל נישט געהערט, און אַן „עץ־החיים" האָט ער נאָך פאַר די אויגן נישט געזען. אַ פּראָסט־פּשוט יידל פון אַ גאַנץ יאָר... האָט דער אַפּטער געטראַכט: אפשר ביי נאַכט ריכט ער אָפּ חצות און האָט גילוי אליהו. איז דער אַפּטער אויף געווען אַ גאַנצע נאַכט, נאָכגעפּאַרשט: גאָרנישט מיט גאָרנישט! ער שלאָפט און כראָפּעט אָפּ אַ גאַנצע נאַכט. אויב אַזוי — טאָ ווי קומט עס צו אַזאַ ייִד אַ הימלישער כוח פון „רצון יראיו יעשׂה".

האָט דער אַפּטער רב אַריינגערופן בערטשען צו זיך אין חדר און האָט אים אַזוי געזאָגט:

— זיי וויסן, בערטשע, אַז איך בין דער אַפּטער רב. און איך בין אויף דיר גוזר ב„עירין־קדישין" דו זאָלסט מיר זאָגן פון וואַנען האָט זיך גע־נומען צו דיר אַ כוח צו העלפן ייִדן?..

בערטשע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און דערציילט דעם אַפּטער רב די גאַנצע מעשׂה:

— אַז מיינע בני־בית זענען צוגעשטאַנען צו מיר איך זאָל צונעמען אַ שותף, בין איך אַוועק אין וואַלד און אויסגעשמועסט זיך מיטן רבונו־של־עולם: „הייליקער באַשעפער! איך האָב מורא צו נעמען אַ שותף, כּדי

איך זאָל נישט ניכשל ווערן און נישט מכשיל זיין יענעם אין גניבה וגזילה ביודעין ובלא יודעין. דעריבער בעט איך דיך, גאָט אין הימל, זיי דו מיין שותף: וואָס עס וועט זיין ריווח פון מיסחר, וועלן מיר זיך טיילן בשותפות, אַ חלק בחלק: אַ קאָפּיקע מיר — אַ קאָפּיקע דיר, אַ רובל מיר — אַ רובל דיר". איך האָב גלייך דערפילט, אַז מען איז מסכים אין הימל צום שותפות, פון דעמאָלט אָן לייג איך תמיד אַוועק דעם חלק פון מיין שותף אין אַ באַזונדערער פושקע. און ווייל איך ווייס, אַז מיין שותף איז אַן אוהב יתומים וחונן אלמנות, גיב איך אַוועק זיין חלק אויף צדקה. און אַז אַ ייִד קומט צו מיר בעטן אַ ברכה — גיב איך אים.

דעם אַפּטער רבינס פּנים האָט אויפגעשטראַלט פון שימחה. ער האָט צו זיך אַליין גערעדט:

— יאָ, יאָ! איצט ווייס איך שוין דעם סוד. דער שולחן־ערוך פּסקנט: „שותף מה שעשה — עשה". צוויי שותפים, וואָס איינער טוט, איז ער מחייב דעם אַנדערן. ממילא, אַז ר' בערטשע גיט אַ ברכה אַ ייִדן — מוז זיין שותף אויך מסכים זיין... און דאָ שטעקט טאַקע זיין גדלות, דער כּוח פון אַ גוטן, טייערן און באַרעמהאַרציקן שותף...

אַ טויטע כּלה

אַ שדכן קען צונויפֿפּאָרן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט און קען מאַכן פֿון אַ פֿליי — אַ העלפֿאַנד. נישטאָ נאָך אַזאַ מייסטער פֿון גוזמאות ווי אַ שדכן. און אַז מען דאַרף, שרעקט ער זיך נישט פֿאַר אַ ליגן אויך, ווי עס מאַכן די ראשי־תּיבֿות פֿון „שדכן": שקר דובר כסף נוטל...

איז אַ מאָל געקומען אַ שדכן צו ר׳ איטשעלע פּאַריסאָווער, אַ ייִד אַ חסיד, פֿון די טישזיצערס אין קאָזשעניץ, נאָר לאַ־עליכם, אַ גרויסער אָרע־מאַן, און האָט אים אָנגעשלאָגן אַ שידוך פֿאַר זיין זון זאַלקע, אַ פֿיין ייִנגל, אַ ווײַלער לערנער, וואָס האָט שוין געלערנט אַ שיעור ביים רבֿ. דער שדכן אַליין איז געווען אַ ליטוואַק, אַ בעל־צורה מיט אַ ברייטער באָרד, אַ האַרטן הוט מיט געבויגענע ראַנדן און אַ טכויר־פּוטער. ער האָט אָפּגע־רימט דעם מחותּן: רייך ווי בראָדסקע, אַ למדן ווי דער פּרעזשבורגער רבֿ, און אַ ייחוס וואָס ציט זיך ביז רבֿ האַי גאון, און די כּלה איז שיין ווי סרח בת אשר. נאָר וואָס דען? עס איז דאָ איין חסרון אין שידוך: ער איז פֿון דער ווייט, אַזש פֿון יאַגוסטאָוו. ר׳ איטשעלע האָט זיך אַ ביסל געקרימט. פֿאַרשטייסטו מיר: אַ שפּרונג פֿון פּאַריסאָוו ביז יאַגוסטאָוו! אָבער אַ שדכן אַ ליטוואַק דאַרף מען נישט האַקן דאָס צינגל. ער האָט אים אַ ראיה געבראַכט פֿון דער תּורה, אַז אליעזר עבד אברהם, דער ערשטער שדכן אין דער וועלט — האָט אויך געפֿונען אַ שידוך פֿאַר יצחק אָבינו אַזש פֿון ארם־נהרים. הייַנט פֿרעג איך דיך, מאַך נאָר אַ קל־וחומר: וואָס איז ווייטער פֿון פּאַריסאָוו, יאַגוסטאָוו אָדער ארם־נהרים?.. בקיצור, מען האָט אָפּגערעדט אַ זעקסין אויפֿן האַלבן וועג, אין שטעטל מישעניץ.

דער מחותן האָט טאַקע געמאַכט אַ רושם פון אַ גביר. ער האָט צוגעזאָגט צוויי יאָר קעסט און הונדערט רענדלעך נדן. דאָס מיידל איז טאַקע געווען אַ יפת־תואר. מען האָט געמאַכט אַ „וואָרט" און געבראָכן אַ טעלער. מען האָט אָפּגעלייגט דעם זמן־חתונה ווען דער חתן וועט אַלט ווערן אַכצן יאָר, ווי דער תּנא זאָגט: „בן שמונה עשׂרה לחופה".

מחמת דעם גרויסן מרחק פון פּאַריסאָוו ביז יאַגוסטאָוו, איז דער קאָנ־טאַקט צווישן די מחותּנים געווען אַ שוואַכער. עפּעס איז איין מאָל געקומען אַ וואָיאַזשאָר מיט אַ מתּנה פאַרן חתן. און טאַקע דער וואָיאַזשאָר האָט עס דערציילט ר׳ איטשעלען, אַז דער שדכן האָט איבערגעטריבן: דער מחותּן איז נישט קיין גביר, קוים אַ בעל־פּרנסה, און כּדי צו סילוקן דעם נדן וועט ער דאַרפן פאַרקויפן אַלע בעבעכעס; אַ למדן איז ער נישט קיין גרויסער, ער לערנט נאָר אַ בלאַט גמרא אין דער חברה ש״ס; די משפּחה איז אויך נישט איי, איי, עס איז דאָ אין זיין משפּחה איין געהאָנגענער און צוויי גאָלעבראָדניקעס. ר׳ איטשעלע האָט שוין חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער זאַך. דאָס ווייב האָט אים דעם טויט געמאַכט: ווער טוט דאָס אַזאַ פּלוטעוואַטן שידוך, איידער מען ווייסט עפּעס? איידער מען פרעגט זיך? איך וויל גאָר נישט אָוועקשיקן דאָס קינד אַזוי ווייט! זאַלקע איז דערווייל געוואַקסן אַ בחור, אַ הדר, ווי אַ שיינער אתרוג. שדכנים האָבן אָפּגעהאַקט די טירן. ר׳ איטשעלע האָט אָפּגעשיקט, מיט אַ געלעגנהייט, אַ שאַרפן בריוו צום יאַגוסטאָווער מחותּן, ער זאָל גלייך קומען און משלים זיין דעם גאַנצן נדן, אַז נישט — וועט ער מבטל מאַכן דאָס „וואָרט", און אויס שידוך. דער מחותּן האָט נישט געענטפערט. ווייזט אויס, אַז דער בריוו איז פאַרלוירן געגאַנגען אין וועג. איז געגאַנגען ר׳ איטשעלע און האָט אָן אַנדער שידוך געטאָן מיט זאַלקען, מיט אַ ייִד אַ נגיד פון יאַראָטשין.

ווי שטייט אין פּסוק? אַן עוף אין הימל פירט דעם קול. דער יאַגוס־טאָווער מחותּן האָט געהערט פון שלעכטן נייעס, האָט ער זיך מטריח געווען קיין פּאַריסאָוו און געפרעגט היתכן? האָט ר׳ איטשעלע אים באַליידיקט, געשריגן ווי אויף אַ גאַסניונג: ליגנער! אַ מקח־טעות! ענטפערט נישט אויף אַ בריוו! דער יאַגוסטאָווער מחותּן איז פון דער טבע געווען אַן איידעלער מענטש. ער איז אָוועקגעפאָרן אַ צעטומלטער, אַפילו נישט גע־

מאַנט דעם „חצי נדן קנס״. ער האָט נאָר געקרעכצט אויפֿן צער פֿון זיין שׂרהלען, די פֿאַרשעמטע כּלה, וואָס וועט זיך דאַרפֿן באַגראָבן אין דר׳ערד פֿאַר חרפּה.

נאָך דער חתונה האָט זיך זאַלקען שוין נישט געגלוסט מער צו לערנען. ער איז געוואָרן אַ תּבֿואה־סוחר און פֿאַרדינט פּרנסה בריווח. ער האָט געפֿירט אַ שיינע ייִדישע שטוב און איז געפֿאָרן אויף יעדן יום־טובֿ, ווי דער טאַטע זיינער — קיין קאָזשעניץ. אַריבער אַ יאָר צוויי, זאַלקע האָט שוין אומגעדולדיק געוואַרט, אַז דאָס ווייב זאָל אים איינרוימען דעם זיסן סוד, אַז ער ווערט אַ טאַטע, אָבער די גוטע בשׂורה איז נישט געקומען. נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, עס רירט זיך נישט פֿון אָרט. ער איז מיטן ווייב געפֿאָרן צו די בעסטע דאָקטוירים. אַלע האָבן פֿעסטגעשטעלט, אַז ער איז נישט קיין עקר, און זי איז נישט, חלילה, קיין עקרה, און דאָך, קומט גאָרנישט אַרויס פֿון דער גאַנצער טירחה. און נאָך אַ מאָדנע מעשׂה: אַ סך מאָל האָט ער זיך מזכּיר געווען פֿאַרן קאָזשעניצער מגיד, און קיין איין מאָל האָט אים דער רבי נישט געענטפֿערט קלאָרע דיבורים. אדרבא, ער האָט אים תּמיד אָנגעקוקט מיט רחמנות־אויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט באַדויערן, ווי איינער זאָגט: אַ גזירה פֿון הימל און מען קען דעם גזר־דין נישט ענדערן.

אַריבער צען יאָר נאָך דער חתונה, איז זאַלקעס ווייב געקומען צו אים מיט תּביעה, אַז ער זאָל פֿאָרן צום רבין און נישט אָפּטרעטן ביז ער וועט אים צוווינטשן אַ בן־זכר. זאַלקע האָט צו דעם נישט קיין חשק געהאַט. עס איז נישט די טבֿע פֿון אַ חסיד צו פֿאַרלאַנגען פֿון רבין מיט כּוח. האָט ער זי געפּרוּווט אָפּוועגדן: „וואָס וועט זיין, אַז דער רבי וועט הייסן זיך גטן, אַזוי ווי דער דין איז, אַז מען לעבט צען יאָר אָן קינדער? זיין פֿרוי האָט אַ ציטער געטאָן פֿון בלויזן געדאַנק, אַז זי וועט, חלילה, זיך דאַרפֿן שיידן פֿון איר ליבן מאַן. אָבער אַ פֿרוי פֿאַרמאָגט אַן אַנטוויקלטע איג־טויציע. זי איז עפּעס זיכער געווען, אַז דאָס מאָל וועט קומען די ישועה, האָט זי דעם מאַן געענטפֿערט: „זאָל זיין וואָס עס וויל זיך, סיי ווי איז אַ לעבן אָן אַ קינד — קיין לעבן נישט״...

זאַלקע איז געפֿאָרן קיין קאָזשעניץ. ער האָט דערלאַנגט דעם רבין

דאָס „קוויטל". דער רבי האָט געגעבן די תשובה, ווי תּמיד, מיט אַ האַלבן לשון. אָבער זאַלקע האָט זיך צעווײנט ווי אַ קינד: „איך וועל נישט אָוועקפאָרן, רבי, ביז איך וועל נישט הערן קלאָרע דיבורים!" דעם רבינס פּנים האָט זיך געקנייטשט ווי טײַכוועלן אין אַ ווינט, פון זײַנע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ וועלט מיט צער. ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ געבראָכן קול:

— איך בין שוין אַלט און שוואַך. די אויגן דינען שוין נישט, און דער קראַנקער פוס מאַכט מיר יסורים. נעם און פאָר אַראָפּ צו מײַן ידיד ר' יעקב יצחק אין לובלין. ער האָט גוטע אויגן. אפשר וועט ער דיר העלפן...

זאַלקע איז צוגעפאָרן צום „חוזה" אין לובלין. אויך ער האָט טיף אָפּגעקרעכצט, ווען זאַלקע האָט זיך מזכיר געווען און דערציילט, אַז דער קאָזשעניצער מגיד האָט אים אַהערגעשיקט. אַ לאַנגע ווײַלע איז דער „חוזה" געזעסן אַ פאַרשטאַרטער מיט פאַרגלעזלטע אויגן. ער האָט אַ צאַפּל געטאָן, ווי איינער וועקט זיך אויף פון שלאָף:

— מסתּמא, זאַלקע, האָסטו אַ מאָל אָפּגעלאָזט אַ שידוך און פאַרשעמט אַ ייִדישע טאָכטער. פאַר דײַן גרויסער זינד ביסטו ווערט דעם עונש. האָסט נאָר איין עצה: פאָר צו קיין באַלטע אויפן יאַריד, וועסט אפשר טרעפן דײַן געוועזענע כּלה. בעט בײַ איר סליחה ומחילה. אַז זי וועט דיר מוחל זײַן, וועט אויך גאָט רחמנות האָבן...

אַהיימגעקומען, האָט זאַלקע זיך פאַרשאַפט אַ ביסל מזומן געלט. אפשר וועט זײַן אַמאָליקע כּלה פאַרלאַנגען אַ געלט־קאָמפּענסאַציע. ער איז געפאָרן קיין באַלטע און געגומען זי זוכן. נו, גיי זוך אַ נאָדל אין סטאָג היי. ער איז געקראָכן איבער אַלע סטראַגאַנעס, אַרײַנגעקוקט אין יעדער קראָם, געווען אין אַלע גאָרקיכן. ער איז גאָרנישט זיכער געווען, אַז ער וועט זי דערקענען. שוין אַ שיינע פּאָר יאָר פון דער מעשׂה, און בסך־הכּל האָט ער זי געזען נאָר איין מאָל בײַ די תּנאָים. אָבער ער איז נישט אַרײַנגעפאַלן אין יאוש. דער רבי האָט דאָך געהייסן! טאָג־איין, טאָג־אויס איז ער געגאַנגען איבער די גאַסן, געזוכט און געגישטערט און נישט געפונען.

עס איז שוין געווען דער לעצטער טאָג פון יאַריד. אַ רעגן האָט געגאָסן פון הימל, ווי מיט צעבערס. בליצן האָבן זיך געשניטן אין די פינצטע־

רע וואָלקנס, ווי פייערדיקע שלאַנגען. זאַלקע איז אַריין אין אַ פּאָדערהויז פון אַ קראָם זיך שיצן פון זלידנעם רעגן. פּלוצלונג האָט ער דערזען ווי עס שטייט נעבן אים אַ פרוי, רייך און עלעגאַנט געקליידעט, באַהאָנגען מיט צירונג פון גאָלד און בריליאַנטן. זי האָט אים טיף און אויפמערקזאַם אָנגעקוקט, און אַ פרעג געטאָן:

— זייט איר נישט ר׳ זאַלקע, געוווינט אַ מאָל אין פּאַריסאָוו? איך בין אַ מאָל געווען שׂרה פון יאַגוסטאָוו, אייער כּלה!..

זאַלקע איז אויפגעשפּרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער. ער האָט זיך געריבן די אויגן: יאָ, טאַקע, דאָס איז זי דאָך, שׂרהלע, זיין אַמאָליקע כּלה. דאָס האַרץ האָט אים געוויטיקט און געפּרייט צוזאַמען. ענדלעך האָט ער זי געפונען! מיט אַ ציטערדיק קול האָט ער זי באַגריסט און געבעטן פאַר־ציייונג: „האָב רחמנות, שׂרה! זיי מיר מוחל! נישט איך בין שולדיק. מיין טאַטע האָט עס מבטל געמאַכט די תּנאים. איך בין גרייט אָוועקצוגעבן מיין גאַנץ האָב־און־גוטס, אַבי זאָלסט מיר מוחל זיין מיין גרויסע זינד...

די אַמאָליקע כּלה האָט זיך צעלאַכט מיט אַ גלעקל־קול: „איך בין זייער רייך, איך דאַרף נישט דיין געלט. מיר פעלט גאָרנישט! נאָר אויב דו ווילסט מיר טאָן אַ געפעליקייט, פאָר אַראָפּ קיין יאַגוסטאָוו, דאָרט זיצט מיין ברודער מאיר, גיב אים צוויי הונדערט רענדלעך אויף חתונה־הוצאות פאַר זיין טאָכטער. איך בין דיר מוחל...

דער רעגן האָט אויפגעהערט. אַ זונאָפּשיין האָט זיך דורכגעריסן דורך די וואָלקנס. אַ פילפאַרביקער רעגן־בויגן האָט זיך האַלב רונדיק אויסגע־שפּרייט אויפן הימל. זאַלקע האָט זיך אָנגעריבן די הענט אין אַ שויבן־פענצטער, פאַרמאַכט די אויגן און געמאַכט די ברכה „זוכר הברית". ער האָט זיך אומגעקוקט. די פרוי איז שוין נישט מער געווען. ער איז אַרויס אין גאַס זי זוכן, געקוקט אַהין, געקוקט אַהער, פאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער.

אַהיימגעקומען, האָט זאַלקע פאַרקויפט אַ טייל פון פאַרמעגן, כּדי צוזאַ־מענשלאָגן די צוויי הונדערט רענדלעך פאַרן דערמאָנטן מאיר פון יאַגוס־טאָוו, זיין אַמאָליקער כּלהס ברודער. ער האָט זיך פאַרזוימט אין שטוב אַ צוויי מאָנאַטן. דערווייל האָט אים דאָס ווייב אָנגעזאָגט די גוטע בשׂורה, אַז זי טראָגט שוין אונטערן האַרצן זיינס אַ קינד. מיט אַ פריילעך האַרץ האָט

זאַלקע גענומען דאָס געלט און געפאָרן קיין יאַגוסטאָוו. ער האָט זיך נאָכ־געפרעגט ווו מאיר וווינט און געגעבן אים דאָס געלט. ער האָט צוגע־לייגט, אַז ער איז דאָס שולדיק געווען אַ חוב זיין זעליקן פאָטער. מאיר האָט זיך דערפרייט מיט דער אומגעריכטער מתנה, אָבער ער האָט אים גענומען פאָרשן, פון וואַנעט דער חוב נעמט זיך, בפרט אַז זיין פאָטער לעבט שוין נישט צען יאָר. זאַלקע האָט שוין נישט געקענט מער פאַרלייקענען. האָט ער אים דערציילט דעם אמת, אַז ער איז אַ מאָל געווען דער חתן פון זיין שוועסטער שׂרה און אָפּגעלאָזט דעם שידוך. ווייל ער האָט נישט קיין קינדער מיט זיין ווייב, האָט אים דער רבי געשיקט קיין באַלטע, און דאָרט האָט ער געטראָפן זיין אַמאָליקע כּלה שׂרה, און זי האָט עס אים געהייסן געבן איר ברודער די 200 רענדלעך...

אַזוי ווי זאַלקע האָט דערמאָנט דעם נאָמען שׂרה, איז מאיר טויט בלאָס געוואָרן. די אויגן האָבן זיך אים אַרויסגעזעצט פון די לעכער, ווי ביי אַ ניכפּע־אָנפאַל. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים טישראַנד, ער זאָל נישט אומ־פאַלן. פון צווישן די פאַרהאַקטע ציין האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— שׂרה? מיין שוועסטער שׂרה איז דאָך שוין געשטאָרבן נאָך מיט צוועלף יאָר צוריק...

אַ פּראַקטיקער שוידער איז זאַלקען דורכגעלאָפן דורכן קערפּער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז בשעת ער האָט מיט איר גערעדט אין באַלטע, האָט אַ מין רויכל, ווי אַ וואָלקן, אַרומגעשוועבט אויף איר פּנים, און ווי אַזוי איז זי טאַקע פאַרשוווּנדן אין מיטן רעדן?.. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דער הייליקער רבי האָט מטריח געווען אַ שוכן־עפר, כּדי צו ראַטעווען און העלפן אַ ייִד אין זיין נויט...

אַ וואַזשנע יידענע

אין רימאַנאָווער בית־המדרש האָבן זיך די יושבים געשטעלט דאַווענען מיטן רבינס מנין. עס איז געווען כמורנע אין דרויסן און רעגנדיק. אויף די פענצטער איז געהאָנגען אַ גרויסער וויינענדיקער הימל. כאָטש אָנפאַנג פרימאָרגן — האָט עס אויסגעזען ווי פאַר נאַכט. די וואַקסענע ליכטלעך ביים עמוד האָבן דערמאָנט מזכיר־נשמות. דער רבי איז אויך נישט געווען פריילעך ווי תמיד. ער איז באַלד אַריינגעקומען אין בית־המדרש מיט אַ פאַרצאָרנט פנים. ער האָט קיינעם קיין גוט־מאָרגן נישט געזאָגט. ער האָט זיך איינגעוויקלט אין טערקישן טלית און האָט נישט אויסגעדרייט דאָס פנים צום קהל אין משך פון גאַנצן דאַווענען. ביים סוף פון דאַווענען איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש אַ הויכע געשטאַלטנע ייִדענע, שיין און רייך אָנגעטאָן. פון שטערנטיכל האָבן אַראָפּגעפינקלט דימענטן, די זײַדענע שובע געפוצט מיט סאַמעט און אַטלאַס, באַהאָנגען מיט בראַסלעטן און ציטער־שפּילקעס. זי האָט געטראָגן איןביידע הענט צוויי קוישן מיט לעקעך און בראָנפן. זי האָט אויסגערופן צו די חסידים מיט אַ הויך, פייערלעך קול:

— ייִדן! איך האָב היינט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, אַן איינציק קינד. זעצט אייך צום טיש און טרינקט „לחיים" מיט פאַרבייסעכץ!

עס איז אַריינגעטראָטן אַן אויפלעבונג אין בית־המדרש. חסידים־יושבים האָבן זיך געריבן די הענט מיט הנאה. אַ גלעזל בראָנפן אין אַזאַ קאַלטן וועטער איז נישט קיין דבר של מה בכך! און דאָ שניידט די ייִדענע גרויסע שטיקער לעקעך, עס וועט שוין קלעקן אָנשטאָט אָנבייסן. דער עולם האָט זיך געזעצט צום טיש. ר' הירש משרת, דעם רבינס גבאי, האָט אָנגע־

גאָסן גלעזלעך משקה. ער איז שטענדיק געווען אַ באַרעדעוודיקער, היינט האָט ער געשוויגן. איינער פון די חסידים, דער געלער מעכל, האָט דער־קענט די ייִדענע. ער האָט זיך אָפּגערופן צום עולם:

— זי איז דאָך דאָס ווייב פון אונדזער חיים הורוויץ, דער טשאַקאָווער פריץ. ער האָט דאָך טאַקע אַ טאָכטער אַ כלה־מיידל, וואָס דער רבי האָט אים אַ מאָל צוגעזאָגט. איך בין געווען אַ מאָל ביי אים אַ שרייבער אין וואַלד.

—מזל־טוב, מחותנתטע! ווער איז דאָס דער חתן?

די ייִדענע, מיט אַ צעפלאַמט פּנים און פאַרשוומענע אויגן, האָט גע־ענטפערט אַ מאָדנע תשובה:

דער חתן איז איינער אין דער וועלט, דער מחותן איז דער רײַכסטער אין דער גאַנצער וועלט. און די כלה האָט ער גענומען אָן שום נדן, נאָר מיט איין ווײַס קלייד אויפן לײַב...

קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס די מחותנתטע זאָגט. ר׳ הירש משרת האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און נערוועז געצופּט די באָרד. דער רבי איז נאָך געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אין דער וואַנט. די ייִדענע האָט אַלץ איבערגעלאָזט און איז אַרויסגעגאַנגען פון בית־המדרש. דער רבי איז אויך באַלד אַרויסגעגאַנגען, פאַרהילט אינעם טלית איבערן קאָפּ. נישט געקוקט און נישט גערעדט צו קיינעם. חסידים האָבן געפילט, אַז עפּעס איז דאָ נישט קיין געוויינלעכע זאַך.

עס זענען נאָך געבליבן אויפן טיש אַ פּאָר בוטלעס מיט בראָנפן. מען האָט גענומען נאָך צו ביסלעך, און דער געלער מעכל האָט דערציילט דעם עולם, ווי אַזוי דער טשאַקאָווער פריץ האָט זוכה געווען צו האָבן זיין טאָכטער, די היינטיקע כלה:

— די מעשׂה איז געווען מיט אַ יאָר 15 צוריק. ר׳ חיים הורוויץ, דער טשאַקאָווער פריץ, איז שוין געווען דרייסיק יאָר נאָך דער חתונה און ער האָט, לא־עליכם, נישט געהאַט קיין קינדער. ער פלעגט אָפט קומען צום רבין קיין רימאַנאָוו, זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט פאַרן הויף און פאַר די יושבים, און פלעגט מיטגיין מיטן רבין, אַז ער האָט געדאַרפט מאַכן אַן אינטערווענץ ביי מלכות. איין מאָל, אַ פאַר־פּסח, נאָך אַ שווערן ווינטער,

איז געווען אַ גרויס געוויטער אין דער רימאַנאָווער געגנט. די טייכן זענען אַריבער די קאַריטעס און פאַרפלייצט אַלע וועגן און שטעגן. אין יוצא ואין בא. ביים רבין אין שטוב איז חוץ אַ ביסל מצות נישט געווען קיין זאַך אויף פסח. דעמאָלט איז חיים הורוויץ אָנגעקומען קיין רימאַנאָוו מיט אַ וואָגן געשפּאַנט צו פיר לייבן־פערד. ער איז געקומען צו פאָרן דורך די בערג און געבראַכט פון כּל־טוב און כּל־טוב: קאַרטאָפל, מערן, בוראַקעס, אייער, אינדיקעס, עופות און וויין. די רביצין האָט געטאַנצט פון שׂימחה און דער רבי האָט געהאַט גרויס נחת־רוח. ביים געזעגענען זיך האָט אים דער רבי צוגעזאָגט, אַז ער וועט געהאָלפן ווערן מיט פרי־בטן, און פונקט צום יאָר האָט זיין וויב געבוירן אַ טאָכטער. דאָס איז, מן־הסתם, די היינ־טיקע כּלה, וואָס מיר טרינקען לחיים לכבוד איר חתונה...

ייִדן זענען אָנגעקומען אין בית־המדרש דאַווענען צום צווייטן מנין, טייל מיט פאַרוויינטע אויגן און פאַרבראָכענע הענט. זיי האָבן דערציילט די יושבים פון גרויסן טראַגישן אומגליק, וואָס איז געשען די לעצטע נאַכט אין שטאָט, און אַזוי איז געשען די מעשׂה:

חיים הורוויץ, דער טשאַקאָווער פריץ, האָט משדך געווען זיין 14־יאָריקע בת־יחידה מיט אַ בחור, אַן עילוי, דעם נאָוואָפּאָלער רבס זון. פאַר גרויס שׂימחה, אַז ער האָט זוכה געווען צו אַזאַ גרויסאַרטיקן שידוך, און מחמת דעם וואָס זיין טאָכטער איז געבוירן געוואָרן אַ דאַנק דער ברכה פון רימאַנאָווער רבין — האָט ער מיטן וויב באַשלאָסן צו מאַכן די תּנאים מיט גרויס פּאַראַד אין רימאַנאָוו ביים רבין. דער מחותּן, דער נאָוואָפּאָלער רב, כאָטש אַ מתנגד, האָט אויך צו דעם מסכּים געווען, ווייל ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער איז אַחוץ אַ רבי געווען אַ גרויסער למדן אויך. מען האָט איינ־געשפּאַנט צוויי פּריצישע קאַטשן, אין איינער זענען אויפגעזעסן די מחות־נים מיטן חתן, און אין דער אַנדערער — די כּלה מיט די מחותּנתטעס. מען האָט מיטגענומען אַ סעודת־מלכים און מען איז געפאָרן קיין רימאַנאָוו. אין מיטן וועג האָט זיך געמאַכט אַ שווער געוויטער, אַ ווינט און אַ רעגן. די כּלה האָט געפילט קאַפּווייטיק. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קרעטש־מע. די יסורים פון דער כּלה האָבן זיך געשטאַרקט. עס האָט זיך פאַרשטייפט דער נאַקן און זי האָט פאַרלוירן דאָס לשון. וואָס קען מען טאָן אין אַזאַ

עק אָן אַ רופא ? האָבן די מחותּנים באַשלאָסן צו נעמען די קראַנקע כּלה און פֿאַרן קיין רימאַנאָוו, וועט מען זי קענען מזכּיר זיין פֿאַרן רבין, אָדער רופֿן אַ דאָקטאָר. אָבער קומענדיק נאָענט פֿון רימאַנאָוו איז די כּלה גע־שטאָרבן. דער פֿאַרשעמטער חתן האָט באַלד אַוועקגעחלשט און מען קען אים נישט דערמינטערן. דער טשאַקאָווער פּריץ זיצט אין דער אַכסניה ווי אַ געליימטער און קוקט מיט וואַנזיניקע אויגן, ווי אַ חסר־דעת. דער נאָוואָ־פֿאָלער רב איז איבער נאַכט גרוי געוואָרן ווי אַ טויב. די איינציקע, וואָס ענטפֿערט נאָך אַ וואָרט צו אַ מענטשן, איז די מחותּנתטע, דער כּלהס מאַמע.

אַזאַ גרויסע לוויה, ווי עס איז געווען די לוויה פֿון דער טשאַקאָווער כּלה, האָט נאָך רימאַנאָוו נישט געזען. יונג און אַלט, קינד און קייט, גויִים און יִידן זענען נאָכגעגאַנגען דעם אָרון מיט געבויגענע קעפּ. קיינער האָט נישט געוויינט. עס איז געווען אַ צו גרויסער אומגליק זיך צו טרייסטן מיט געוויין. נאָר פֿון שוואַרצן הימל האָבן אַראָפּגעקאַפּעט אַ פּאָר טרערן. דער רבי האָט נישט מספּיד געווען, נאָר געגעבן אַ קרעכץ, אַז אַלעמענס הערצער זענען צעשפּאָלטן געוואָרן אויף צווייען. דער נאָוואָפֿאָלער רב האָט מספּיד געווען מיט אַ יום־כּיפּורדיקן ניגון און געמאַכט אַ קל־וחומר צו דער מיתה פֿון „בני אהרן". דער חתן איז נישט נאָכגעגאַנגען דער לוויה, ער איז גע־לעגן און געפֿיבערט פֿון היץ און גערעדט פֿון וועג. דעם טשאַקאָווער מחותּן האָט מען געטראָגן אויף אַ טראַגבעטל.

נאָך דער לוויה איז די טשאַקאָווער מחותּנתטע צוגעגאַנגען צו ר' הירש משרת און פֿאַרלאַנגט פֿון אים, אַז דער רבי זאָל קומען אין אָוונט צו איר אויף דער סטאַנציע, זי וויל מאַכן אַ „חתונה־סעודה" פֿאַרן עולם. ר' הירש משרת איז דערציטערט געוואָרן. ער האָט זיך פֿאַרכליניעט, ווי מען באַ־גיסט איינעם מיט אַ קאַלט שעפּל וואַסער. אָבער אַז ער האָט עס דערציילט דעם רבין, האָט דער רבי געשאָקלט מיטן קאָפּ פֿאַר פֿאַרוווּנדערונג און ער האָט מסכּים געווען. ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז די שכנים זאָלן צוגרייטן געקאָכטע לינדזן און האַרטע אייער, ווי ביי אַ סעודה הבראה, וואָס מען מאַכט פֿאַר אבלים. דער נאָוואָפֿאָלער רב האָט גענומען דעם קראַנקן זון מיט זיין רביצין און זיי זענען אַוועקגעפֿאָרן. די שכנים האָבן גענומען גרייטן די סעודה.

ווער עס איז נישט געווען ביי דער דאָזיקער „חתונה־סעודה״, דער האָט נאָך נישט געזען, וואָס עס הייסט אמתער צער און געוויין, וואָס ווערט נישט אויסגעוויינט. עס האָט אויסגעזען ווי אַ ריכטיקע חתונה־סעודה מיט אַלע פּיטשעווקעס. עס האָט נאָר געפעלט מוזיק און חתן־כּלה. די טשאַקאָ־ווער „מחותּנתטע״ איז אַרומגעגאַנגען אין די זאָקן, אַ צעפּלאָמטע, און גע־מונטערט די געסט צו עסן און טרינקען. אַנשטאָט מזל־טוב האָט מען איר געווונטשן „ד׳ נתן וד׳ לקח״ און זי האָט געענטפערט: „יהי שם ד׳ מבורך״... קיין איינציקע טרער האָט נישט געטריפט פון אַן אויג. אַפילו קיין זיפץ האָט זיך נישט געהערט. דער רבי האָט געבענטשט און געזאָגט ברכת־אבלים און די טשאַקאָווער „מחותּנתטע״ האָט נאָכגעזאָגט אָמן.

ביים אַרויסגיין האָט דער רבי זיך אָפּגערופן צו די חסידים, אַז חיים טשאַקאָווערס זיווג איז אַ וואָזשנע יידענע... און מן הראוי, אַז הקדוש־ברוך־הוא זאָל זי פאַרגיטיקן און באַשענקען מיט אַ בן־זכר...

וכך־הווה. ביי חיים טשאַקאָווער איז צום יאָר געבוירן געוואָרן אַ יינגל. ר׳ הירש משרת איז אין רבינס נאָמען געפאָרן צום ברית. ר׳ חיים און זיין פרוי האָבן בשעתן מל זיין דאָס קינד אַ נדר געטאָן, אַז אם־ירצה־השם, זיי וועלן דערלעבן חתונה צו מאַכן דאָס קינד, וועט מען דעם חתונה־מאָלצייט מאַכן אין רימאַנאָוו...

אָפּגעלאָפן אַכצן יאָר פון דער מעשה. ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער האָט שוין נישט געלעבט. ר׳ הירש משרת איז געוואָרן רימאַנאָווער רבי אויף זיין אָרט. ר׳ חיים טשאַקאָווער איז שוין דעמאָלט געווען אַ בן־שבעים און זיין ווייב אַ פּאָר יאָר יינגער. אין איינעם אַ זומערטאָג האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט קיין רימאַנאָוו אַ גאַנצע מחנה מיט בוידן, וועגענער, קאָטשן און קאַרעטעס פול מיט געסט און מאכל ומשקה. חיים הורוויץ, דער טשאַקאָ־ווער פּריץ און זיין פרוי זענען געקומען חתונה מאַכן זייער בן־יחיד ביים רבין ר׳ הירש אין רימאַנאָוו.

פאַרשטייט זיך, אַז גאַנץ רימאַנאָוו זענען געוואָרן מחותּנים צו דער חתונה. עס זענען זיך אָנגעפאָרן חסידים פון גאַנץ גאַליציע און אָרעמע־לייט פון דער גאַנצער מדינה. ווער עס האָט נישט געזען די שׂימחה פון דער טשאַקאָווער חתונה, דער האָט נאָך קיין שׂימחה פאַר די אויגן נישט

געזען. די טישן האָבן זיך געבראָכן פון כּיבוד; ווייַן און מעד האָבן זיך געגאָסן ווי וואַסער. די גאַנצע שטאָט האָט געטאַנצט. און מיט אַלץ און אַלעמען האָט אָנגעפירט די טשאַקאָווער מחותּנתטע. בשעת דעם מיצווה־טענצל האָט דער רבי ר׳ הירש אַליין געטאַנצט מיט דער כּלה דורך זיין רויטן טאַשנטוך און ער האָט געזאָגט אַ ביסל בדחנות פאַרן עולם. צום דרשה־געשאַנק האָט ער געגעבן אַ קויש זילבער פאַרן חתן און אַ „צאינה וראינה" מיט גאָלד געליישטע טאָוולען פאַר דער כּלה. מען קען זיך גאָר נישט משער זיין, ווי גרויס עס איז געווען דעם רבינס שׂימחה. נאָך דער חתונה האָט זיך דער רבי ר׳ הירש אָפּגערופן צו די חסידים:

— געלויבט השם־יתברך, אַז מען האָט דערלעבט צו דער שׂימחה. דער רבי ר׳ מענדעלע, זכרונו־לברכה, איז טאַקע גערעכט געווען. ר׳ חיימס פלוניתטע איז טאַקע גאָר אַ וואַזשנע ייִדענע...

דאָס ערשטע ווייב

אַן אַרענדאַר האָט געוויינטלעך געהייסן אַ ייִד אַן עם־הארץ, וואָס קען קוים דאַווענען פון סידור און מעביר־סדרה זיין די פּרשה, און אַ מאָל דאָס אויך נישט. אַן אַרענדאַר וואָס זאָל אָפּלערנען אַ פּרק משניות איז געווען אַ יקר־המציאות; און וואָס זאָל קענען לערנען אַ בלאַט גמרא — דאָס איז נישט געווען בנימצא. פון דעסטוועגן איז אַ מאָל געזעסן אַן אַרענדאַר אין לוקעוו ביי טאַרניגראַד, וואָס האָט געקענט ש״ס און פּוסקים, ווי אַ ייִד קען ״אשרי״, און מען האָט אים געוואָלט אויפנעמען פאַר אַ רב אין אַמסטערדאַם, נאָר ער האָט נישט געוואָלט. ווייזט אויס, אַז די השגחה עליונה האָט אים באַ־זעצט אין אַ שטילן ווינקל פון מדינת־פּוילן, כּדי עס זאָל פון אים אַרויס־וואַקסן דער גדול בישׂראל, וואָס וועט שפּעטער אויפשטעלן דאָס חסידות אין גרויספּוילן, און זיין נאָמען וועט געטראָגן ווערן מיט רום און ליב ביזן היינטיקן טאָג.

ער אַליין, דער לוקעווער אַרענדאַר ר׳ יעקב קאָפּל, איז קיין חסיד נישט געווען. אדרבא, ער האָט אָנגעזאָגט זיין בכור ישׂראל, אַז ער זאָל חלילה נישט זאָגן ״ויצמח פורקניה״ אין קדיש נאָך זיין פּטירה. און אַ מאָל, ווען דער בעל־שם־טוב איז אַריין צו אים אין שטוב דורכן טיר, איז ער אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער. דערפאַר איז ער געווען אַ גרויסער מכניס־אורח, אַ בעל־צדקה און אַ גרויסער ירא־שמים און האָט זיך מוסר־נפש געווען, כּדי מקיים צו זיין כּהלכה יעדע מיצווה פון דער תורה. און אַזוי ווי ער איז אַליין געווען אַ רעכט פרומער ייִד, אַזוי האָט ער מקיים געווען דעם ״ושיננתם לבניך״: פאַר זיין זון ישׂראל האָט ער געדונגען

די בעסטע מלמדים און פאַר זיין טאָכטער שפּרינצע מאַטל האָט ער אויס־געזוכט אַן איידעם אַ צאַצקע פון גרויס יִחוס, דעם שעברעשינער עילוי ר׳ אברהם לייזער הורוויץ און אים צוגעזאָגט פינף יאָר קעסט. אַ יאָר נאָך דער חתונה איז ר׳ יעקב קאָפּל באַשאָנקען געוואָרן מיט זיין ערשט אייניקל. זיין טאָכטער שפּרינצע מאַטל האָט געבוירן איר בכור יעקב יצחק.

די שׂימחה פון זיידן איז נישט צו באַשרייבן. ער האָט דאָס אייניקל ליב געהאַט ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער האָט עס גערופן איציקל און אַרומ־געטראָגן גאַנצע טעג אויף די הענט, ווי מען טראָגט אַ ספר־תורה. זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ תּפילה צום באַשעפער, אַז דאָס קינד, זיין ערשט אייניקל, זאָל אויסוואַקסן אַ ירא־שמים און אַ גדול בישׂראל. ווי דער שטיי־גער איז, ווערט אַ תּפילה פון אַן אָרנטלעכן ייִד תּמיד אָנגענומען אין הימל. איציקל האָט באַלד געוויזן עילויִשע פעיִקייטן. צו דריי יאָר האָט ער געלייענט פון סידור און צו פינף יאָר האָט ער שוין גוט געלערנט אַ פּרשה חומש מיט רש״י.

אַז דער איידעם ר׳ אברהם לייזער איז געוואָרן רב אין יוזעפאָוו, האָט דער זיידע ווייטער געהאַלטן דאָס אייניקל ביי זיך אין שטוב. ער האָט אַליין געלערנט מיט אים תּורה ביז צו דער בר־מיצווה, דערנאָך האָט ער אים געשיקט לערנען צום גאון ר׳ הירש מייזליש אין זשאַלקעוו. אין יענער צייט איז באַרימט געוואָרן אין פּוילן די ישיבה פון שינעווער רב רבי ר׳ שמעלקע. איציקל איז שוין געווען אַ למדן מופלג, האָט אים דער זיידע געשיקט לערנען אין שינעווע. דער רבי ר׳ שמעלקע האָט שוין דעמאָלט געהאַט אָנגענומען דעם וועג פון חסידות, האָט ער גלייך דערקענט, אַז זיין תּלמיד איציקל איז באַשטימט צו הויכע מדרגות, האָט ער אים מקרב גע־ווען מער ווי אַנדערע תּלמידים, און כאָטש איציקל האָט פאַרבאָרגן זיין לומדות, האָט רבי ר׳ שמעלקע אים מכבד געווען צו זאָגן פאַר אים יעדן טאָג די ברכות השחר. חשובע תּלמידים, עלטערע און באַרימטע לומדים האָבן אים מקנא געווען. האָט זיי דער רבי ר׳ שמעלקע געזאָגט: „בשעת איציקל זאָגט די ברכות, ענטפערט די גאַנצע פמליא של מעלה: אָמן...״

איציקל איז אויסגעוואַקסן אַ שיינער בחור, אַ הדר, ווי אַן אתרוג. ער האָט געהאַט גרויסע סאַמעטענע אויגן, ווי ווייִנשל, אַ לאַנג ווייס פּנים

מיט ראָזעווע פּלעקן פון בלוט און מילך, און הויך געוואַקסן, ווי אַ פּאַלמע אין אַן אָאַזיס. מען האָט אים געגומען רעדן שידוכים. איז געקומען אַ שדכן פון קראָסניבראָד און אָנגעשלאָגן אַ גליק־שידוך מיט אַ געראָטענער טאָכ־טער פון אַ רייכן פּאָסעסאָר. זי, די כּלה, פירט אַליין אָן מיט אַלע געשעפטן, רעדט מיט די פּריצים און איז שיין ווי די וועלט, דער פּאָסעסאָר זאָגט צו אייביקע קעסט, אַ גרויסאַרטיקן נדן און נאָך 120 יאָר גיט ער איבער זיין אײדעם די גאַנצע פּאָסעסיע. דער שידוך איז וווּל געפעלן געוואָרן דעם זיידן, און דעם טאַטן — אויך. מען האָט געבראַכן אַ טעלער צו די תּנאים און באַשטימט דעם זמן־חתונה.

די חתונה איז פאַרגעקומען אין אַ ווינטערנאַכט אין קראָסניבראָד. אַ גרויסער עולם געקומען, קרובים און געסט פון ביידע צדדים. ביים חתן־מאָל האָט זיך אויסגעזעצט אַ טיש מיט רבנים און אַ פּאָר הונדערט געסט. געקומען צום פּשטל זאָגן, רופט זיך אָן דער חתן צום זיידן: איך וויל פאַר דער חופּה זען די כּלה. דער זיידע און דער טאַטע האָבן געשטויגט פון וווּנדער: ווי קומט עס פאַר אַזאַ בחור צו רעדן אַזעלכע נאַרישקייטן? האָט זיי איציקל דערמאָנט וואָס די גמרא זאָגט: „אָסור לאָדם לקדש אישה עד שיראנה". נו, אַז די גמרא זאָגט — איז שוין גאָר אַנדערע דיבורים. האָט מען אַריינגערופן די כּלה און איציקל האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק. ער איז מיט אַ מאָל בלאַס געוואָרן ווי קאַלך. ער האָט שטיל אַריינגערוימט דעם זיידן אין אויער, אַז ער וויל נישט די כּלה, ווייל ער זעט נישט ביי איר דעם „צלם אלקים"... דער זיידע איז דערשיטערט געוואָרן און דער טאַטע האָט שיער נישט געחלשט. זיי האָבן אים קוים איינגערעדט, אַז מען טאָר נישט מבייש זיין אַ ייִדישע טאָכטער, ער זאָל זי דערווייל מקדש זיין, דערנאָך וועט מען שוין זען... געמיינט האָבן זיי, אַז ער רעדט קינדערשע רייד, ער וועט חתונה האָבן וועט ער שוין זען אַז עס איז גוט.

אָבער עס איז נישט אַזוי געווען. באַלד נאָך שבע ברכות, בשעת דער עולם האָט געטאַנצט דאָס מיצווה־טענצל, האָט ער זיך אומבאַמערקט אַרויס־געשלייכט אין דרויסן און אין דינעם זיידענעם בגד איז ער אַרויס אין וועג.

עס איז געווען אַ פולע לבנה־נאַכט. אַ גוט פרעסטל האָט איינגעקלעמט

די לופט, שווער געווען דעם אָטעם צו כאַפּן, דער בלענדיק ווייסער שניי האָט געקרעכצט אונטער די טריט ווי צעבראָכן גלאָז. דער וואַלד, אַ קאַלטער און אַ שטומער, איז איינגעהילט געווען אין נאַכטיקער שוואַרצקייט און געוואָרפן פּחדים. איציקל האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך נישט גע־לייענט קריאת־שמע. מיט פאַרקראַמפּטע ליפּן האָט ער געפּרעפּלט אַ פּאָר הייליקע ווערטער. זיין דינער כאַלאַטל האָט זיך אויסגעשטייפט ווי אַ בלעך און דער פראָסט איז אים אַרונטער אונטער די נעגל. ער איז געגאַנגען אַ פּאָר גוטע שעה, ווייל דער מיזרח האָט זיך גענומען בלאַסן, קענטיק אַז עס איז שוין געווען פאַר טאָג. פון דער ווייטנס האָט זיך געזען אַ דאָרף. אָט איז אַ יידישע כאַטע מיט אַ מזוזה אויפן ביישטידל. איציקל האָט אָנ־געקלאַפּט אין איר, ווייל די כוחות זענען אים שוין אויסגעגאַנגען. אַ יידענע אין די מיטל־יאָרן האָט אים געעפנט, אַנגעקוקט שטאַר און דערשטוינט. זי האָט אים אָנגעוויזן אַ קאַנאַפּע צום זיצן און איז אַוועק אָנצינדן דעם סאַמאָוואַר, מאַכן אַ גלאָז וואַרעמס פאַרן דערפרוירענעם אורח.

ביז די טיי איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן זיך ביי איציקן פאַרקלעפּט די אויגן און ער האָט געכאַפּט אַ לייכטן דרימל. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווען ער האָט דערפילט אויף זיך די הייסע דורכדרינגענדיקע בליקן פון נייגער און תאווה. די פרוי, ווי זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַן אלמנה, האָט אים אָפן און אָן בושה פאַרגעשלאָגן צו טאָן מיט איר אַן עבירה. איציקל איז דערציטערט געוואָרן. ער האָט געוואָלט אַרויסלויפן פון שטוב. האָט די אלמנה, אַ קרעפטיקע פרוי, זיך מיט אים געראַנגלט. איציקל האָט אָנגעהויבן שרייען, די פרוי — אויך. באַלד זענען זיך אָנגעלאָפן שכנים. ווי אַ מאָל פּוטיפרס ווייב מיט יוסף הצדיק, אַזוי האָט די אַלמנה איבערגעחזרט דעם אַלטן פּיזמון, אַז אָט דער אורח, וואָס זי האָט אים אַריינגעלאָזט פאַר רחמנות, איז זי באַפאַלן און געוואָלט פאַרגוואַלדיקן. די שכנים, פאַרגרעבטע יידישע פּויערים, האָבן אים גענומען שלאָגן, איציקל איז קוים אַרויס פון שטוב, זיי האָבן אים נאָכגעיאָגט ביז אין גאַס, אַ נס וואָס עס איז גראָד דורכגעפאָרן אַ יידישער בעל־עגלה, האָט ער אים אַרויפגענומען אויפן וואָגן און אויסגע־מוסרט די פּויערים: אַפילו ווען ער איז עובר אַלע עבירות, קומט אים נישט אַזעלכע מערדערלעכע קלעפּ...

אין אָנפאַנג האָט דער בעל־עגלה אויך געמאַכט פון אים חוזק. ער איז זיכער געווען, אַז ער האָט געטאָן די עבירה. אָבער נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דניאלס אכסניה און ער האָט געזען ווי איציקל דאַוונט, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז דער יונגער־מאַן איז אַ בעל־מדרגות. ער האָט אים געפרעגט וווהין ער פאָרט און ער האָט אים צוגעזאָגט אַז ער וועט אים אָפּפירן ביז ראָוונע, צום מעזריטשער מגיד. דער בעל־עגלה האָט אים געהאַלטן אַ פּאָר טעג ביי זיך אין הרוביעשאָוו, דערנאָך האָט ער אים געבראַכט צום מגיד קיין ראָוונע.

ווען דער בעל־עגלה האָט אים אַריינגעפירט צום מגיד אין שטוב, האָט אים דער רבי ר׳ בער אַרומגעכאַפּט מיט גרויס חיבה און האָט אים אַזוי געזאָגט:

— האָב נישט קיין צער, איציקל! דער בעל־דבר האָט פאַרלוירן די שפּיל...

פון ראָוונע האָט ר׳ איציקל געשיקט אַ גט זיין קראָסניבראָדער ווייב, און ער האָט זיך אַריינגעלאָזט שווימען ווי אַ פיש אין ים פון תורה און חסידות. ער האָט זיך געגומען חברן מיט ר׳ זושע אַניפּאָלער און ר׳ זלמן לאָזשנער. דער מגיד האָט אים אויך שטאַרק ליב געקראָגן, ווי ער האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט, אַז ר׳ איציקל האָט אַ נשמה וואָס זייַט די נביאים איז נאָך אַזאַ נשמה נישט געווען אויף דער וועלט... ר׳ זלמן לאָזשנער האָט געהאַלטן פון אים עולם ומלואו צוליב אַ מעשה שהיה. אַ מאָל האָט ער געזען ווי ר׳ איציקל גייט אַריין ערב שבת אין קיך און פּילט אָן פיש לכבוד שבת. האָט ר׳ זלמן געטראַכט: פון וואַנען ווייסט ער, אַז דאָס שטיקל פיש וועט דווקא אָנקומען אים? איז געגאַנגען ר׳ זלמן און אָנגעבונדן אַ דינעם פאָדעם פאַר אַ סימן. געקומען שבת ביי נאַכט צום טיש, האָט מען דאָס שטיקל פיש דערלאַנגט ר׳ איציקלס אַ שכן. פּלוצעם האָט דעם שכן אָנגע־כאַפּט אַ בויך־ווייטיק און דער שמש האָט דאָס שטיקל פיש צוגערוקט צו ר׳ איציקן...

אַ מאָל איז געקומען אַ חסיד מיט אַ קוויטל צום מגיד, האָט דער מגיד געהייסן ר׳ איציקן לייענען דאָס קוויטל און געבן די ברכה. דאָס איז גע־

ווען דער סימן, אַז ער איז שוין ראוי צו פירן אַן עדה מיט חסידים. אָבער ר׳ איציקל האָט נאָך נישט געהאַלטן דערביי. ער האָט חתונה געהאַט מיטן צווייטן ווייב תּהילה שפּרינצע און זיך באַזעצט אין שטעטל לאַנצוט. ער האָט אָנגעהויבן פאָרן צום רבין ר׳ אלימלך קיין ליזענסק. נישט לאַנג האָט געדויערט און ער איז געוואָרן די רעכטע האַנט פון רבין און דער רבי ר׳ אלימלך פלעגט שיקן יונגע חסידים קיין לאַנצוט, ר׳ איציקל זאָל זיי לערנען און ווייזן דאָס ליכט פון חסידות. באַלד האָט זיך אַריינגעלייגט דער שׂטן. מענטשן האָבן גענומען טראָגן לשון־הרעס קיין ליזענסק, אַז ר׳ איציקל פירט זיך שוין ווי אַ גאַנצער רבי. עס איז געוואָרן אַ שטיקל מחלוקת. האָט זיך ר׳ איציקל אַריבערגעצויגן קיין ראָזוואַדאָוו. אָבער די ליזענסקער חסידים האָבן אים דאָרט דערקוטשעט, איז ער צוריקגעפאָרן קיין לאַנצוט, און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ גרויס מחלוקת.

איין מאָל איז געקומען צו ר׳ איציקן אַ חסיד און האָט דערציילט אַ חלום, אַז מען וויל פון הימל ר׳ איציקל זאָל זיך באַזעצן אין ווינאָווע. ווו שטעקט עס ווינאָווע? — האָט קיינער נישט געוווּסט. אין זעלבן טאָג איז אָנגעקומען קיין לאַנצוט אַ שאלה פון אַ גט, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין טשעכאָוו ביי לובלין און עס שטייט נישט דערמאָנט אין גט, אַז טשעכאָוו רופט זיך אויך: ווינאָווע...

אַזוי די מעשׂה? האָט ר׳ איציקל נישט לאַנג געטראַכט און האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין טשעכאָוו. דאָרט האָבן שוין די ליזענסקער חסידים קיין שליטה נישט געהאַט. באַלד איז זיין נאָמען מפורסם געוואָרן ברייט און ווייט. הונדערטער חסידים האָבן זיך געשטויסן ביי זיינע טירן. עס איז ענג געוואָרן דער פּלאַץ אין טשעכאָוו, האָט דער גביר אפרים זלמן מרגליות, דער מחותּן פון בער און תּמרל בערגסאָן פון פּראַגע ביי וואַרשע, געקויפט פאַר אים אַ פּלאַץ אויף דער שעראָקע־גאַס, אין האַרץ פון לובלין, און גענומען בויען אַ בית־המדרש און אַ דירה פאַרן רבין. פאַר וואָס האָט דער גביר דאָס געטאָן? ווייל בשעת דעם אויפשטאַנד אין וואַרשע איז זיין טאָכטער געווען אין פּראַגע ביים מחותּן און ר׳ אפרים זלמן האָט שטאַרק איבערגעקלערט. איז ער אַוועק צום רבין פרעגן אַן עצה, האָט אים דער רבי באַרויִקט און אַזוי געזאָגט:

— דיין טאָכטער קנעט איצט לאָקשן און וויגט מיט אַ פוס דאָס וויגל פון אַ קינד...

אַז ר׳ אפרים זלמן האָט זיך שפּעטער דערקונדיקט, אַז אַלץ איז ריכטיק געוועזן ביז אַ האָר, האָט ער דערפאַר אַ נדר געטאָן צו בויען פאַרן רבין אַ נײַ געררוים הויז און אַ בית־המדרש אין מיטן דער שטאָט לובלין.

אין טאָג ווען עס איז פאָרגעקומען דער חנוכּת־הבית איז געווען יום־טוב אין דער שטאָט לובלין. די גאַסן זענען פול געווען מיט מענטשן און פון אַלע פענצטער און באַלקאָנען האָבן טויזנטער מענטשן אַראָפּגעקוקט צום פייערלעכן צוג פון דער גרויסער מחנה חסידים, וואָס האָבן מיט געזאַנג און געשאַל געפירט דעם רבין מיט די ספרי־תורה אין זיין נייעם וווינאָרט.

ווען דער צוג איז פאַרבייגעגאַנגען אַן עלעגאַנטע גוייִשע גאַס איז געשען אַ שרעקלעכער פאַרפאַל. איינע אַ פריצטע האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון אַ באַלקאָן און איז דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. ווער איז דאָס געווען די פריצטע? האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז אַ משומדת. די פרוי פון אַ פוילישן פריץ, די טאָכטער פון אַ ייִדישן פאָסעסאָר פון קראַסניבראָד, און טאַקע דאָס ערשטע ווייב פון רבין ר׳ איציקל...

ר׳ איציקל האָט זוכה געווען צו לייגן דעם גרונטשטיין פון חסידות אין דער פוילישער מדינה. ער האָט דערצויגן אַ דור פון צדיקים און חסידים, וואָס ציט זיך ביז דעם היינטיקן טאָג, און זיין נאָמען איז געהייליקט און געלויבט ווי דער צדיק הדור ר׳ יעקב יצחק, דער „חוזה" פון לובלין...

אַ לייַדיקער גיהנום

דעם לעצטן שבת, איידער ר׳ משה לייב סאַסאָווער איז ניפטר געוואָרן, האָט ער געזאָגט תורה אויף די רייד פון תּנא אין פּרקי אָבות: „עז פּנים לגיהנום, ובושת פּנים — לגן־עדן״. ער האָט געפרעגט צוויי קשיות: פאַר וואָס קומט עפּעס אַן עזות־פּנים אַזאַ הארבע שטראָף? און ווי פּאַסט עס פאַרן תּנא צו רעדן פון רשעים; פון גיהנום־מענטשן?

האָט ר׳ משה לייב געלערנט פּשט, אַז דער תּנא רעדט דאָ פון צוויי סאָרטן צדיקים. פאַראַן אַ צדיק וואָס לעבט אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, האָט נישט צו טאָן מיט מענטשן, קוקט נישט קיין רשעים אין פּנים אַריין. אַזאַ צדיק רופט זיך — „בושת פּנים״, און ער וועט גיין פון דער וועלט גלייך אין גן־עדן אַריין. פאַראַן ווידער אַן אַנדער צדיק, וואָס איז דווקא אויפגעבונדן מיט דער וועלט, מישט זיך אין קהלשע זאַכן און האָט צו טאָן אַפילו מיט רשעים כּדי זיי מחזיר למוטב זיין. אַזאַ צדיק הייסט „עז פּנים״, און ער וועט אויפן וועג אין גן־עדן דאַרפן אָפּטרעטן אין גיהנום, אַרויסראַטעווען אַ ביסל נשמות פון מלאכי־חבלה־הענט, ווי עס האָט גע־זאָגט דער „אוהב־ישראל״ פון אַפּט, אַז נאָך זיין פּטירה וועט ער אַריין אין גיהנום, און היות ווי ער האָט פיינט רשעים און קען זיי נישט קוקן אין פּרצוף אַריין, וועט הקדוש־ברוך־הוא מוזן אַרויסנעמען אַלע רשעים פון גיהנום און געבן זיי אַ תּיקון...

פינף טעג אין חודש שבט, ווען ר׳ משה לייב סאַסאָווער איז ניפטר גע־וואָרן — האָט דערציילט זיין תּלמיד ר׳ הירשל רימאַנאָווער — איז זיין הייליקע נשמה גלייך אַרויפגעפלויגן אין הימל, ווייל דער מלאך „דומה״,

וואָס זאַמלט אַלע נייע נשמות און האַלט זיי עטלעכע טעג אין אַ פּירהויז — האָט אויף אַזאַ הויכער נשמה נישט געהאַט קיין שליטה. פּונקט אַזוי ווי ביים לעבן איז ר׳ משה לייב געוועזן אַ באַשיידענער, אַן עניו, אַזוי האָט ער זיך אויך אין הימל פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, אונטער אַ העל וואַלקנדל, און זיך צוגעקוקט ווי די פמליא של מעלה סאָרטירט די נשמות און פירט די מישפּטים. פון דער רעכטער זייט האָט ער געזען דעם ליכטיקן גן־עדן: פינקלדיקע נשמות, ווי ברילליאַנטן, סאַפּירן און שמאַראַגדן שוועבן אַרום אין אַ העל־בלויען רוים הינטער פּורפּור־פאַרביקע חופות, שמעלצן זיך פון פאַרגעניגן מיטן גלאַנץ און שיין פון דער געטלעכער שכינה־פּראַכט; אַ פילפאַרביקער רעגן־בויגן שימערירט מיט מיליאָן מיליאַסן פייערלעך; אַ זיס אָנגענעמער ריח פון קטורת רייצט די נאָזלעכער פון אַ פייערפאַן, וואָס אהרן הכהן האַלט אויף אַ גילדענעם מיזבח; די אָבות הקדושים זיצן גאַנץ אויבן, אויף פּוסבענקלעך פון די אמהות און האַלטן אָפּ אַ באַראַטונג; דוד המלך מיט אַ גינגאָלדענער קרוין שפּילט אויף אַ פידעלע אַ זיס שטיל ניגונדל; די נביאים הערן תורה פון ישעיהו הנביא; תנאים און אמוראים שמועסן אין לערנען, און טאָמער ווערט אַ געשפּאַר אין עפּעס אַ סוגיא, פרעגט מען גלייך אַן משה רבינו; צדיקים און חסידים פון אַלע דורות זיצן ביי לאַנגע טישן, הערן דברי תורה און חסידות...

ר׳ משה לייבן האָט אַ ברי געגעבן אין האַרצן. אַזאַ פאַרגעניגן! עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שטאַרק לעכצעניש, כאָטש אַ הייב טאָן זיך און אַרייַנ־פליִען גלייך אין גן־עדן. אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נישט אַלץ איז גן־עדן. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און אַ בליק געגעבן אויף דער לינקער זייט. דאָס האַרץ האָט אים אויפגעהערט קלאַפּן. אַ פינצטערניש, אַ נעפּל און אַ סמאָלע־ריח פון גיהנום. דריי גרויסע טויערן שטייען אָפן און עס בלאָזן אַריין דורך זיי ווילדע ווינטן. איין טויער גייט צום ים, איין טויער צום מידבר, און איין טויער צו ירושלים. ביי יעדן טויער רייכערן זיך צוויי טייטלביימער. עס שטעכט אין די אויגן. פינף בתי־דין זיצן און מישפּטן יעדע נשמה, אין וועלכן פון די זיבן גיהנום־אָפּטיילונגען זי באַלאַנגט. אין „שאול תחתיה" ריטשען פייערדיקע לייבן און דרעשן די נשמות צום טויט. דער מלאך שפטיאל שטראָפט זיי און רעכנט אויס די עבירות; אין „אבדון"

שמייסן שוואַרצע מלאכי־חבלה מיט אייזערנע ריטער די זינדיקע נשמות, אַז עס פאַלן פּאַסן פלייש; אין „טיט היון" גיסט מען הייסע צואה אויף קעפּ, און כּלבי־דחציפין ציפּן די פיס מיט פייערדיקע ציינער; אין „בור שחת" הענגען מענטשן ביי די צינגער, ווייל זיי האָבן גערעדט לשון־הרע, און אין „צלמות" שלעפּן רשעים פולע עמערס מיט וואַסער פון איין אָרט צום אַנדערן, ווייל זיי האָבן געגלוסט צו פרעמד פאַרמעגן. אויף אַ פאַרזשאַ־ווערטן באַלקאָנדל, מיט שטעכעדיקע שטאַכעטן, שוועבן אַרום פאַרטרויערטע נשמהלעך וועלכע האָבן געזינדיקט, אָבער זיי זענען פּטור פון גיהנום, ווייל זיי האָבן געהאַט ביים לעבן שלעכטע ווייבער, געדערעם־קרענקען, אָדער געמיינע אָרעמקייט; פון ירושלים־טויער פירט דער מלאך חמיאל אַ כאַפּטע נייע נשמהלעך פון ליצנים, חנופים, דאָקטוירים, אונטערלעקערס און מלמ־דים פון נישט אָרנטלעכע תּלמידים. ער פירט זיי זיך באָדן אין פייערדיקן „דינור"־טייך פאַרן מישפּט.

ר׳ משה לייב האָט זיך אַזוי צוגעקוקט צו די צרות און יסורים פון די יידישע נשמהלעך. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן זייער צער. אַזוי ווי ביים לעבן איז ער גרייט געווען איינצושטעלן זיין לעבן אין געפאַר כּדי צו ראַטעווען יידן, אַזוי האָט ער אויך איצט באַשלאָסן צו טאָן אַ דראַסטישע מעשׂה. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און אַ שפּרונג געטאָן אין גיהנום אַריין...

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווילדער טומל. די מלאכי־חבלה האָבן זיך איינגעקאָרטשעט פאַר פּחד. בית־דין של מעלה האָט אַ באַפעל געגעבן תּיכּף אָפּצושטעלן די גיהנום־טעטיקייט. דער נעפּל האָט זיך אַ ביסל אויס־געלייטערט אין גיהנום. אַ דעלעגאַציע פון ווייסע מלאכים האָט אַראָפּגע־נידערט און געבעטן ר׳ משה לייבן ער זאָל מוחל זיין און אַרויפגיין אויבן. ר׳ משה לייב האָט נישט מסכּים געווען: „כּל־זמן יידן זענען אין גיהנום, וויל איך אויך זיין מיט זיי"...

געהערט אַזאַ מעשׂה, האָט זיך בית־דין של מעלה געזעצט אויף אַ באַראַטונג. רופט זיך אָן דער מלאך מיכאל:

— דער דאָזיקער ר׳ משה לייב האָט אויך אונטן, אויף „יענער וועלט", געמאַכט אַזאַ מעשׂה. עס האָט אַ מאָל אַ פּריץ אַרעסטירט אַ יידישן אָרענ־

דאַר מיט זיין משפּחה, פאַר אַ חוב. אַ גרויסע סומע געווען, האָט ר׳ משה לייב נישט געקענט שאַפן דאָס געלט אויסצולייזן די ייִדישע משפּחה, איז ער אַוועק צום פּריץ און פאַרגעלייגט אַז ער איז גרייט צו גיין אין תּפיסה אַנשטאָט דעם אַרענדאַר. דער פּריץ האָט געמיינט אַ ייִדישער „ראַבין״, וועט מען באַלד קומען אים אויסלייזן. עס איז געוואָרן מינחה־צייט. ר׳ משה לייב האָט נישט געקענט אויפּשטיין צו שמונה־עשׂרה צוליב די שווערע קייטן. האָט דעם פּריץ אַנגעכאַפּט אַ בויכווייטיק, אַזוי ווי אין אַ כאָלערע. האָט אים זיין גלח געגעבן אַן עצה, ער זאָל שנעל באַפרייען דעם הייליקן „ראַבין״ פון תּפיסה. צום גרויסן וווּנדער, האָט ר׳ משה לייב נישט געלאָזט זיך באַפרייען, ביז דער פּריץ האָט מוחל געווען דעם חוב און צוגעזאָגט אַז ער וועט דעם אַרענדאַר צוריקגעבן זיין שטעלע...

אַ שטילקייט איז אַריינגעטראָטן אין בית־דין של מעלה. דער מלאך גבריאל האָט צוגעגעבן:

— דער דאָזיקער ר׳ משה לייב האָט אַ גאַנצן לעבן נישט צוגעלאָזט אַ טראָפּן שׂינאה צו זיין האַרץ. רק רחמים מיט ליבשאַפט. אַז אין מיטן נאַכט האָט אַן אַלטער שיכּור אַנגעקלאַפּט אין זיין לאַדן, האָט ער מפסיק געווען זיין לערנען, געגעבן אים עסן און טרינקען און אַ בעט צום שלאָפן, נישט געוווּסט וואָס און ווער ער איז. אין די קאַלטע ווינטערנעכט פּלעגט ער זיך אָנטאָן ווי אַ פּויער, מיט אַ בינטל צעהאַקטע האָלץ אויף די פּלייצעס אַריינגיין אין אַ הויז פון אַן אָרעמער יולדת אָדער אַ קראַנקער אלמנה און אייַנהייצן דעם אויוון, ווי עס שילדערט אַזוי שיין די מעשׂה דער קלאַסישער ייִדישער שרייבער י. ל. פּרץ אין זיין דערציילונג „אויב נישט נאָך העכער״.

דער מלאך אוריאל האָט אויך געהאַט וואָס צו זאָגן:

— מענטשנסקינדער האָבן ליב כּבוד. ר׳ משה לייב האָט נישט גע־ווּוּסט וואָס כּבוד איז. כאָטש אַ רב ביי ייִדן, האָט ער קיין מאָל נישט גע־פּראָוועט קיין צירעלעך מאַנירעלעך, נישט געזעסן אויבן אָן, נישט געבעטן וואַרטן אויף שמונה־עשׂרה. פריילעך געמאַכט ביי שׂימחות, געזאָגט בדחנות, און אַפילו געטאַנצט אין אַ בערנפּעל. ער האָט ליב געהאַט אָרעמע־לייט, קראַנקע, אַרעסטירטע און געפּייניקטע און איז געווען אַן אמתער טאַטע פאַר יתומים און אלמנות. ער האָט אַ מאָל געזאָגט: „ווער עס איז נישט

גרייט אויסצוווייגן מיטן מויל איי־טער פון אַ בלאָטער ביי אַ ייִדיש קינד — דער האָט נישט דערגרייכט אַ האַלבע מאָס פון אהבת־ישׂראל, וואָס אַ ייִד דאַרף האָבן..."

נאָך אַ ריי מלאכים האָבן געוואָלט עדות זאָגן, אָבער בית־דין של מעלה האָט שוין נישט געוואָלט הערן. נאָך אַ קורצער באַראַטונג איז אַרויס דער פסק־דין, אַז די תביעה פון ר' משה לייב סאַסאָווער ווערט אָנגענומען און אַלע נשמות פון גיהנום קריגן אַ תיקון...

עס איז בליץ־שנעל ליכטיק געוואָרן אין גיהנום, ווי די ליכט פון שבעת הימים. אַ לוויים־אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט אַ פריילעכס, און אַלע נשמות האָבן אַרויסמאַרשירט מיט געזאַנג פון גיהנום אויפן וועג צום גן־עדן...

געענדיקט דערציילן די מעשׂה, האָט ר' הירשל רימאַנאָווער צוגעגעבן:

— יאָ, ריכטיק! ר' משה לייב סאַסאָווער האָט אויסגעליידיקט דעם גיהנום ביזן דנאָ, אָבער נאָך צוויי דריי טעג איז שוין ווייטער פול געוואָרן דער גיהנום מיט זינדיקע נשמות...

אַ שליסל

אַ שליסל — איז דער שליסל פון אַלע וויכטיקסטע זאַכן אין דער וועלט. ווער עס האָט דעם שליסל — דער איז דער בעל־הבית. מיט דעם ריכטיקן שליסל קאָן מען אויפשליסן אַלע אוצרות פון דער וועלט, און מיט אַ פּאַסיקן שליסל קאָן מען אויפמאַכן אַפילו די שערי־רחמים פון הימל. די וועלט זאָגט אַ ווערטל: „רייך ווי קורח", גיבן אונדז די חכמים צו פאַרשטיין, ווי רייך קורח איז געווען, אַז דרײַ מוילאייזלען האָבן געטראָגן די שליסלען פון קורחס אוצרות... דער ירושלמי דערציילט: ווען נבוכדנצר הרשע איז געגאַנגען חרוב מאַכן ירושלים, האָט דער מלך פון יהודה גענומען די שליסלען פון בית־המקדש, אַרויפגעגאַנגען אויפן דאַך פון היכל־הקודש און אויסגערופן: „רבונו־של־עולם, ביז איצט זענען מיר געווען באַגלייבט ביי דיר, איז דער שליסל פון בית־המקדש געווען ביי אונדז. איצט, אַז דו גלייבסט אונדז נישט מער — טאָ נאַ דיר די שליסלען"... דערציילט ווייטער דער ירושלמי: איז געקומען אַ האַנט פון הימל און צוגענומען די שליסלען, און דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן... די גמרא זאָגט אונדז אויך, אַז אַלע וויכטיקסטע שליסלען פון דער וועלט זענען אין די הענט פון הקדוש־ברוך־הוא אַליין, ווי אַ שטייגער דער שליסל פון רעגן, פרנסה, תחיית־המתים, פון געבורט, פון גן־עדן און גיהנום. די גמרא גיט צו, אַז דער זעל־בער שליסל וואָס פּאַסט צו די רייד פון די אָבות — דער פּאַסט זיך אויך צו עפענען די גאולה פון די קינדער... אין אַן אַנדער פלאַץ זאָגט די גמרא, אַז אַזוי ווי אַ שטוב האָט אַ שליסל, אַזוי האָט אויך יעדע פרוי — אַ שליסל.

וויל איך דאָ טאַקע דערציילן פון אַ שליסל וואָס איז געווען אין די הענט פון אַ פרוי.

אין דער שטאָט פּראַגע, ביי וואַרשע, האָט אַ מאָל געלעבט אַ ייִד אַן עושר, אַ תּלמיד־חכם, אַ ייִרא־שמים און אַ גרויסער בעל־צדקה. מען האָט אים גערופן ר׳ פּייוועלע פּראַגער, אַ טישזיצער ביים אַלטן ראַדזימינער רבין און אַ גרויסער חשוב אין קהל.

עפּעס אַ וווּנדער, אַז ר׳ פּייוול איז געווען אַ חשוב? אַז כּל־ימיו איז ער געזעסן על התּורה ועל העבודה. זעקס מאָל האָט ער דורכגעלערנט ש״ס און פּוסקים, קלאָר געווען אין שולחן־ערוך, ווי אַ ייִד איז קלאָר אין „אשרי״, געזאָגט גאַנצע שטיקער זוהר אויף אויסנווייניק און געלערנט מיטן עולם, צווישן מינחה ומעריב, תּהילים מיטן אלשיך — די ליפּן צו קושן. אין צדקה און מעשׂים־טובים איז נישט געווען זיינס גלייכן. ער האָט זיך קיין מאָל נישט געזעצט צום טיש עסן אָן אַן אורח. צו די שבת־סעודות האָט ער תּמיד געבענטשט מיט אַ מנין אָרעמע־לייט. מיט זיין געלט האָט מען פאַרריכט דעם דאַך פון דער מיקווה, און ער האָט באַצאָלט דאָס גאַנצע געלט פאַר מאַכן אַ פאַרקאַן צום בית־הקברות. היינט, האָט ער חתונה געמאַכט אָרעמע כּלות, געשטיצט אלמנות און יתומים, און פּורים צו דער סעודה האָט ער אויסגעטיילט פאַר אָרעמע־לייט אַ פאַס מיט זילבער־מינץ און 336 גאָלדשטיקלעך, וויפל „פּורים״ באַטרעפט.

זיין ווייב רחל לאה, אויך אַ צדיקת, האָט אים געבוירן אַ זון מיט אַ טאָכטער.ביידע גראַטענע קינדער. דער זון, אַ שיינער תּלמיד־חכם און אַ ייִרא־שמים. האָט ר׳ פּייוול מיט אים אַ שידוך געטאָן מיטן אָטוואָצקער רבין, און די טאָכטער האָט ער אויסגעגעבן אין אַ וואַרשעווער גביריש הויז פון תּורה וגדולה במקום אחד.

צו די אַלע אויסגערעכנטע מעלות איז ר׳ פּייוועלע געווען אויך אַ גרויסער בעל־יסורים. זיינע מערידן זענען געווען אַ שם־דבר אין וואַרשע. די גרעסטע פּראָפעסאָרן פון ווין האָבן זיך מטפּל געווען מיט זיי. אַ ברוך האָט ער געהאַט אויף ביידע זייטן, און די גאַלשטיינער האָבן געדריקט אויף דער לעבער. אויב איר ווילט וויסן, האָט ר׳ פּייוועלע גאַרנישט קיין הנאה געהאַט פון לעבן. זיין איינציקער פאַרגעניגן איז געווען — לערנען און דאַווענען. פאַרשטייט זיך, אַז אַ ייִד פון אַזאַ שטייגער איז, לכל־הדעות, אַ מוכן־ומזומן לחיי עולם־הבא.

עס פרעגט זיך אַ פראַגע: אויב ר׳ פּיוועלע איז געזעסן און געלערנט טאָג און נאַכט, טאָ פון וואַנעט איז צו אים געקומען דאָס רייכקייט? איז דער תּירוץ, אַז ר׳ פּיוועלעס רייכקייט איז אים געקומען דורך די הענט פון זיין ווייב רחל לאה. זי איז געווען אַ ייִדענע אַ בריה. די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה האָט זי געהאַלטן אַ סטראַגאַן אין מאַרק. זי האָט געהאַנדלט מיט פּאַיאַנס, געפאָרן אויף ירידים, און ער איז געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט. זי האָט געקאָכט, געבאַקן און ריין געמאַכט די שטוב, און ער איז עוסק געווען אין הייליקע ספרים. זי האָט געהאָדעוועט די קינדער, בישט געשלאָפן נעכט ביי קינדישע קראַנקייטן, געוואַשן, געצוואָגן, געקאָרמעט און געשיקט זיי אין חדר אַריין, און ער איז וואָך געווען אַ ליל־שמורים, און פאַרהערט שבת דאָס ייִנגל די פּרשה חומש מיטן דף גמרא. ביסלעכווייז האָט זי זיך אָנגעזאַמלט אַ שטיקל קאַפּיטאַל. זי האָט געדונגען אַ קלייטל, פאַרגרעסערט, פאַרברייטערט. זי האָט זיך גענומען צום הורט־מיסחר. דאָס געשעפט איז אַוועקגעגאַנגען אַ גאַנג, ביז זי איז צוגעקומען צו דער היינ־טיקער מדרגה פון עשירות, אויף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן.

קען מען דאָך מיינען, אַז רחל לאה האָט געהאַט תּרעומות אויפן מאַן, וואָס העלפט זי נישט אין מיסחר! חלילה. אַלץ איז איר ליב געווען. אַבי איר טייערער מאַן זיצט און לערנט די הייליקע תּורה, וועט זי דאָך האָבן אַ חלק אין זיין תּורה, און נאָך 120 יאָר וועט זי זוכה זיין צו זיין אַ פוס־בענקעלע ביי אים אין גן־עדן. אויב אַזוי, איז שוין אַלץ כּדאַי...

דער שטייגער פון דער וועלט איז דאָך, אַז אַ מענטש לעבט נישט אייביק. עס איז געקומען די צייט, איז ר׳ פּיוועלע ניפטר געוואָרן.

וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער פראַגע? די גאַנצע שטאָט האָט פאַרמאַכט די געוועלבער. דעם ניפטר האָט מען געטראָגן אויף די הענט ביזן בית־הקברות. אַלע חדר־ייִנגלעך זענען געגאַנגען פאַר דער מיטה און געזונגען „צדק לפניו יהלך״. דער רב האָט געזאָגט אַ הספּד — אַ שעה אויפן זייגער. דער ראַדזימינער רבי אַליין איז נאָכגעגאַנגען דער לוויה, געקרעכצט און געזיפצט, ווי ער וואָלט געווען אַ לייַבלעכער קרוב. אַז דער רבי איז אַהיימגעקומען קיין ראַדזימין, איז ער אַ וואָך צייט נישט אַרויס־געגאַנגען פון זיין יחוד־חדר. חסידים האָבן זיך געחידושט. עס איז גאָרנישט

דעם רבינס שטייגער אַזוי איינצורייסן נאָך אַ ניפטר. בפרט, אַז ר׳ פייוועלע האָט דאָך אויסגעלעבט די יאָרן. אָבער קיינער וועט דאָך נישט וואַגן פרעגן דעם רבין.

רחל לאה די אלמנה האָט ווייטער אָנגעהאַלטן די געשעפטן, געטיילט צדקה, ווי איר מאַן עליו־השלום, אָבער עס איז שוין נישט געווען די זעל־ביקע רחל לאה. זי איז אַרומגעגאַנגען פאַראומערט, דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט, אַפילו נאָכן טרויעריאָר האָט זי נישט אויסגעטאָן דאָס אלמנה־קלייד. זי איז קראַנק געוואָרן, אָפּגעמוטשעט זיך אַ פּאָר חדשים און געשטאָרבן.

אַוודאי האָט זי נישט געהאַט קיין קלענערע לוויה פון איר מאַן. דער ראַדזימינער רבי איז אויך געקומען זי באַגלייטן צו איר אייביקער רו. אָבער דאָס מאָל האָט ער נישט געקרעכצט. אדרבא, אַז ער איז אַהיימגע־קומען קיין ראַדזימין האָט ער באַפוילן צוגרייטן אין אָוונט אַ סעודה פאַר חסידים, יושבים, און ער אַליין וועט אויך מיטעסן מיטן עולם.

דאָס האָבן שוין חסידים נישט געקאָנט משיג זיין. פאַר וואָס, אַז פייוול איז ניפטר געוואָרן, האָט ער אַזוי פיל געביטערט, און איצט, אַז רחל לאה איז געשטאָרבן, אויך אַ יידענע אַ צדיקת, איז ער גאָר, מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד — שרוי בשימחה? נאָר אַפּיקורסים פרעגן קשיות, חסידים — נישט. מ׳האָט צוגעגרייט אַ סעודה מיט בשׂר ודגים, און טאַקע באַלד נאָכן אויפעסן די פיש האָט דער רבי מגלה געווען דעם סוד פון דער מעשׂה.

ער האָט די תורה געזאָגט אויף דעם מאמר פון פּרקי אָבות: „כּל ישׂראל יש להם חלק בעולם הבא״, האָט ער געפרעגט: היתכן! אַלע ייִדן האָבן עולם־הבא? ווו זענען די רשעים, פושעים און מחללי־שבת? נאָר דער תּירוץ איז, אַז „חלק״ איז דער פּשט — אַ ליידיקער פּלאַץ. יעדער ייִד האָט אַ ליידיקן פּלאַץ אויף יענער וועלט. איז דער מענטש אַ פּלייסיקער, אַן אַרבעטסזאַמער, קאָן ער אויף דעם פּלאַץ אויפשטעלן אַ שיין הויז, אַפילו אַ פּאַלאַץ, פּלאַנצן אַ ווייגאָרטן מיט בלומענבייטן, מאַכן פּשוט — אַ גן־עדן. טאָמער איז דער מענטש אַ פוילעכץ, אַ דראַב, אַ פלאַקסעדריגע, ווערט דער פּלאַץ פאַרוואָרלאָזט. עס וואַקסט אַרויס קראָפּעווע, שטעכלקעס און דערנער. עס קומט אַ רעגן, שווענקט ער אַראָפּ די ערד ביז צו די הוילע שטיינער...

פאַרשטייט זיך, אַז ר׳ פּייוועלע האָט אויף דער וועלט געלייגט פאַר זיך אַ יסוד אין ייִדישקייט. איז דאָרטן אויף יענער וועלט אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פונדאַמענט פון אַ בנין. יעדער מיצווה וואָס ער האָט דאָ געטאָן, איז דאָרטן צוגעקומען אַ ציגל צום בנין. פון אַ ציגל מיט אַ ציגל איז אויפ־געשטעלט געוואָרן אַ גרויס הויז. ער האָט געבויט דאָ אַ שיינע סוכה, איז דאָרט צוגעקומען אַ פוצעכץ, אַ שיין גזימסל. אַ שיינעם אתרוג, — דאָרט אַ פענצטערל, אַ שפּיגל. געגעבן אַן אורח עסן און שלאָפן, דאָרט אַ מאַגאַ־נענעם טיש מיט שטולן, גיקלבעטן און שיין מעבל. חתונה געמאַכט יתומים, דאָרט — צוויי זיילן פאַרפּוצט מיט אָרנאַמענטן...

אַז ר׳ פּייוועלע איז אַרויף אין הימל, און זיין מלאך־באַגלייטער האָט אים אָנגעוויזן פון ווייטנס זיין פּאַלאַץ, האָט זיך זיין האַרץ געטרייסלט פון שׂימחה. וואָס נענטער ער איז געקומען צום פּאַלאַץ, אַלץ גרעסער זיין פאַר־געניגן. אַז ער איז צוגעקומען צום פּאַראַדנעם אַריינגאַנג, איז די טיר גע־ווען געשלאָסן. האָט פּייוול געפרעגט דעם מלאך: ווו איז דער שליסל? דער מלאך שווייגט. פּייוועלע דרייט די אויגן אין אַלע זייטן. אפשר ליגט דער שליסל ערגעץ ווו. דער שליסל איז נישטאָ. ווערט שוין ר׳ פּייוועלע אָנגעשטרענגט און פרעגט דעם מלאך: נו! ווו איז דער שליסל? איך בין דאָך מיד פון וועג!

קוקט אים אָן דער מלאך מיט אַ רחמנות־בליק:

— זײַ וויסן, פּייוול, אַז דער שליסל געפינט זיך אונטן, אויף „יענער וועלט״, ביי דיין וויב.

ווערט שוין ר׳ פּייוול בייז און גייט אַרויס פון די כּלים:

— וואָס הייסט עפּעס אונטן, ביי רחל לאהן? ווער האָט געטאָן די מיצוות און מעשׂים־טובים, איך צי זי?

שמייכלט אים אַריין דער מלאך אין די אויגן אַריין:

— יאָ! טאַקע דו האָסט געטאָן די מיצוות, געדאַוונט און געלערנט. אָבער ווער האָט געזאָרגט פאַר פּרנסה? ווער האָט דערצויגן די קינדער? ווער האָט דיר געגעבן געלט אויף צדקה?..

בקיצור, ר׳ פּייוועלע האָט זיך אַרומגעדרייט צוויי יאָר נע ונד, נישט

געהאַט קיין רו פאַר דער נשמה. היינט איז רחל לאה, זיין ווייב, אַרויפגע־גאַנגען אין הימל מיטן שליסל — האָט ר׳ פּיוועלע געפונען זיין תיקון...

און דער רבי האָט אויסגעפּירט מיט אַ ברכה:

— זאָלן זיי ביידע זיך שטעלן פאַרן כסא־הכבוד, און זאָלן זיי זיין מליצים ישרים פאַרן גאַנצן כלל־ישׂראל, אָמן.

אַ פּאַטש

די שטאָט שאַריגראַד האָט זיך גרויס געהאַלטן און באַרימט געמאַכט פאַר אַלע אירע שכנותדיקע שטעטלעך מיט צוויי חשובע מענטשן, מיט איר רב און ראש־הקהל.

דער רב ר׳ ליפּעלע איז געווען אַ למדן און אַ גאון. אַלע רבנים פון געגנט זענען געקומען זיך מישב זיין מיט אים אין לערנען. ער האָט גע־שריבן שאלות־ותשובות צו די גרעסטע רבנים פון דער וועלט. ווי נאָר אַ פאַרוויקלטע דין־תּורה, אַ שווערע שאלה אין יורה־דעה, האָט מען עס פאַרגעבראַכט פאַר ר׳ ליפּעלען, און ער האָט גלייך געפונען אַ באַשייד. די גרעסטע שטעט, גובערניעס האָבן צו אים געשיקט שליחים מיט גע־חתמעטע „כּתב־רבנותן״, אָבער ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין שטעטל, ווו ער איז געזעסן בכבוד־גדול, אָן דאגות, און געלערנט תּורה לשמה.

דער ראש־הקהל ר׳ זיינוויל איז אויך געווען אַ למדן, דערצו אַ גביר און אַ חכם. ער האָט געפירט דעם קהל מיט תּקיפות. אַלע האָבן פאַר אים דרך־ארץ געהאַט. איז טאַקע געווען אין שטאָט אַ פאַראַנדעק: די מיקווה האָט געהאַט אַ דאַך, אַלע פרייטיק אַ שוויצבאַד; דער בית־עולם האָט גע־האַט אַ געמויערטן פאַרקאַן מיט געפלאַנצטע קאַשטאַן־ביימער; אַ תּלמוד־תּורה מיט זעקס מלמדים; אַ הקדש מיט פערצן בעטן און אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס, וואָס אַ ייִדיש שטעטל דאַרף האָבן.

ווי דער שטייגער איז, האָט דער רב מיטן ראש־הקהל נישט אַזוי גוט זיך פאַרטראָגן. בפרט, אַז דער רב ר׳ ליפּעלע איז געווען אַ שנעלער, אַ לויפנדיקער, מיט אַ רויטער באָרד, ווי פייער, און ר׳ זיינוועלע איז געווען

אַ כהן. האָט טאַקע דער שמש אברהמקע מיט זיינע דריַי אונטער־שמשים נישט געוווּסט וועמען פריִער צו האָרכן.

ויהי היום, געווען אַ שבת, ווען דער ראש־הקהל האָט געמאַכט אַן אויפרוף פאַר זיין עלטסטן זון. פאַרשטייט זיך, אַז אברהמקע מיט אַלע אונטער־שמשים האָבן פאַרגעסן פון אַלץ און אַלעמען און זיך נאָר געפּאַ־רעט אַרום דער שׂימחה פון ראש־הקהל. געוויינטלעך, אַלע שבת אין דער פרי קומט דער שמש צום רב אין שטוב און רופט אים צום דאַווענען. דעם שבת האָט אברהמקע פאַרגעסן פון זיין פליכט. דער רב האָט געוואַרט און געוואַרט. צום סוף איז ער אַליין אַוועק אין שול און געטראָפן ווי דער חזן זאָגט שוין קריאת־שמע. דער רב האָט צוגערופן דעם שמש: היתכן? האָט אברהמקע אַרויסגעשטאַמלט: נו, הא! און אָנגעוויזן מיטן פינגער צו דער זילבערנער עטרה פון ראש־הקהל. דעם רבס רויטע באָרד האָט זיך צעפלאַקערט ווי אַ העליש פייער. ער האָט אַרויסגעדונערט:

— און ווו איז כבוד התורה!... אַזוי רעדנדיק האָט ער אים אַראָפּגע־לאָזט אַ פייערדיקן פּאַטש אין באַק.

דער ראש־הקהל האָט אַראָפּגענומען די זילבערנע עטרה פון קאָפּ, געפּאַטשט אין שטענדער. אָבער מען טאָר דאָך נישט אויסרעדן. איז אַלץ אַדורכגעגאַנגען שטיל. דערווייל איז דער רב צוגעגאַנגען צו אברהמקע שמש און אים געבעטן מחילה. דער עולם האָט זיך באַרויִקט. עס איז דאָך נישט מער ווי אַ פּאַטש דעם שמש. מען וועט שוין דורכקומען. געקומען צום לייענען די תורה, האָט מען דעם רב געגעבן „שלישי". עס איז גע־גאַנגען פרשת „שמות", האָט דער בעל־קורא געלייענט דעם פסוק מיט אַ הויך קול: „ויאמר, רשע למה תכה רעך..." מענטשן האָבן געזען ווי דער רב איז פּלוצעם ווייס געוואָרן ווי אַ מת. אַנגסטן האָבן אים אַרויסגעשלאָגן אויפן פּנים, און די רויטע באָרד האָט אים געציטערט ווי אַ פיש אין אלול.

נאָכן דאַווענען האָט שוין דער רב נישט געוואַרט אויף גוט־שבת־זאָגן. ער איז שנעל אַהיים געלאָפן. שוין נישט געקומען אין שול צו מינחה ומעריב. שבת צו נאַכטס האָט ער גערדונגען אַ בויד און איז אַוועק קיין ריזשין צום רבין.

דער רבי האָט אים שטאַרק געשטראָפט: „טאַקע ווייל דו ביסט אַ

רויטער, אַ מזג חם, דאַרפסטו זיך באַהערשן און נישט הייבן אַ האַנט אויף אַ ייִדן, אַוודאי נישט אַראָפּלאָזן... על־כּן, דאַרפסטו פאַרן אָפּריכטן גלות, און אַזוי לאַנג זיין אין דער פרעמד, ביז וועסט קריגן אַ סימן אַז דער גלות איז געענדיקט"...

אַהיימגעקומען, האָט ר' ליפּעלע זיך געזעגנט מיט ווייב און קינד און האָט זיך געלאָזט אין גלות אַריין. ער איז אַוועקגעפאָרן ווייט פון שטוב, ווו געטאָגט נישט געגעכטיקט, געגעסן ברויט מיט וואַסער, געשלאָפן אין הקדש. בלויז אויף שבת האָט ער געבעטן „אַ פלעט" ביים שמש און גע־געסן ביי אַ פרעמדן טיש.

ביסלעכווייז האָט ר' ליפּע געקראָגן אַן אַנדער צורה. דאָס רויטע פּנים איז אים בלאַס געוואָרן, די באָרד גרוי ווי אַ טויב, דאָס שטראָמע געשטעל האָט זיך איינגעבויגן, די מלבושים צעריסן. קיינער האָט אים נישט דער־קענט, אַז דאָס איז דער אַמאָליקער באַרימטער שאַריגראַדער רב.

אַדורכגעלאָפן אַ יאָר, צוויי, ר' ליפּעלע וואַרט שוין אומגעדולדיק אויף דעם סימן פון הימל, ווי דער ריזשינער רבי האָט צוגעזאָגט, און דער סימן קומט נישט. עס זענען שוין דורך דריַי יאָר, אויסגעוואַנדערט מדינות, און עס ווייזט זיך נישט קיין סימן ווען אויפצוהערן דעם גלות. עס האָט אים שוין פאַרדראָסן דער ביטול־תּורה, און עס האָט אים גענומען בענקען צום ווייב און קינד. האָט ער זיך געלאָזט אויפן וועג אַהיים, צוריק קיין שאַריגראַד, און געבעטן גאָט ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן און שיקן דעם צייכן.

פּונקט ווען עס איז געוואָרן פיר יאָר איז ר' ליפּעלע אָנגעקומען קיין שאַריגראַד. ער האָט דערקענט אַלע בעלי־בתּים, די בעלי־בתּים אים — נישט. האָט ער זיך געזעצט אונטערן אויוון מיט אַלע ארחי־פּרחי, געגעסן ברויט פון טאָרבע און געשלאָפן אין הקדש.

געקומען ערב שבת, האָט זיך ר' ליפּעלע געשטעלט צוזאַמען מיט אַלע אורחים ביים טיר פון בית־המדרש, און אברהמקע שמש האָט אים געגעבן „אַ פלעט" צו זיינוועלע ראש־הקהל, ווייל ער האָט אים געזען די גאַנצע וואָך האַלטן אַ גמרא אין האַנט. מן־הסתּם אַ תּלמיד־חכם. זאָל ער האָבן אַ גוטן שבת.

גראַד איז דעם שבת געווען אין הויז פון ר׳ זיינוועלען אַ שׂימחה. עס איז זיך צוזאַמענגעקומען די משפחה פון דער פרעמד. די סעודה פרייטיק צו נאַכטס האָט זיך לאַנג פאַרצויגן, האָט ר׳ זיינוועלע פאַרבעטן דעם אורח צו שלאָפן אין זיין הויז.

שבת אין דער פרי, ווען אַלע האָבן זיך גענומען גרייטן צו גיין אין שול אַריין דאַווענען, האָט ר׳ זיינוועלעס טאָכטער באַמערקט, אַז עס פעלט איר אַ בייטש מיט פערל, וואָס איז ווערט אַן אוצר מיט געלט. מען זוכט אַהער, מען זוכט אַהין, די גויִישע דינסט האָט אָנגעוויזן אויפן אורח, וואָס האָט גענעכטיקט אין שטוב. ר׳ זיינוועלע האָט אים געפרעגט צי ער האָט נישט געזען די קייט פערל? האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. „אפשר דאָך, נישט ווילנדיק איז עס אַריין אין קעשענע!״ דער אורח לייקנט שטיין און ביין.

גראַד איז אַריינגעקומען אברהמקע שמש, און ר׳ זיינוול האָט אויף אים אַרויפגעגאָסן דעם גאַנצן „שפוך חמתך״: פאַר וואָס האָסטו מיר צוגע־שאַנצט אַן אורח אַ גנב און אַ זבראַדניאַר?

איז אברהמקע שמש שנעל צוגעלאָפן צום אורח און אויסגעשריגן:

— שוין זאָלסטו אָוועקגעבן די געגנבעטע פערל! האָסט געהערט וואָס מען רעדט צו דיר, צי נישט! אַזוי רעדנדיק האָט ער אים אַראָפּגעלאָזט אַ פייערדיקן פּאַטש אין באַק אַריין...

אברהמקע האָט זיך נאָך נישט באַגנוגנט מיט דעם. ער האָט אויפגע־הויבן די האַנט און געוואָלט אים נאָכלאָזן נאָך אַ פּאַטש. דאָ האָט זיך ר׳ ליפּעלע אויפגעשטעלט אין דער גאַנצער הויך:

— שוין גענוג, אברהמקע! האָסט שוין מיר מיינס אָפּגעצאָלט! אָט איז שוין דער צייכן פון הימל...

ערשט איצט האָבן אַלע מיט אַ מאָל דערזען, אַז דער אורח איז נישט קיין אַנדערער נאָר ר׳ ליפּעלע דער שאַריגראַדער רב. אברהמקע האָט זיך שנעל אויסגעטאָן די שיך, געבעטן אַ נזיפה פון רב אין די זאָקן, און ר׳ זיינוועלע האָט אַרומגעכאַפּט דעם רב מיט פריינדשאַפט:

— מיר האָבן געוווּסט, אַז אונדזער רב איז אַ גאון, איצט וויסן מיר, אַז אונדזער רב, זאָל לעבן, איז אַ צדיק אויך...

אַ קדחת...

מענטשן זאָגן, אַז אַ קדחת איז נישט קיין קרענק. אָבער די וואָס זאָגן אַזוי, זענען נאָך קיין מאָל אויף אַ קדחת נישט קראַנק געווען. דער וואָס האָט שוין געהאַט אַ קדחת, דער ווייסט וואויל, אַז אַ קדחת איז אַ מיאוסע קרענק, איי, איי, אַ קרענקעלע! אויף אַלע שונאי־ישׂראל געזאָגט געוואָרן. מען זאָל נישט געשטראָפט ווערן! אַז אין בויך נעסטלט זיך אַ קדחת, ברענט דער קאָפּ ווי אַ העליש פֿייער; די היץ דערשלאָגט ביז צום מוח, און אין קערפּער יאָגט אַ ווייסטע קעלט, ווי אַ זאַוויערוכע חנוכּה־צייט; די פֿיס ווערן שווער און שלאַבעריק, כאָטש רוף אַ סטאָליער ער זאָל זיי צושרויפֿן; די ציין קלאַפּן ווי אַ צדקה־פּושקע, די נאָז איז פֿאַרשנאָשקעט, אין די אויגן דרייען זיך רויטע פֿייערצונגען, כאָטש נעם און וואַרף זיך פֿון איין בעט אין אַנדערן. היינט גיי און זאָג אַז אַ קדחת איז נישט קיין קרענק!.. דער אמת איז, אַז די וואָס זאָגן אַז קדחת איז נישט קיין קרענק, די ווייסן אַ קדחת...

כּדי צו גרונטפֿעסטיקן מיינע רייד, וועל איך אייך דערציילן אַ מעשׂה פֿון אַ קדחת וואָס איז געשען ביים קאָזשעניצער רבין.

ווי עס איז באַוווּסט אין דער וועלט, איז דער קאָזשעניצער מגיד געווען אַ גרויסער בעל־צדקה. וויפֿל געלט עס איז צו אים אַריינגעפֿאַלן פֿון פּדיונות און פֿון „כּוללות", וואָס די חסידים פֿלעגן צאָלן אַלע חודש, האָט עס אַלץ דער רבי פֿאַרטיילט פֿאַר אָרעמע־לייט, געפֿאַלענע סוחרים, פּדיון־שבויים, אָרעמע חתן־כּלה, יולדות און אַנדערע נצרכים. פֿאַר זיך אַליין און זיין הויזגעזינד האָט זיך דער רבי באַגנוגנט מיט אַ שטיקל ראַ־

זאָווע ברויט, אַ ציבעלע און אַ שיסל זויערמילך פאַר אָנבייסן, און אַ ביסל פאַלשע יויך מיט אַן אָנגערייטשע האָבער־גריץ צום וואַרעמעס. אַחוץ שבת און יום־טוב איז קיין שטיקל פלייש אין שטוב אַריין נישט געקומען. אַ מלבוש האָט מען זיך געמאַכט נאָר צו אַ שול־פירן און צו אַ חומש־סעודה. אַ דאָקטאָר האָט מען נישט גענוצט אין הויף, ווייל דעם רבינס ברכה איז געווען די בעסטע רפואה. חוץ דעם האָט זיך אַרומגעדרייט אין רבינס הויף דער דאָקטאָר גאָרדאָן, וואָס איז אַ מאָל געווען דער רופא פון קיסר, היינט — אַ בעל־תשובה, אַ חסיד ווי אַלע חסידים. טאָ צו וואָס האָט דער רבי געדאַרפט געלט? טאַקע נאָר אויף צדקה.

אַ מאָל איז אָנגעקומען קיין קאָזשעניץ דעם רבינס אַ קרובה פון מאַגנישעוו. זי איז געווען דעם רבינס אַ גליד־שוועסטערקינד פון דער מאַמעס צד. אַ יידענע אַ צדיקת, וואָס איר מאַן איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין בית־המדרש און געלערנט, און זי האָט צוגעהאַנדלט מיט הייסע באָבעס, געזאָטענע אַרבעס און אייער־בייגל. מיט דעם האָט זי מפרנס געווען דעם מאַן און געהאָדעוועט די קינדער. אָבער אָט איז אונטערגעוואַקסן אַ טאָכ־טער, אַ בוגרת, וואָס איז שוין ראוי געווען צו דער חופה. טאָ דאַרף מען דאָך אַ ביסל געלט אויף נדן, אויסשטייער, אַ דירה פון אַ חדר מיט אַן אַלקער און אַנדערע חתונה־הצטרכותן. פון וואַנען וועט מען דאָס נעמען? דאָ איז געקומען איר מאַן, אַ ייד אַ תלמיד־חכם, און ווו תורה איז חכמה — און האָט אים געגעבן אַן עצה: אַזוי ווי דער קאָזשעניצער מגיד איז דאָך איר אַ גליד־שוועסטערקינד, ממש אַ ריכטיקער שני־בשלישי, על־כן איז כּדאַי זי זאָל צופאָרן קיין קאָזשעניץ און בעטן דעם רבין, ער זאָל זי אַרויסהעלפן אין דער נויט. עס איז נישט קיין בושה צו בעטן הילף ביי אייגן בלוט און פלייש. בפרט חתונה צו מאַכן אַ קינד, וואָס די גמרא זאָגט, אַז מען מעג פאַרקויפן אַ ספר־תורה, אַבי צו שאַפן חתונה־הוצאות. בפרט אַז דער רבי איז אַ גרויסער בעל־צדקה פאַר פרעמדע מענטשן. על־אחת־כּמה־וכמה, אַז עס קומט אַ קרוב, איז דאָך די מיצווה נאָך גרעסער, ווי דער נביא שרייבט: „ומבשׂרך אַל תתעלם"...

די חכמים זאָגן: „וועלכע הייסט אַ גוטע יידענע? — די וואָס פאָלגט

וואָס דער מאַן זאָגט", האָט טאַקע די ייִדענע זיך אָנגעטאָן די שבתדיקע רעטאָנדע מיט אַ צוויי דריי פּאַטשיילעס אויפֿן קאָפּ. מיטגענומען אַ קוישל מזונות און אָפּגעדונגען אַ מקום אין בויד פֿון אַ בעל־עגלה, ער זאָל זי מיטנעמען קיין קאָזשעניץ.

אָנגעקומען קיין קאָזשעניץ, האָט זי די קאָזשעניצער רביצין אויפֿגענומען, ווי מען נעמט אויף אַ קרובה. מען האָט זיך צעשמועסט איבער די משפּחה־מיטגלידער, געהערט פֿון געשטאָרבענעם קרוב, האָט מען געשנייצט די נאָז מיט אַ פֿייף; פֿון אַ פֿריילעכער בשׂורה, האָט מען זיך געפּאַטשט אין פֿאַרטעך. אַזוי האָט מען אָפּגעשמועסט אַ פּאָר שעה, ביז מען איז צוגעקומען צום עיקר־מעשׂה. האָט זי די רביצין געראָטן, אַז זי זאָל מאָרגן באַלד נאָכן דאַווענען אַריינגיין צום רבין און אָפּגעבן דאָס קוויטל, וואָס איר מאַן האָט אָנגעשריבן נאָך אין מאַגנישעוו.

דער שטייגער אין קאָזשעניץ איז געווען, אַז מען פֿלעגט יעדן טאָג צולאָזן צום רבין צו ערשט מענער, דערנאָך ווייבער. דאָס מאָל האָט די רביצין געבעטן די גבאים, אַז זיי זאָלן איבערדרייען די יוצרות: צו ערשט ווייבער, און קודם־כּל די קרובה פֿון מאַגנישעוו. עס איז געווען אַ שׂכל דערין. די רביצין האָט מורא געהאַט, אַז דער רבי זאָל זיך נישט מקדים זיין און אויסטיילן דאָס גאַנצע געלט פֿאַר אָרעמע־לייט צווישן די מאַנצבילן, און ווען עס וועט קומען די ריי פֿון דער מאַגנישעווער קרובה, וועט שוין זיין אַ ליידיקער בייטל... אָבער דער רבי האָט נישט געוואָלט משנה זיין דעם מינהג, און אַז די מאַגנישעווער ייִדענע איז אַריינגעקומען מיטן קוויטל, איז שוין אויפֿן טיש נישט געלעגן קיין איין גריצער.

מען האָט באַשיימפּערלעך געזען ווי דער רבי האָט גרויס צער פֿון דעם. פּאַרט אַ קרובה פֿון דער מאַמעס צד. האָט ער זיך געדרייט אין יחוד־צימער אַהער און אַהין, באַוועגט מיט די ליפּן און געמאַכט מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך מיט עמעצן אויסגעשמועסט. דערנאָך האָט ער זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו דער קרובה:

— נו, נו, גוט! איך וועל שוין זען דיר צו געבן... אַ קדחת.

די ייִדענע איז פּשוט פֿאַרציטערט געוואָרן. דאָס האַרץ איז איר אַראָפּגעפֿאַלן ביז צו די פֿיס, און די קני̇ען האָבן זיך איר איינגעבראָכן ווי אַ

האַלעווושקע אין אַ שׂרפה. אַט האָסטו אַ מיסחר! געקומען בעטן אַ ביסל געלט חתונה צו מאַכן אַ קינד, גיט איר גאָר דער רבי אַ קדחת!.. ערשט מיט דריי פערטל יאָר צוריק איז זי, קוים מיט נסים, אויפגעשטאַנען פון אַ קדחת. עס טוט איר נאָך הייַנט וויי דער גאַנצער גוף. הייַנט נאָך אַ מאָל אַ קדחת... ווי' וועט זי דאָס אויסהאַלטן?.. עס וואָלט שוין בעסער געווען — האָט זי געטראַכט — ווען זי קומט אין גאַנצן נישט קיין קאָזשעניץ. מילא, וואָלט די טאָכטער וואַרטן נאָך אַ יאָר צו דער חופה, אָבער זי וואָלט זיך איינגעבראָכט לפּחות דעם קדחת...

דער גבאַי האָט דערווייל זי אַרויסגעבעטן פון רבינס יחוד־חדר. אין דרויסן האָט זי זיך צעוויינט און צעכליפּעט, קוים געפונען די טיר צו דער רביצינס צימער.

אין אָוונט איז די רביצין אַריין צום רבין מיט אַ טענה, פאַר וואָס ער באַהאַנדלט אַזוי אַ קרובה פון דער מאַמעס צד? האָט דער רבי מסכּים געווען נאָך אַ מאָל אַרייַנצורופן די ייִדענע, געגעבן איר אַ בלייַשטיפט מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, זי זאָל אויפשרייבן דעם גאַנצן חשבון, וויפל עס דאַרפן קאָסטן די חתונה־הוצאות. די ייִדענע איז צוגעקומען צו אַ קימאַ־לן פון פופציק גולדן רוסיש געלט. דער רבי האָט נאָכגעקוקט דעם חשבון, געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער איז מסכּים און צוגעגעבן:

— אַוודאַי־ אַוודאַי וועט מען מוזן זען, עס זאָל זייַן דער ריכטיקער קדחת...

די ייִדענע איז שוין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. צו מאָרגנס האָט זי דורכגעזאָגט גאַנץ תהילים מיט רוב תּחינות און געפאַסט אַ האַלבן טאָג ביז מינחה.

נאָך מיטאָגצייַט איז צוגעפאָרן צום רבינס הויז אַ פאַרגילדעטע קאַטש מיט פיר פערד נאַשפּיץ. עס איז געווען גראַף ווילקאָמירסקיס פעטער, אַן אַלטער פריץ, וואָס האָט שוין געקראָגן אַ מאָל אַ ברכה פון רבין און זי איז מקויים געוואָרן. איצט האָט ער דערציילט דעם רבין, אַז זייַן ווייב, די אַלטע פריצה, האָט נעכטן פּלוצעם באַקומען אַ וואַרפעניש פון היץ און קעלט, אַז אַלע ביינער טרעשטשען איר. די הויפדאָקטוירים זאָגן אַז

עס איז אַ קדחת און האָבן גאָרנישט קיין מיטלען דערצו. דער פּריץ האָט אַרויפגעלייגט אויפן טיש פּופּציק גולדן פּאַר אַ פּדיון.

אַ לייכט שמייכעלע האָט אַרומגעשוועבט דעם רבינס ליפּן. ער האָט צוגעווונטשן דעם פּריץ אַ רפואה־שלימה און אים אַרויסבאַגלייט ביז צו דער טיר.

אַז די מאַגנישעווער ייִדענע האָט איבערגעציילט די מאָטניע, האָט זי געטראַכט ביי זיך: אַזאַ קדחת פּאַר אַלע מיינע גוטע פריינד געזאָגט געוואָרן, אָמן...

אַ ברכה...

דער רימאַנאָווער רבי ר׳ צבי הערשל איז געווען אַ כּהן. דעריבער, אַז עס איז געקומען צו אים אַ חסיד בעטן אַ ברכה פלעגט ער אים אַרויפלייגןביידע הענט אויפן קאָפּ און בענטשן מיט ברכת הכּהנים. דאָס איז גע־רעדט געוואָרן ביי אַ חסיד אַ מאַנספאַרשוין. טאָמער האָט אַ פרוי געוואָלט אַ ברכה פון רבין, האָט ער אויפגעהויבן די הענט הויך איבער איר קאָפּ און האָט זי געבענטשט מיט אַ ניגון: „יברכך השם וישמרך״, אַזוי ווי כּהנים ביים דוכענען.

אַ מאָל האָט אים אַ ייִדענע, אַ בת־טובים, געבעטן אַז ער זאָל אַרויפ־לייגן זיינע הענט אויף איר קאָפּ, אַזוי ווי ביי אַ מאַנספאַרשוין. האָט ער זי געפרעגט, ווי אַזוי זי בענטשט ליכט ערב־שבת. די ייִדענע האָט אים געוויזן ווי זי דרייט מיט די הענט אַרום די ליכט. האָט זי דער רבי ווייטער געפרעגט: פאַר וואָס זי לייגט נישט אַריין די הענט אין די הייליקע שבת־ליכט? די פרוי האָט זיך געוווּנדערט: „וואָס הייסט! אין די ליכט? עס בריט דאָך! דער רבי האָט צוגעשמייכלט: „יאָ, מיין טאָכטער, אַרויפ־לייגן הענט אויפן קאָפּ פון אַ ייִדענע בריט אויך...״

נאָר בלויז אין צוויי אויסנעמלעכע פאַלן, ווען מען איז געקומען בעטן פון אים אַ ברכה, האָט דער רבי, דער כּהן, נישט געבענטשט מיט ברכת הכּהנים ווי זיין מינהג איז געווען. אין איין פאַל האָט ער נישט געבענטשט נאָר — געשאָלטן. אין אַנדערן פאַל האָט ער אַנשטאָט איין ברכה, גע־בענטשט זיבן ברכות.

די מעשה פון ערשטן פאַל איז געווען ווען דער רבי איז דורכגע־פאָרן די שטאָט בראָדי. עס איז אַריינגעקומען צו אים אַ יונג פאַרפאָלק אין חסידישער קליידונג. ער אין אַ ייִדענער זשיפּיצע, און זי — פאַרדעקט

דעם קאָפּ מיט אַ שוואַרצן שאַל ביז איבער די אויגן. דער מאַן האָט דער־לאַנגט אַ גרויסן פּדיון און זיך געקלאָגט פאַרן רבין, אַז ער לעבט שוין צען יאָר מיט זיין ווייב און האָט נישט קיין קינדער. ער וויל זי אָפּגטן, ווי דער דין איז, און זי איז נישט מסכּים צו נעמען אַ גט. על־כּן בעט ער, אַז דער רבי זאָל אים צווינטשן אַ בן־זכר, וועט צוריק ווערן שלום־בית. דער רבי האָט זיי אָנגעקוקט אַ לאַנגע ווײַלע און האָט אַזוי געזאָגט צום מאַן:

— דיין פרוי קען איך גאָרנישט ווינטשן. איך קען נאָר דיר בענטשן, אַז דו זאָלסט בקרוב טראָגעדיק ווערן... אַזוי רעדנדיק האָט דער רבי אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּדיון־געלט און אַ שליידער געטאָן אים אין פּרצוף אַריין.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָבן די בראָדער משׂכּילים גע־שיקט די צוויי יונגע־לייט זיי זאָלן אָפּנאַרן דעם רבין, מען זאָל קענען אַ ביסל חוזק מאַכן פון חסידים... די גבאים האָבן זיי, די צוויי חוזק־מאַכערס, אָנגעלייגט מיט גוטע שלעק, און די צוויי קאַנדידאַטן זענען באַלד אַוועק מיט טראָגעדיקע געשוואָלענע בייכער...

דער אַנדערער פאַל איז געווען אין רימאַנאָוו אין רבינס יחוד־חדר. עס איז געווען אַ ווינטערדיקער פאַרנאַכט. דאָס איינציקע פענצטער פון רבינס חדר האָט אַרויסגעקוקט אויפן מיקווה־דאַך. אַ ווײַס רויכל האָט זיך געשלענגלט פון באַדקוימען אין הימל אַריין. אַ געלבלעכע זונשיין האָט זיך פאַרגנבעט אויפן וואַנט אַנטקעגן פענצטער. דאָרט איז געהאָנגען אַ פאַרשטויבטער „שויתי״ מיט אַן אויסגעמאָלטן לייב, אָדלער, הירש און אַ לעמפּערט, און געציקלטע סופרישע אותיות. אַ שפּינוועבעכץ האָט זיך פאַרצויגן פון „שויתי״־ראַם ביזן סופיט. אין ווינקל, אויף אַ קאָמאָד, איז געלעגן אָנגעוואָרפן אַ בשׂמים־ביקס, אַ קידוש־בעכער, אַ חליצה־שוך, אַן אַרבע־כּנפות און הדסים פון אַן אתרוג. דער דיל איז געווען בלאָטיק און קויטיק. עס איז קענטיק געווען, אַז עס איז נישטאָ קיין רביצין אין שטוב. שוין מער ווי אַ יאָר ווי דער רבי איז אַן אלמן, און עס פירט זיך אַלץ ווי אַ שיף אָן אַ רודער.

דער רבי, אַ הויכער, שיינער מאַן אין די פופציקער יאָרן, מיט אַ לאַנגער שפּיצנבאָרד, אין אַ ווייסן זיידענעם כאַלאַט, מיט אַ קאָלפּיק אויפן

קאָפּ, איז געזעסן אין אַ פּאָטערשטול. אויפן טיש איז אָנגעלייגט געווען אַ הויפן קוויטלעך מיט פּדיון־געלט. דער גבאי האָט אַריינגענומען און אַרויס־געפירט חסידים, וואָס זענען געקומען זיך פּראַווען און בעטן אַ ברכה.

עס איז טונקל געוואָרן. דער שמש האָט אָנגעצונדן אַ פּאָר ליכט אין קופּערנעם הענגלייכטער. עס איז אַריינגעקומען אַ הויכגעשטאַלטיקע פרוי אין אַ זיידענער יופּע און אַ שטערנטוך. זי האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ קוויטל מיט אַ פּדיון און זיך צוריקגערוקט הינטערווייַלעכץ. דער רבי האָט איבערגעלייענט דאָס קוויטל איין מאָל און נאָך אַ מאָל. ער האָט אונ־טערגעשפּאַרט מיט אַ האַנט דעם הויכן שטערן און זיך פאַרטראַכט. די פרוי האָט זיך צעוויינט. שוין מער ווי אַ יאָר, ווי איר מאַן איז געשטאָרבן, נישט געהאַט מיט אים קיין קינדער. איינע אַליין אין שטוב, ווי אַ שטיין. על־כּן בעט זי, אַז דער רבי זאָל זי בענטשן מיט אַ גוטן זיווג.

דער רבי האָט זי אויסגעפרעגט ווי איר פאָטער האָט געהייסן, ווער איר מאַן איז געווען, און ווו זענען זיי געזעסן. דערנאָך האָט ער זיך אָנ־גערופן:

— איך האָב פאַר דיר אַ גוטן שידוך. גאַרנישט קיין קרומע זאַך!

די פרוי איז שטיין געבליבן פאַרשטאַרט, מיט אויפגעריסענע אויגן געוואַרט דער רבי זאָל ווייטער רעדן. אַ שידוך? דאַרף ער דאָך זאָגן מיט וועמען איז דאָ דער מדובר! אָבער דער רבי האָט געשוויגן. דער גבאי האָט זיך דערנענטערט צום טיש. עפּעס גאַרנישט קיין געוויינטלעכע זאַך. דער שמש ביים טיר האָט אויפגעשטעלט די אויערן. פון ווען אָן איז דער רבי אַ שדכן?

די פרוי האָט שוין פאַרלוירן דאָס געדולד. זי האָט אַרויפגערוקט דאָס שטערנטיכל פון שטערן. אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט מיט נייגער. זי האָט געפרעגט:

— הייליקער רבי! איך וואָלט געוואָלט אַ גוטן, ערלעכן מאַן, אַ תּלמיד־חכם. עס איז מיר געבליבן אַ ביסל געלט אויף פּרנסה, אַ שיינע דירה. זאָל דער רבי זאָגן וועמען ער וויל מיר שדכענען.

דער רבי האָט זיך אָנגענומען פאַר דער שפּיץ באָרד און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— נו, אַוודאי! איך מיין טאַקע זיך אַליין...

פּייערפונקען זענען אַרויס פון מיקווה־קוימען. דער גבאי האָט זיך פאַרשלוקערצט, ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ האַלבן לויתן. דעם שמש האָט אָנגעכאַפּט אַ קראַצעניש אין שיטערן בערדל, ביי דער גאָמבע. די פרוי איז רויט געוואָרן, ווי דעם רבינס טאַשנטוך. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן־וויִעס און אַרויסגעשעפּטשעט שטיל:

— אַז דער רבי וויל, בין איך אַוודאי מסכּים...

דער רבי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויף דער אשה, און געהייסן דעם שמש אַריינרופן אַ פּאָר היימישע חסידים פון די יושבים. מען האָט געבראַכט לעקעך און בראָנפן, געטרונקען לחיים, און דער רבי האָט דערציילט, ווי אַזוי ער איז געקומען צום דאַזיקן געדאַנק:

— ווי איר ווייסט, ייִדן, בין איך יונג אַ יתום געוואָרן און מיין פעטער האָט מיר אָפּגעגעבן פאַר אַ הילפסייִנגל צו אַ שניידער אין דאָמבראָוונע. ווי דער שטייגער איז פון אַ לערן־ייִנגל, בין איך יעדן פרייטיק געווען דער שליח אָפּצוטראָגן אין די הייזער פון די בעלי־בתּים די פאַרטיקע אַרבעט. אין דער שולגאַס האָט געוווינט אַ משפּחה מיט אַ סך קינדער. פלעגט מיר אויסקומען אָפט צו ברענגען דאָרט די באַשטעלטע בגדים פאַר די קינדער. אַנדערע מענטשן פלעגן אויסקאַפּען צו ביסלעך דאָס שניידערגעלט. דאָרט, ביי דער משפּחה, האָב איך תּמיד געקראָגן באַצאָלט, און נאָך אַ גרייצער פאַר מיר, פאַרן וועג. פרייטיק, מיטאָגצייט, איז שוין ביי דער משפּחה געווען אַלץ גרייט לכבוד שבת. אַ ווייסער טישטעך אויפן טיש, חלות, ווייִן, אַ קידוש־בעכער. דער פאָטער, אַ שיינער ייִד אין שבתדיקע בגדים, איז געזעסן ביים טיש און מעביר־סדרה געווען מיט אַ שיין קול. איך האָב ממש געפילט דעם הייליקן ריח פון שבת־קודש. האָב איך דעמאָלט גע־טראָגן אויף מיינע ליפּן אַ שטילע תּפילה: הלוואי זאָל איך זוכה זיין, ווען איך וועל עלטער ווערן, צו זיין אַ חתן אין אַזאַ שטוב... ווייזט אויס אַז מיין תּפילה איז אָנגענומען געוואָרן אין הימל, און די דאָזיקע פרוי איז טאַקע אַ טאָכטער פון יענער טייערער משפּחה... דעריבער, ייִדן, לאָמיר טרינקען לחיים, מזל־טוב! עס זאָל זיין אַ קשר של קיימא, און מיר זאָלן זוכה זיין צו אַ דור ישרים יבורך!..

אַ חתן

אין רבינס הויף פון אַליק האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ חסר־דעה. ער איז אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, באַוואַקסן ווי אַ בעזשענע. אַ גאַנצן טאָג איז ער אָפּגעשטאַנען ביים אַלמער פון ספרים, געקוקט, גע־לייענט און געמישט די בלעטער פון ספרים. אַז עמעצער האָט גערעדט צו אים, האָט ער אַנגעשטעלט אַ פּאָר שוואַרצע פינצטערע אויגן, ווי פּאַרלאָ־שענע קוילן. ער האָט געגעסן ביי דער רביצין אין קיך און געשלאָפן אין דער ווייבערשול אויף אַ זאַק שמות. ווייסע־חברהניקעס האָבן געוואָלט אַ ביסל חוזק מאַכן פון אים, אָבער דער רבי האָט אַנגעזאָגט, מען זאָל, חלילה, אים נישט טשעפּען.

אַ מאָל איז געקומען קיין אַליק אַ חסיד פון דובנע. האָט ער אים גלייך דערקענט. ער האָט דערציילט די חסידים זיין געשיכטע, אַז ער איז זיינס אַ שטעטלדיקער. מען רופט אים זבולקע אפרת. ער איז געווען אַ מאָל אַן עילוי און אַ רייכער איידעם, נאָר זיין גאַנצע משפחה איז אומגעקומען ביי אַן אונטערגאַנג. פון צרות איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. עס איז שוין באַלד אַ יאָר, ווי ער איז פאַרשווונדן פון שטעטל. זיין טאַטע איז געווען אַ הייסער אַליקער חסיד, איז ער אויך אַוודאי דאָ אַהערגעקומען צו באַקלאָגן אין האַרצן זיין גרויס אומגליק.

אַריבער אַ יאָר פון אומגליק, האָט דער רבי אַריינגערופן זבולקען צו זיך אין חדר, געזאָגט אים אַ ביסל מוסר, אַז ער מוז זיך נעמען אין די הענט אַריין, מען טאָר נישט אַזוי אָפּפינצטערן אַ גאַנץ לעבן. זבולקע האָט נישט געענטפערט אַ וואָרט. דאָך האָבן געווירקט דעם רבינס רייד, ווייל ער איז אַוועק צום פריזיער און זיך אָפּגעשוירן די לאַנגע קאָלטענעס.

ביסלעכווייז האָבן זיינע אויגן אויפגעלעבט, באַקומען אַ גלאַנץ. ער האָט שוין געענטפערט אַ וואָרט, אַז מען האָט גערעדט צו אים, אַ מאָל אַ שמייכל געטאָן. איצט האָבן מענטשן באַמערקט, אַז ער האָט שיינע אויגן, ווי געוואַשענע קאַרשן, אַ פיין־געשניטענע נאָז. ווען ער וואָלט זיך אַ ביסל אָנגעטאָן ווי אַ מענטש, געגעסן צו דער זאַט, זיך אָפּגעוואַשן, וואָלט ער געווען גאָר אַ שיינער יונגער־מאַן.

נאָך אַ פּאָר חדשים אַריבער, האָט דער רבי אים ווידער גערופן און צוגערעדט, אַז ער זאָל נעמען טראַכטן פון אַ שידוך. זבולקע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים געביסן. אָבער די רביצין אין קיך האָט אים אַלע מאָל דערמאָנט, וואָס דער רבי האָט פאַרלאַנגט. זי האָט געטענהט, אַז אַפילו אַ וואָלף האָט אויך אַ בת־זוג, און עס איז נישט דער שטייגער פון דער וועלט, אַז אַ מענטש זאָל זיך אַרומדרייען אַ האַלבער גוף... אַז מען רעדט טאָג־איין, טאָג־אויס, ווירקט עס. זבולקע האָט שוין מסכים געווען מען זאָל אים רעדן אַ שידוך. אָבער, צו זיינע גרויסע צרות — האָט אים קיינער נישט געוואָלט. ווער וועט דאָס נעמען אַן אָפּגעריסענעם אורוויס, אַ האַלבן משוגענעם? אַפילו פאַרזעסענע מוידן, מיט גרויע צעפּ און אָן נדן, האָבן אים אויך נישט געוואָלט.

האָט אים איין מאָל אַריינגערופן דער רבי צו זיך אין יחוד־חדר און האָט אים געהייסן פאָרן אין אַ דאָרף ביי ראַוונע, וווּ עס וווינען עטלעכע יידישע משפחות, וואָס אַרבעטן ביים יידישן פּריץ אין פאָלוואַרק.

— אַז מען וועט דיר רעדן אַ שידוך דאָרט — האָט דער רבי אים געראָטן — זאָלסטו מסכים זיין. טאָמער וועט זיין אַ סיכסוך מיט די מחותנים, זאָלסטו טענהן, אַז ר׳ הירש לייב פון אַליק איז דיין רבי, און ביי אים ביסטו גרייט זיך צו לאָדענען.

זבולקע האָט זיך געבאָרגט אַן אָפּגעניצט מלבוש פון אַ חסיד, אַ יושב, און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

עס איז געווען אַ וואַרעמער זומערטאָג. זבולקע איז אָנגעקומען אין דאָרף נאָך מיטאָג. פאַרשמוצט, פאַרשמאָדערט, קרוע־בלוע. טראָפּנס שווייס האָבן זיך געריזלט אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן, ווי רעגן־טראָפּנס אויף אַ שמוציקן פענצטער. ער האָט דערזען די אימעניע מיט אַ שיין שטאָקיק

הויז. אַ מזוזה אויפֿן פֿאַראַדנעם טויער. ער האָט געטראַכט, מן־הסתם אַ יידישער פּריץ, וועט ער אַריינגיין בעטן עפּעס עסן. אַ בייזער הונט איז אויף אים אָנגעפֿאַלן און אָפּגעריסן אַ שטיק קאַפּאָטע. אַ נס וואָס אַ ייִדענע האָט געהערט די געוואַלדן, איז זי אַרויס פֿון שטוב און אים אַרויסגע־ראַטעוועט פֿון דעם הונטס שאַרפֿע ציין. זי האָט אים אַריינגענומען אין קיך און דערלאַנגט אַ לעפֿל וואַרעמס.

געהערט פֿון אַן אומגעריכטן אורח, האָבן זיך אין קיך פֿאַרזאַמלט אַלע דינסטמוידן און יונגען פֿון פֿאָלוואַרק, זשעדנע צו זען אַ פֿרעמדן מענטש, בפֿרט אַזעלכן, אין חסידישער קליידונג, און די אָפּגעריסענע קאַפּאָטע צע־ריסן פֿון הונט. זיי האָבן געקוקט אויף זבולקען ווי אויף אַ בייז ווונדער. אַ מויד האָט אַ כיכע געטאָן, אַלע האָבן זיך גענומען שטיקן מיט אַ גע־לעכטער. די ייִדענע וואָס האָט אים געראַטעוועט פֿון הונט האָט זיך גע־פֿאַטשט אין פֿאַרטעך, אָנגעשריגן, פֿאַר וואָס זיי כאָכאַטשען אויף אַ פֿרעמדן מענטשן. מען האָט נאָך מער געלאַכט. די ייִדענע האָט שוין אויך געלאַכט, אַפֿילו זבולקע האָט אויך מיטגעלאַכט. אַ הויכער יונג מיט אַ ברייט מויל, ווי אַ לויתן, האָט געפֿרעגט זבולקען, צי ער האָט אַ ווייב מיט קינדער. זבולקע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. אַ דיקע מויד מיט אַ שוואַרץ פּעפּערל אויף דער נאָז האָט אים אָנגעבאָטן, אפֿשר וויל ער אַ שידוך? זבולקע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

עס איז אויסגעבראָכן אַ ווילד געלעכטער. מען האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן.

עס איז אָנגעקומען פֿון דרויסן בת־שבעלע, דעם פּריצס טאָכטער, אַ שיין מיידל מיט פֿרישע רויטע בעקלעך, ווי עפּעלעך, פֿון אַ יאָר זיבעצן. זי איז געווען באַגלייטן די עלטערן, וואָס זיינען געפֿאָרן אויף אַ חתונה קיין לוצק. זי האָט אָנגעקוקט דעם אורח מיטן גאַנצן געלענדער. אַלע האַלטן זיך פֿאַר די בייכער פֿון געלעכטער, האָט זי אויך גענומען לאַכן מיט אַ שטיל געלעכטער.

די מויד מיטן פּעפּערל האָט זיך אָפּגערופֿן צו זבולקען:

— אָט האָסטו דאָ אַ פֿולע שטוב מיט מוידן. קלייב זיך אויס מיט וועמען דו ווילסט חתונה האָבן!..

זבולקע האָט זיך געלאָסן אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און אָנגעוויזן אויף בת־שבעלען.

איינער פון די יונגען האָט געברענגט צו שלעפן אַ שמאַטע מיט פיר בעזעמער און ער האָט אויסגעסטרויעט אַ „חופּה". בת־שבעלע האָט נישט געהאַט קיין גרויס חשק צום שפּיל, אָבער די מוידן האָבן זי אונטערגעשטופּט. דער הויפשמייסער האָט גענומען בלעקען ווי אַ חזן „בואי כּלה", און מען האָט די „כּלה" אַרומגעדרייט זיבן מאָל אַרום דעם „חתן". געווען דאָרט אַן אַלטער ייִד, אַ מלמד, האָבן אים די יונגען מיט כּוח געבראַכט, ער זאָל זאָגן די שבע־ברכות. אַ מויד האָט אויסגעטאָן אַ רינגל, געגעבן דעם „חתן". זבולקע האָט אויך געזאָגט דעם „הרי את" און האָט צעטראָסקעט דאָס גלאָז מיט אַ געבראַזג אויף פּיץ־פּיצלעך... „מזל־טוב", האָבן זיך אַלע צעשריגן מיט רויע קולות, ווי אַ דאָרפישע חברה, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מיצווה־טענצל. איצט איז שוין דער חתן נישט נייטיק געווען. זבולקע האָט זיך אַרויסגערוקט אומבאַמערקט פון קיך, אַוועק שלאָפן אין סטאַדאָלע. דאָס יונגוואַרג האָט נאָך אַרומגעצאַפּלט, געטאַנצט ביז חצות.

צו מאָרגנס זענען אָנגעקומען פון לוצק בת־שבעלעס עלטערן. ער, דער פּריץ, אַ הויכער, ברייטבייכיקער ייִד מיט אַ ברייטער פעך־שוואַרצער באָרד, האָט זיך אויסגעטאָן דאָס רייזע־מאַנטל, געגעבן באַפעלן די פּאַראָב־קעס. זבולון האָט זיך צוגעשאַרט צום פּריץ און אַ זאָג געטאָן: „אַ גוטן תּמיד, שווער!..." דער הויכער פּריץ האָט אויף אים אַראָפּגעקוקט האַלב לצנות, האַלב ערנסט: „ווער ביסטו דאָס?" זבולקע האָט ווייטער גערעדט: „אַ שאָד, שווער לעבן, וואָס איר זענט נישט געווען נעכטן אויף דער חתונה!..." דער פּריץ האָט שוין געטראַכט צו רופן דעם קוטשער, ער זאָל אים אָנברעכן די ביינער און אַרויסוואַרפן. אָבער דאָס געדעמפּטע שטיל־שווייגן פון אַלע אַרומיקע האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ פּאַרדאַכט. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געפרעגט די אַלטע קעכין, וואָס איז דאָ געשען? האָט זי אים דערציילט די גאַנצע מעשה פון אָנהייב ביזן סוף, וואָס ס'איז נעכטן געשען.

דער פּריץ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אָנגעכאַפּט זיך פאַרן האַרץ. די קאָ־לירן האָבן זיך אים געביטן אין פּנים. ער האָט שוין אויפגעהויבן די האַנט,

געוואַלט דורסן זבולקען, ווי אַ בייזע חיה פאַרצוקט אַ לעמעלע. אָבער ער האָט זיך באַזיגט. וואָס וועט דאָ העלפן אַ סקאַנדאַל. בעסער מיט גוטן.

ער האָט אַריינגערופן זבולקען אין קאַנטאָר, דערלאַנגט אים פופציק רובל, ער זאָל מיט אים פאָרן קיין ראַוונע צום רב זיך גטן, קיינער זאָל נישט וויסן. צו זיין איבערראַשונג האָט זבולקע נישט מסכים געווען:

מיין רבי איז ר׳ הירש לייב אַליקער. איך בין גרייט אַ דין־תורה האָבן מיט אייך נאָר ביי אים...

דער פריץ האָט שיעור נישט געקריגן אַן אַפּאָפּלעקסיע. נישט געווען קיין עצה. ער האָט געהייסן שפּאַנען די פערד און פאָרן קיין אַליק.

ר׳ הירש לייב האָט אויסגעהערט די טענות פון די בעלי־דינים און געפּסקנט, אַז דער פריץ דאַרף געבן זבולקען פינף טויזנט רובל, און דעם גט וועט ער קענען קריגן ערשט אין אַ יאָר אַרום.

מילא, אַז דער רבי האָט געפּסקנט, איז דאָך נישטאָ קיין ברירה. דער פריץ האָט געסילוקט די פינף טויזנט רובל און איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ גרויס האַרצווייטיק.

באַקומען מיט אַ מאָל אַזוי פיל געלט, האָט זבולקע זיך געקויפט שיינע בגדים. ער האָט זיך אָנגעדונגען צו עסן און שלאָפן אין אַ שיינער בעל־הביתישער שטוב. די באַקן האָבן זיך אויסגעפילט, באַקומען צוריק די אַמאָליקע קאָלירן. דאָס בייכל האָט זיך פאַרקיילעכט. ער האָט גענומען לערנען מיט אַ סדר, פאַרברענגט מיט מענטשן, געזאָגט אַ שיעור אין חברה ש״ס. די שטאָט האָט אים גענומען ליב האָבן, עפּעס אַ שיינדל פון אַ יונגן־מאַן.

פונקט צום יאָר איז געקומען קיין אַליק דער פריץ מיט בת־שבעלען צו נעמען דעם גט, ווי דער פּסק איז געווען. ער האָט אָנגעקוקט זבולקען, ער האָט נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויגן. ער האָט געהערט ווי ער זאָגט דעם שיעור פאַר די בעלי־הבתים אין בית־המדרש. אַ שיין זיס קול, אַזאַ לעבעדיקער גלאַנץ אין די אויגן. און אַלע זיצן מיט אָפענע מיילער, הערן זיך צו צו זיין תורה.

דער רבי האָט זיך אָפּגערופן צום פריץ: „מילא, ווילסט אַ גט, זאָל זיין אַ גט, אָבער איך האָב פאַר דיין טאָכטער אַ גוטן שידוך. אַ יונגער־מאַן

אַ גרויסער תּלמיד־חכם, אַ מוסמך פֿאַר רבנות. שיין ווי די לבנה, און דערצו... פֿאַרמאָגט ער אייגענע פֿינף טויזנט רובל".

דער פּריץ האָט צוגעוואָרפֿן אַ בליק אויף זיין טאָכטער. זי רייסט נישט אָפּ די אויגן פֿון דעם שיינעם, ליכטיקן יונגן־מאַן, וואָס זיצט ברייטלעך ביים רבנים־טיש און פּילפּולט זיך מיטן רב אין דער סוגיא פֿון „עד נעשׂה דיין" ביי גיטין.

דער רבי האָט אַ שמייכל געטאָן אין דער וואָנצע און געפֿרעגט דעם פּריץ:

— נו, וואָס זאָגט איר, מחותן!

— נו, וואָס איז דאָ צו זאָגן! מען דאַרף שיקן ברענגען לעקעך און בראָנפֿן, טרינקען „לחיים" און ווינטשן „מזל־טוב", מען זאָל זוכה זיין צו זען ביי די קינדער אַ דור ישרים יבורך. אָמן ואָמן!..

אַ פיש

ווער עסט עס פיש אין מיטן דער וואָך ? אַ נאַשער, אַ פּרעסער, אַן אָנזעצער אָדער, למשל, להבדיל, אויף אַ סעודת־מיצווה און אין די ניין טעג, ווען מען טאָר נישט עסן פליישׁ. אַזוי עסט אַ ייִד פיש נאָר אין שבת. די גמרא רעכנט אויס אַ סך טעמים פאַר וואָס עס איז גוט צו עסן פיש; עס איז געזונט פאַר די אויגן; גוט פאַר קינדער האָבן; היט פון עין־הרע; אַ פרוי וואָס טראָגט און עסט פיש האָט באַחנטע קינדער, און „דג" באַטרעפט זיבן, וואָס איז אין קבלה אַ חשובער ציפער. אַפילו אין דער תורה אַליין שטייט, אַז בשעת ייִדן זענען געגאַנגען אין דעם מידבר האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרגעסן דאָס גוטע שטיקעלע פיש, ווי דער פסוק זאָגט: „זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים".

אָבער דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן אין שבת, ווען מען מאַכט פריִער קידוש אויף אַ גוט גלעזעלע וויין, און דערנאָך שווענקט מען אָפּ דעם האַלדז מיט אַ שאַרף ביסל משקה, האָט אַ שטיקעלע פיש אין מיטן — טויזנט טעמען און זיבן חנען, אָבער אין דער וואָכן, ווען מען איז פאַרהאָרעוועט און פאַרשמייעט אין געשעפטן, אַלץ גייט כאַפּ־לאַפּ, טאָ וואָס פאַר אַ טעם קענען האָבן פיש? אדרבא, מען קאָן זיך נאָך חלילה קרעקן מיט אַ ביין אין האַלדז אויך...

דאָך איז געווען אַ מעשה ווען חסידים האָבן געגעסן פיש אין סאַמע מיטוואָך. נאָר לאָמיר דערציילן די מעשה מיט אַ סדר.

די זשיטאָמירער חסידים האָבן אַ מאָל איינגעלאַדן דעם רבין ר׳ ברוכל פון מעזשיבוש, ער זאָל קומען קיין זשיטאָמיר אין אַ פּראָסטן וואָכנטאָג. געווויינטלעך האָבן די חסידים צוגעגרייט לכבוד דעם רבין, אַ גוטע סעודה

מיט יויך, פלייש און צימעס, אַזוי ווי עס איז נהוג ביי גוטע ייִדן. אָבער דער רבי ר׳ ברוכל האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל צוגרייטן פיש אויך. אין מיטן דער וואָך פיש, איז אַ שטיקל חידוש, אָבער אַז דער רבי זאָגט, איז דאָך נישט שייך. האָט מען געקויפט אַ העכט פון אַ צען פונט די וואָג. דער רבי אַליין האָט געזאַלצן דעם פיש, ווי די גמרא דערציילט, אַז דער אמורא רבא האָט יעדן פרייטיק פאַרמאַכט די גמרא און האָט אַליין גע־זאַלצן דעם פיש לכּבוד שבת. בשעת־מעשׂה האָט מען געזען באַשיימפּער־לעך, ווי דער רבי האָט גרויס שׂימחה מיט דעם פיש, כאָטש עס איז אין מיטן דער וואָך, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט פאַר וואָס.

אין אָוונט, ביי דער סעודה, האָט מען יעדן מכבד געווען מיט אַ גרויסער פּאַרציע פיש. דער עולם האָט געגעסן מיט הנאה. דערנאָך האָט דער רבי געטיילט „שיריים״ פון זיין פּאַרציע פיש, מען האָט נאָכגעטרונקען אַ גלעז־זעלע „לחיים״, און דער רבי ר׳ ברוכל האָט, אַנשטאָט תּורה זאָגן, דער־ציילט אַ מעשׂה:

מיט יאָרן צוריק איז געזעסן אין זשיטאָמיר אַ יונגער־מאַן וואָס איז פול געווען מיט תּורה און חכמה ווי אַ מילגרוים. אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ שאַרפן, ווי אַ שבת־מעסער, דאָך האָט ער זיך געיאָגט רק נאָך אמת. ער האָט נישט ליב געהאַט פּילפּולים מיט דרייעגישן, נאָר פּשוט פּשט; וואָס דער תּנא האָט געזאָגט און ווי דער אמורא האָט מפרש געווען. דערצו האָט ער געלערנט די תּורה בקדושה ובטהרה. יעדן טאָג געגאַנגען אין מיקווה אַריין, נישט צוגעלאָזט צום מוח שלעכטע געדאַנקען, נישט קיין קינאה, נישט קיין שׂינאה, נישט קיין לשון־הרע. טאָמער האָט ער געהערט אַ חידוש, האָט ער נאָכגעזאָגט אין יענעמס נאָמען, ווי די חכמים זאָגן, אַז מען זאָגט נאָך דברי־תּורה אין יענעמס נאָמען, איז מען מקרב די גאולה.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ יונגער־מאַן לערנט תּורה לשמה מיט קדושה און טהרה, האָט עס אויבן, אויפן הימל, געמאַכט אַ גרויסן רושם. געווען שעהען ווען פּמליא־של־מעלה האָט אָוועקגעלייגט אַלע געשעפטן און זיך איינגעהערט די הייליקע תּורה פון דעם דאָזיקן טייערן יונגן־מאַן.

אַז דער שׂטן האָט געזען אַזאַ „צרה״, האָט ער געגומען ציטערן מיט אַלע ביינער. ווער ווייסט! דער יונגער־מאַן קאָן דאָך „חלילה״ אַראָפּ־

ברענגען די גאולה פון הימל... איז געגאַנגען דער שׂטן און געבעטן רשות פון אייבערשטן, אויסצופרווון דעם יונגן־מאַן, און ער האָט גענומען צו־טראַכטן אַ פּלאַן ווי אַזוי אַראָפּצופירן דעם יונגן־מאַן פון וועג.

אַוודאי וועט דער שׂטן נישט צוגיין צו אַזאַ יונגן־מאַן און אים אָנרעדן צו אַן עבירה. ער וואָלט דאָך אים אָנגעשפּיגן אַ פולן פּנים. טאָ וואָס האָט ער געטאָן? קודם־כּל האָט ער מפרסם געמאַכט אין שטאָט, אַז דער יונ־גער־מאַן איז אַ גרויסער למדן און צדיק און אַז די שטאָט איז מחויב צו האַלטן אים בכּבוד־גדול. ער האָט אָנגערעדט די שטאָטלייט, אַז מען זאָל אויפשטיין פאַר אים ווען ער קומט און גייט פון שול און אין שול. זיין ווייב האָט געהאַט אַ בשׂמים־קלייט אין מאַרק, האָט ער גענומען איר אָנ־שיקן קונים אָן אַ סוף. די אָרעמע פרוי האָט שוין קיין כּוח נישט געהאַט צו באַדינען די קונים וואָס האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. האָט זי איין מאָל געבעטן איר מאַן, ער זאָל איין שעה אין טאָג צוהעלפן צום מיסחר. אין תּחילת האָט ער ניט געוואָלט הערן. וואָס הייסט! ביטול תּורה? אָבער ווייבער ווייסן שוין די גוטע מינוט ווען מען קאָן ביים מאַן אויסבעטן אַל דאָס גוטס. מילא, האָט ער שוין מסכּים געווען נאָר אויף איין שעה און ער איז אויפגעשטאַנען יעדן טאָג אַ שעה פריִער. דערווייל איז דאָס געשעפט געוואַקסן, צוגעקומען נאָך קונים, יידן און גויים, דער יונגער־מאַן האָט שוין געמוזט העלפן דעם ווייב צוויי שעה אַ טאָג, דערנאָך — דריַי, פיר. ער איז דערווייל שטאַרק רייך געוואָרן. געגעסן מעדנים און אָנגעטאָן בגדי־מלכות. ביסלעכווייז איז ער אַרויס פון לערנען און אַריין אין מיסחר. עס האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט פאַר אים. ער איז שוין געפאָרן קיין קיִעוו און קיין אָדעס איינקויפן סחורה. ער האָט זיך באַקאַנט מיט הפקרדיקע וואַיאַזשאָרן, און פריילעכע סוחרים־כאַליאַסטרעס. ער האָט זיי געהערט רעדן געמיינע רייד. תּחילת האָט עס אים געגרילצט אין אויער. דערנאָך האָט ער זיך צוגעוווינט און אַליין גענומען רעדן ניבול־פּה. די חכמים זאָגן, אַז ווער עס איז פּוגם אין „ברית־לשון", איז אויך פּוגם אין אַנדערן „ברית". סוחרים האָבן אים אָנגערעדט, איז ער אויך מיטגעגאַנגען. בקיצור, דער יונגער־מאַן האָט עובר געווען אַ שאָק עבירות יעדן טאָג, און דער יצר־הרע האָט זיך געפּאַטשט אין גראָבן בויך: אָט האָב איך דעם

יונגן־מאַן געפּאַקט אין מיינע קלעשטשעס, ער וועט שוין פון מיינע הענט נישט אַרויס...

אַ מאָל האָבן אַ חברה אָדעסער סוחרים איינגעאָרדנט אַ באַל אין אַ פּריצישן הויף מיט מוזיק און געזאַנג, טענצעריניס און זינגעריניס, עסן און טרינקען, אַוודאי, נבילות וטריפות. זיי האָבן דעם יונגן־מאַן פון זשיטאָמיר אויך איינגעלאַדן צו דער חינגה. ער האָט אויסגעזוכט אַ תּירוץ פאַרן ווייב, אַז ער פאָרט קויפן סחורה, ער האָט איינגעשפּאַנט די קאָטש און געפאָרן.

עס איז שוין געווען אלול־צייט. דער הימל פאַרכמורעט. אַ בייַסיק בייז ווינטל האָט געפּליקט די לעצטע פאַרגעלטע בלעטער פון די ביימער אַראָפּ. דעם יונגן־מאַן איז געוואָרן סומנע אויפן האַרצן. ער האָט זיך פלוצלונג דערמאָנט אין די פאַרגעלטע גמרא־בלעטער. שוין לאַנג נישט געטראַכט פון זיי. עפּעס גאָר אַן אַנדער לעבן געווען אַ מאָל. טאַקע שטיל, רויִק, אָבער אינערלעכע פרייד און תמימות. אַ לעבן פון חידוש און שאַפונג, און טאַקע אמת אויך. ווען האָט ער אַ מאָל געזאָגט ליגן זיין ווייב? היינט לייַגט ער איר, וויפל עס לאָזט זיך. אַ מאָל איז זיך אַלץ געפלאָסן ווי אַ רויִק טייכל, נישט געפּילט ווי די צייט לויפט. היינט יאָגט ער זיך נאָך תּאוות, קען זיי קיין מאָל נישט זעטיקן. אָט ווייזט זיך שוין אַ גרויער האָר אין שלייף. מען ווערט עלטער... ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט ווי פון אַ בייזן חלום. די קאָטש איז אַריינגעפאָרן אין אַ ייִדיש שטעטל. עס איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך, איז ער צוגעפאָרן צו אַן אכסניה נעכטיקן. עפּעס האָט ער געזען ווי אַלעמענס פּנימער זענען פאַרטרויערט. ער האָט זיי געפרעגט די סיבה. האָבן זיי אים דערציילט, אַז דער פּריץ האָט היינט אַרעסטירט דעם פאַכטער מיט זיין פרוי און קינדער פאַר אַ חוב פון הונדערט רענדלעך. אַ טייערער ייִד דער פאַכטער, מיט אַ קראַנק ווייב, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי אויסלייזן פון גוייִשע הענט.

עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ גרויס רחמנות אויף דער אָרעמער ייִדישער משפּחה. אָט גייט ער אויסגעבן הונדערט רענדלעך פאַר זיינע תּאוות. בעסער וואָלט ער ראַטעווען די ייִדישע משפּחה... בקיצור, ער האָט טאַקע אַרויסגעראַטעוועט די ייִדישע משפּחה. דער פאַכטער איז אים געפאַלן צו די פיס און געקושט די קנעכל. די חכמים זאָגן, אַז אַ מיצווה שלעפּט נאָך אַ מיצווה.

דעם יונגן־מאַן האָט אַרומגעכאַפּט אַ רוח פון תּשובה. ער האָט זיך דער־מאָנט אין די ימים־נוראים. ער איז אַריין אין שטעטלשן בית־המדרש, גע־דאַוונט מיט מנין, נאָך יאָרן נישט דאַווענען. דאָס האַרץ האָט זיך אים איבערגעקערט צו ייִדישקייט. צו מאָרגנס האָט ער אויסגעדרייט דעם דישל און איז אַהיים געפאָרן.

אַ גאַנצן וועג אַהיים האָט ער אַריינגעטראַכט אין זיינע עבירות, צווישן זיי אַזעלכע וואָס עס העלפט נישט קיין תּשובה. ער האָט דאָך געקאָנט לערנען, האָט ער געוווּסט וואָס עס טוט זיך. עס איז אים ענג געוואָרן אין מוח. וואָס וועט ער טאָן? וווהין וועט ער אַוועקפירן זיין חרפּה? ווען ער וואָלט כאָטש זיך געקענט אַליין אויספּאַטשן און שמייסן זיך מיט אייזערנע ריטער — וואָלט ער עס גערן געטאָן...

די קאַטש איז אַרויפגעפאָרן אויפן דניעסטער־בריק. די טייכוועלן האָבן זיך געמיניעט ווי די טויזנט אויגן פון מלאך־המוות. אָט האָט זיך גע־עפנט אַ כוואַליע — אַזוי ווי זי רופט אים. ער איז ראַפּטעם אַראָפּ פון קאַטש, אַריבער די באַריערע פון בריק און האַסטיק אַראָפּגעשפרונגען אין טייך...

די חסידים ביים טיש זענען געזעסן ווי פאַרגליווערט, מיט אָפענע מיילער. דער רבי ר׳ ברוכל האָט פאַרגעזעצט:

אַז די נשמה פון יונגן־מאַן איז געקומען אין הימל, האָט מען געוויגן זיינע מיצוות און עבירות. שלעכט! שווערע, גראָבע עבירות וועגן מער ווי מיצוות. אָבער דאָך, ער האָט דאָך געראַטעוועט אַ ייִדישע משפּחה. האָט בית־דין של מעלה באַשלאָסן: נישט גיהנום און נישט גן־עדן, נאָר ער זאָל מגולגל ווערן אין אַ פיש פון זעלבן טייך. אַז דער פיש וועט אַ מאָל אַרויפ־קומען אויף אַ ייִדישן טיש ווו מען וואַשט זיך צו „שאו ידיכם" און מען מאַכט אַ ברכה אויפן עסן — וועט ערשט די נשמה האָבן איר תּיקון...

דער רבי ר׳ ברוכל האָט אויפגעהויבן דעם כּוס משקה און געזאָגט צום עולם:

— טרינקט ייִדן, לחיים, לאָמיר אַלע מתפּלל זיין פאַרן תּיקון פון דעם אומגליקלעכן יונגן־מאַן און פאַרן תּיקון פון אַלע פאַרבלאָנדזשעטע ייִדישע נשמות...

אַ בלאָטע

אין ראַכמעסטריווקע איז געוואָרן יום־טוב אין דער וואָכן. דער רב ר׳ מאָטעלע פון טשערנאָביל האָט צוגעזאָגט צו קומען אין שטעטל און פאַר־ברענגען אַ טאָג מיט זיינע חסידים. אַ גאַנצן חודש פריִער האָט מען אָנגע־הויבן מאַכן די הכנות. אין חסידים־שטיבל האָט מען אויפגעהאָנגען אַ נייעם פּרוכת און אויסגעווייסט די ווענט מיט קאַלך. אין די פאַרבלאָטיקטע געס־לעך האָט מען אויסגעלייגט ברעטער, דער רבי מיט זיין סוויטע זאָלן זיך נישט פאַרבלאָטיקן די בגדים. מען האָט געגומען זוכן אַ בכּבודיקע אכסניה, וווּ דער רבי וועט פּראַווען די חסידים און ווו מען וועט מאַכן די סעודה פאַר זיין כּבוד וועגן. עס זענען געווען אַ סך בעלנים, וואָס האָבן געוואָלט האָבן די זכיה צו האַלטן דעם רבין ביי זיך אין שטוב, אָבער זייערע דירות זענען נישט געגוג גרויס געווען צו מאַכן דאָרט די סעודה פאַר איבער הונדערט מענטשן. געווען אין שטעטל אַ גרויסע דירה ביי מאיר דוואָשעס דעם האָלץ־סוחר, מיט צוויי גרויסע סאַלאָנען, אָבער ער איז נישט געווען קיין גרויסער מכניס־אורח, און זיין ווייב דוואָשע איז תּמיד אַרומגעגאַנגען מיט אַ שמאַטקע אין די הענט, געבלאָזן און געווישט דעם שטויב פון די מעבל. טאָמער איז אַריינגעקומען צו איר אַ מענטש, האָט זי אים פאַר־האַלטן אין פּירהויז, ער זאָל נישט שמוציק מאַכן די רויט געפאַרבטע פּאָדלאָגעס פון אירע סאַלאָנען. דעריבער האָבן די חסידים געמאַכט אַ פּשרה, אַז אַ גאַנצן טאָג זאָל דער רבי זיין ביי ר׳ משה מינץ און דאָרט פּראַווען די חסידים און ביי נאַכט זאָל מען מאַכן די סעודה, טאַקע ביי מאיר דוואָ־שעס אין סאַלאָן, צי ער וויל יאָ, צי ער וויל נישט...

אַוודאי האָט אים, מאיר דוואָשעס, נישט געפּאַסט זיך אָפּזאָגן פון כּבוד,

האַט ער אַרויסגענומען פון זיין ערשטן סאַלאָן אַלע שיינע מעבל, טעפּעכער און פּלושענע קאַנאַפּעס, אַריינגעשטעלט זיי אין צווייטן סאַלאָן און אויף זייער פּלאַץ געבראַכט אַ לאַנגן טיש מיט בענק פון בית־המדרש.

געקומען ביי נאַכט צו דער סעודה, האָט דער רבי אַ בליק געגעבן אין צווייטן סאַלאָן און זיך אָנגערופן:

— ווייסטו וואָס, מאיר! דער דאָזיקער סאַלאָן איז גרעסער, גייט אַריין מער מענטשן. וואָלט כּדאי געווען דאָרט צו מאַכן די סעודה.

— אָבער רבי! — האָט מאיר געגומען שטאַמלען — דאָס ווייב איז בייז, טייערע מעבל, עס וועט שמוציק ווערן.

קיין ברירה נישט געווען, האָט מאיר אַלץ אַריבערגעפירט אין גרויסן סאַלאָן. חסידים האָבן זיך צעזעצט אין די סאַמעטענע פאָטערשטולן, פּלו־שענע קאַנאַפּעס און ביי די שיינע פּאָלירטע טישן פון מאַהאָגאָנען־האָלץ.

אין מיטן דער סעודה איז אָנגעקומען אַ נייער עולם פון אַ דערבייִיק שטעטל. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום טיש, אַרויף מיט די פאַרבלאָטיקטע שטיוואַלעס אויף די טייערע קאַנאַפּעס. דוואָשע האָט שיעור אַ שלאַק גע־קריגן. מאיר האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן. ער איז צוגעגאַנגען צום רבין אָן אויפגערעגטער, מיט אַ טענה: „אַט זעט, רבי, וואָס זיי מאַכן מיר אָן מיט דער בלאָטע".

דער רבי ר' מאָטעלע האָט אים גאָרנישט געפּרוּווט באַרויִקן. ער האָט אים נאָר געבעטן זיך זעצן און אויסהערן אַ מעשׂה.

עס איז געווען אַ מאָל אין אַ שטעטל אַ ייִד, אַ גרויסער עושר. אָבער ווי גרויס עס איז געווען זיין עשירות, אַזוי גרויס איז געווען זיין פּעקל עבירות. נישט קיין שבת, נישט קיין יום־טוב, נישט קיין דאַווענען, ער האָט אַפילו געגעסן טריפה אויך. איין מאָל, אין אַ קאַלטן אָסיען־אָוונט איז ער אַהיים געפאָרן פון אַ יאַריד, האָט ער דערזען ווי אין אַ טיפער בלאָטע איז פאַרזונקען אַ פערד און וועגעלע מיט אַ ייִדישער משפּחה: אַ מאַן, אַ פרוי און עטלעכע קליינע קינדער. דאָס פערדל, אַ דאַרע שקאַפּע, ליגט אין דער בלאָטע, האָט גאָר נישט בדעה צו רירן פון אָרט, און די קליינע קינדער הוסטן פון קאַלטן וועטער.

עס האָט דעם גביר אָנגעכאַפּט אַ גרויס רחמנות. האָט ער אויסגעשפּאַנט

זיינע צוויי שטאַרקע קאַבילעס און זיי איינגעשפּאַנט אין וואָגן פון אָרעמען ייִד, אָבער זיי האָבן אויך נישט געקאָנט אַרויסשלעפּן דעם וואָגן פון בלאָטע. עס האָט גענומען גיסן אַ קאַלטער רעגן. אַ סכּנה געווען, אַז די אָרעמע קינדער וועלן דאָ נישט אויסהאַלטן, איז ער, דער גביר, אַליין אַריין אין דער בלאָטע, אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע און צוזאַמען מיט זיינע צוויי פערד אַרויסגעשלעפּט דעם וואָגן פון בלאָטע.

אין אַ צייט אַרום איז דער גביר געשטאָרבן און מען האָט געבראַכט זיין מישפּט פאַרן בית־דין של מעלה. אויף איין זייט וואָגשאָל האָבן שוואַר־צע מלאכים אַנגעלייגט הויפנס מיט עבירות, איינע פעטער ווי די אַנדערע, און אויף דער צווייטער זייט וואָגשאָל האָט אַ ווייס אויסגעצערט מלאכל אַנידערגעלייגט אַ פּאָר מאַגערע אויסגעדאַרטע מיצוותלעך, אַ רחמנות געווען צו קוקן אויף זיי. די וואָגשאָל האָט אַריבערגעצויגן, ראַפּטעם, אויף דער לינקער זייט. איז דאָך זייער שלעכט! איז אָנגעפלויגן פּלוצעם אַ מליץ־יושר מיט אַ נייער טענה: אַזוי ווי דער גביר האָט נישט לאַנג פאַרן טויט געראַטעוועט עטלעכע ייִדישע קינדערלעך פון טויט, ער איז אַליין אַריינ־געקראָכן אין דער בלאָטע און אַרויסגעשלעפּט דעם וואָגן פון אָרעמען ייִד, און על־פּי דין, אַז מען ראַטעוועט דאָס לעבן פון איין מענטש, איז געגליכן ווי ער וואָלט מקיים געווען אַ גאַנצע וועלט...

האָט בית־דין של מעלה נאָכגעדענקט און געפּסקנט, אַז די טענה איז אַ גערעכטע. האָבן עטלעכע ווייסע מלאכים גענומען דעם וואָגן מיטן פערד מיטן געוויכט פון די מענטשן און אַרויפגעלייגט אויף דער רעכטער זייט פון וואָגשאָל. דאָס צינגעלע האָט געגעבן אַ צי צוריק און זיך אָפּגעשטעלט פּונקט אין מיטן, נישט אַהין און נישט אַהער. איז שוין ווייטער געבליבן דאָס בית־דין אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. רופט זיך ווייטער אָן דער מליץ־יושר:

— אויפן וואָגשאָל ליגט דער ריינער וואָגן און דער ריינער פערד. ווו איז די בלאָטע, וואָס איז געווען אָנגעקלעפּט אין זיי?..

בית־דין האָט נאָך אַ מאָל אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג און געפּסקנט, אַז די בלאָטע קערט אויך אָן צום עסק. מען האָט אַרויפגעלייגט די בלאָטע און דאָס צינגעלע האָט זיך אַריבערגעצויגן לאַנגזאַם לכף זכות...

וואָס טוט מען דאָך מיטן גביר? ער איז דאָך געווען אַ גרויסער בעל־עבירה! איז אַרויס דער פסק־דין, אַז דער גביר זאָל נאָך אַ מאָל מגולגל ווערן אויף דער וועלט, אויך זיין אַ גביר און מתקן זיין וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט אין ערשטן גילגול.

— היינט שטעל דיך פאָר! — האָט ר׳ מאָטעלע אָנגעשפּיצט אויפן גביר זיינע סיווע אויגן — אַז דו ביסט עס דער גביר פון יענעם גילגול און דאָס ביסל בלאָטע האָט דיך געראַטעוועט פון גהינום, טאָ קענסטו נישט פאַרטראָגן היינט אַ ביסל יִדישע בלאָטע?!! מאיר, מאיר! זאָלסט גלייך תשובה טאָן און עפענען ברייט דיינע טירן פון הויז פאַר יעדן ייִד, ווייל דיין גאַנץ לעבן און עשירות איז אין זכות פון יענער בלאָטע...

אַ בעל־עגלה

די וועלט זאָגט: אַזוי ווי צו זיבן, אַזוי צו — זיבעציק; ווער עס איז געווען אַ בעל־עגלה אין דער יוגנט, דער בלייבט אַ בעל־עגלה אויף דער עלטער. דאָס איז טאַקע אמת. עס האָט נאָך קיינער נישט געזען דעם בעל־עגלה, וואָס איז געוואָרן אויף דער עלטער אַ גאָלדשמיד, אַ וואַלד־סוחר אָדער אַ ראש־הקהל פון שטעט. אַזוי איז שוין באַשערט אויף דעם זינדיקן וועלטל. אַז מען ווערט געבוירן אַ בעל־עגלה — שטאַרבט מען אַ בעל־עגלה. פון דעסטוועגן אָבער, אַז אַ בעל־עגלה אויף דער וועלט זאָל בלייבן אַ בעל־עגלה אויף יענער וועלט, אַזאַ מעשׂה האָט מען נאָך נישט געהערט, ביז עס איז געקומען ר׳ אהרעלע קאַרלינער און האָט עס דערציילט פּאַר חסידים, און מעשׂה שהיה כך היה:

אין פּינסק איז געווען אַ בעל־עגלה, האָט מען אים גערופן דער רויטער טעווקע. ער אַליין איז, דווקא, נישט געווען קיין רויטער. אדרבא, ער האָט געהאַט אַ טונקעלן פּנים, ווי אַ ציגיינער, מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר ווי געקאַרבט אין לאָקן. טאַ פאַר וואָס האָט מען אים גערופן רויטער? ווייל ער האָט כּל־ימיו געהאַלטן ביי זיך אין געשפּאַן נאָר רויטע פערד. ער האָט געהאַט אַ קבלה פון זיין טאַטן, דעם רויטן פּינטשע עליו־השלום, אויך אַ בעל־עגלה — אַז אַ פערד וואָס האָט נישט קיין רויטע פעל אויף זיך, איז קיין פערד נישט... אַ קל־וחומר פון אַ פּרה אדומה. מה דאָך אַ פּרה אדומה וואָס מען קען מיט איר קיין האַלב וויאָרסט נישט פאָרן, איז דער דין, אַז צוויי ווייסע האָר פּסלען איר, מכּל־שכּן אַ פערד וואָס מען קען מיט אים דערפאָרן ביז אָרשע און נאָך מיט משׂא דערצו, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי דער דין, אַז ער דאַרף זיין רויט...

דער דאָזיקער רויטער טעווקע האָט ייִנגלווייז געלערנט אין חדר ביי הלל מלמד, וואָס מען האָט אויף אים נאָכגעזאָגט נאָכן טויט, אַז ער איז בחייו געווען צוויי מאָל ביים בעל־שם־טוב. ביז פערצן יאָר האָט טעווקע זיך אויסגעלערנט נאָר צו דרעפּטשען אַ ביסל פּאַסטנע עברי. מער איז אין זיין קאָפּ נישט געקראָכן. עפּעס אַ ווונדער? אַז דער גאַנצער קאָפּ איז אים געלעגן נאָר אין די רויטע פערד. נאָר וואָס דען? הלל מלמד האָט אים טאָקע נישט געקענט מער אויסלערנען, ווי אַ שייטל עברי, אָבער דערפאַר האָט ער אים אַריינגעבראַקט אין אָבראַק אַ שפּאָר ביסל ייִדישקייט, און דאָס איז אים געבליבן ביז צו דער עלטער. טעווקע האָט זיך קיין מאָל נישט אַרויסגעלאָזט אין וועג אָן טלית־ותפילין; ער האָט קיין מאָל נישט אַריינ־געשטאָכן אין שבת אָדער יום־טוב, און אַז עס פלעגט טונקלען אין דרויסן אין אַ וואָכנטאָג, פלעגט ער אָפּשטעלן אין מיטן וועג דעם גאַנצן קאַראַוואַן, מעג זיין רעגן, מעג זיין שניי, האָט ער זיך אַנגעריבן די הענט אין גראָז און געשטעלט זיך מיטן פּנים צו מיזרח דאַווענען מינחה. מישטיינס געזאָגט, אויב דאָס הייסט געדאַוונט! ער האָט געזעצט די ווערטער ווי אַ בלינד פערד: „בחסד מחיי, מתים ברחמים, רבים סומך״, אָבער ער האָט נישט אַדורכגעהיפּט קיין איין וואָרט. דאָס זעלביקע שבת נאָכן שלאָף: אָפּגעזאָגט גאַנץ תהילים, אָסור, אויב דוד המלך אַליין וואָלט דערקענט, ווער דער מחבר איז... אָבער ווי זאָגן די חכמים: „רחמנא ליבא בעי״. דער עיקר איז דאָס האַרץ. און טעווקע האָט געהאַט אַ גוט ייִדיש האַרץ. אַ נדבה האָט ער גערן אַנטקעגנגעטראָגן, אַן אָרעמען ייִד האָט ער גענומען אויפן וואָגן אָן געלט, און מיט אַ ייִדענע אָן עגונה איז ער אַ מאָל אַרומגעפאָרן אַ וואָך צייט, געהאָלפן איר זוכן דעם אַנטלאָפענעם מאַן.

אין יענער צייט האָט אויפגעשיינט דער שטערן פון גרויסן צדיק ר׳ אהרן הגדול פון קאַרלין. מחמת דעם וואָס קאַרלין איז אַ פאָרשטעטל פון פּינסק, האָט מען אין שטאָט נאָכדערציילט די גדלות פון בן־העיר, אַז דער הייליקער מעזריטשער מגיד לויבט אים, אַז ווען ער זאָגט שיר־השירים פרייטיק צו נאַכטס נאָכן עסן, ווערט אין הימל אַזאַ טרעוואָגע, אַז ער, דער מגיד, קען נישט איינשלאָפן אין בעט... דער רבי שניאור זלמן פון ליאַדע זאָגט אויף אים, אַז זיין ייִראת־שמים איז אַזוי גרויס ווי די ייִראה פון אַ

מענטש וואָס שטייט ביי דער שיסוואַנט און אַ געלאָדענע ביקס איז אָנגע־שטעלט אַנטקעגן האַרץ... די קאַרלינער יידן ווייסן, אַז יעדן מוצאי־שבת, ווען ר׳ אהרעלע זינגט די „אליהוס״ און ער זאָגט: „אשרי מי שנתן לו שלום והחזיר לו שלום״, פילט מען באַשיימפּערלעך, ווי אַ „רואה ואינו נראה״ דריקט אים די האַנט. און כּדי צו פאַרשלייערן פרעמדע אויגן, שטרעקט ער אויס די האַנט צום זון ר׳ אָשרל... היינט זיין שבת־זמר „יה אכסוף״, וואָס ער האָט אַליין אָנגעשריבן מיט אַזאַ לירישן געפיל, מיט אַזוי פיל ליבע און בענקעניש צום בורא־עולם און צום הייליקן שבת...

אַז די קלאַנגען פון שטאָטישע גרויסן צדיק זענען דערגאַנגען אין בית־המדרש ווו דער רויטער טעווקע האָט געדאַוונט, האָט ער, טעווקע, ביי זיך געטראַכט: מילא, קיין חסיד קען ער נישט ווערן, ווייל ער האָט געהערט פון הייליקן רבין, ווי ער האָט געלערנט שבת אין בית־המדרש, אַז אַן עם־הארץ קען קיין חסיד נישט זיין. אָבער עפּעס העלפן, אַ טובה טאָן, אַ שליחות, אַ נסיעהלע, דאָס קען ער דאָך מאַכן. האָט ער זיך איינ־געפעדעמט אין ר׳ אהרעלעס שטוב, געמאַכט אַ שליחות פאַר דער רביצן, און עטלעכע מאָל האָט ער אַליין געפירט ר׳ אהרעלען קיין לעכעוויטש צו אַ יונגן־מאַן ר׳ מרדכילע און קיין אמדור צו איינעם אַ ר׳ חייקל פּרוש.

מיט אַ מאָל האָט טעווקע אויפגעהערט צו קומען אין ר׳ אהרעלעס שטוב. ר׳ אהרעלע האָט עס אַפילו נישט באַמערקט. ער איז דעמאָלט אַ סך געווען אין מעזריטש, און אַז ער איז שוין אַהיימגעקומען אויף אַ יום־טוב, איז ער געפאָרן מיט אַן אַנדער בעל־עגלה. אַ חילוק ווער דער בעל־עגלה איז? אָבער דער רביצין האָט עס יאָ אינטערעסירט. זי האָט זיך עטלעכע מאָל נאָכגעפרעגט, ווו איז טעווקע פלוצלונג פאַרשוווּנדן געוואָרן? אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט צו ענטפערן, ווייל חסידים זענען ווינציק געגאַנגען קיין פּינסק. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דאָס מחלוקת מיט די מתנגדים, און דער פּינסקער רב ר׳ רפאל כּהן האָט נישט געלאָזט אַ חסיד פאַר די אויגן.

אַ מינהג געווען ביי ר׳ אהרעלען פון אייביק אָן, אַז אַלע פרימאָרגן פאַרן דאַווענען האָט ער געלערנט מיט עטלעכע יונגע־לייט אַ בלאַט גמרא מיט תּוספות און מפרשים בעיון. מחמת דעם וואָס ער איז געווען דער

איש האמת אין אַלע זאַכן, איז ער אויך אין לערנען געווען אַן איש האמת. דעריבער האָט ער זיך קיין מאָל נישט געלאָזט גענאַרן אין לערנען. ער האָט געמוזט פאַרשטיין גרינטלעך יעדן קוועטש און קנייטש אין די ווער־טער פון רש״י און תוספות און זיך אַראָפּלאָזן ביז צום יסוד פון דער כוונה בניגלה ובניסתר. אַז נישט — האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט. אין יענעם טאָג האָט זיך ר׳ אהרעלע אָנגעשטויסן אויף אַ שווערן תוספות, ער האָט בשום־אופן נישט פאַרשטאַנען וואָס דער רבינו תם וויל דאָ זאָגן. זיינע מיטלערנערס, די יונגע־לייט, האָבן אים צוגערעדט מען זאָל ווייטער לערנען: אפשר אָט סתם אַזוי אַן איבעריק וואָרט! אָבער ר׳ אהרעלע האָט זיך גוט געבייזערט: דער הייליקער רבינו תם וועט נישט שרייבן אַפילו קיין איבעריקן אות. דאָ ליגט אַ טיפע כוונה, און איך ווייס נישט וואָס... אין דאָזיקן טאָג האָט ר׳ אהרעלע נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נישט צוגע־לייגט זיך צום נאָכמיטאָג־שלאָף. ער איז אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרזונקען אין דער גמרא, און טרערן זענען אים גערונען פון די אויגן מחמת אָנ־שטרענגונג אָדער אפשר פון האַרצווייטיק. עס איז נאַכט געוואָרן. די בני־בית זענען שוין געגאַנגען שלאָפן. עס ווערט שוין חצות און ר׳ אהרעלע רירט זיך נישט פון אָרט.

אַרום פאַר טאָג האָט ר׳ אהרעלע דערפילט ווי עמעצער איז דאָ אין שטוב. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן פון דער גמרא. וועמען האָט ער גע־זען? דעם רויטן טעווקע בעל־עגלה איינגעוויקלט אין אַ שעפּסענעם פעלץ מיט אַ פוטער־טשופּע פאַררוקט איבער די אויגן. ער האָט דערלאַנגט ר׳ אהרעלען אַ בריוו און איז גלייך אַוועק. ר׳ אהרעלע האָט געעפנט דעם בריוו און געלייענט דעם תוכן. עס האָבן אים גענומען ציטערן אַלע אָברים און פייערדעדער האָבן זיך אים געדרייט פאַר די אויגן. אין דאָזיקן בריוו איז געשטאַנען געשריבן די אמת ריכטיקע כוונה וואָס דער רבנו תם האָט אין זינען געהאַט בשעת ער האָט געמאַכט דעם תוספות. ר׳ אהרעלע האָט אויפגעוועקט דעם שמש, ער זאָל גלייך רופן טעווקע בעל־עגלה. האָט דער שמש אָנגעקוקט דעם רבין מיט אַ דערשראָקענעם בליק:

— וואָס! רופן טעווקע בעל־עגלה? ער לעבט דאָך שוין נישט מער ווי אַ יאָר צײַט...

אין דער זעלביקער נאַכט איז טעווקע געקומען ר׳ אהרעלען צו חלום און דערציילט, אַז ווען ער איז געקומען אויף יענער וועלט, האָט פמליא של מעלה נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אים: געבן אים גהינום? פאַר וואָס קומט אים אַזאַ שטראָף? ער איז דאָך געווען אַ רעכט פרומער ייִד, אַ ייִרא־שמים. מען זאָל אים אַריינלאָזן אין גן־עדן? ווי קען מען עס טאָן? אַז קיין איין מיצווה האָט ער נישט געטאָן ווי רעכט איז, דאָס דאַווענען איז ביי אים אַרויסגעקומען קאָטשערעס און לאָפּעטעס; דעם תהילים האָט ער צעהאַקט און צעבראָקט ווי צעריבענע „סעטשקע״; פון אַ פּרשה חומש האָט ער געמאַכט אַן אָבראָק, ווי פאַר אַ יונגן זשעבראַק. טאָ ווי קען מען אים אַריינזעצן מיט צדיקים אין גן־עדן?..

איז געבליבן געגרעשעט, מען זאָל אים געבן אַ געלעגער אין אַ פאַר־הייַזל פון גן־עדן, און ווען עס וועט זיך מאַכן אַ שליחות, אַ יאַזדע פון אויבן אַראָפּ, זאָל ער זיין דער שליח...

אַזוי אַרום איז טעווקע בעל־עגלה געבליבן ווייטער, אַפילו אויף יענער וועלט, דער זעלביקער בעל־עגלה...